געזאַמעלטע דראַמען

פון

פרץ הירשביין

LIBRARY, TORONTO

פיערטער באנד.

MAR 04 1985

אַרויסגעגעבען פון די ליטעראַריש־דראַמאַטישע פעראיינען אין אַמעריקא.
ניו־יאָרק 1916.

Copyright by Peretz Hirschbein
1916

אינהאלט פון פיערטען באנד:

חוה

נבלה

די ערד

צווישען טאָג און נאַכט

אויפ'ן שייד וועג

Digitized by the Internet Archive
in 2026

https://archive.org/details/collecteddramaso0004vari

חוה

פערזאנען:

אליה, א דארף־שניידער.

מנוחה, זיין ווייב.

יואל, זייער זוהן.

חוה, מנוחה'ס א פלימעניצע, א יתומה.

דער רב.

זלמן, גבאי.

גאלדע, א שכנ'טע

חיימ'טשע

בערטשע

נחומ'טשע

ע ר ש ט ע ר א ק ט.

ביי אליה דעם שניידער.

אַ שמאָלער, נידריגער צימער. צוויי קליינע פענסטער־לעך אין דער רעכטער וואַנד. לינקס — אַ טיר אויף דער גאַס אַרויס. דאָס מעבעל בעשטעהט פון אַ טיש, אַ פּאָר בענק־לעך, אַ גראַטקע, אַ פּאָליצע מיט פערשטויבטע ספרים א. ד. ג. אין הינטער־גרונד זעהט זיך אַ צווייטער צימער שעהנער אויפ־גערוימט. די טיר, מיט אַ גלעזערנע שייבעל, איז אָפען און עס זעהט זיך אַ פּלייצקע פון אַ הילצערנע בעט. ביים זייט אַ פענסטער און נעבען איהם אַ טישעל. פאר נאַכט. סוף זומער.

א ל י ה

זיצט ביים טיש, וואָס שטעהט נעבען פענסטער און נעהט אַ פּוי־ערשע סערמיגע. ס'ווערט טונקעלער און איהם איז שווער צו נעהען, ווישט ער דעם טוי פון די שויבען אונטערברומענדיג אַ ניגון'דיל.

מ נ ו ח ה

קומט אַריין פון דער גאַס. אויפ'ן קאָפּ אַ טוך. זי טראָגט אַ בגד אויפ'ן האַנד. צו אליה'ן:

וואָס בלענדסטו זיך די אויגען? וועסט מאָרגען ענדיגען.

א ל י ה

וואָס טראָגסטו אַזוינס?

מ נ ו ח ה

צו פערריכטען. אַ נו אדרבה, טרעף וועמעס עס איז?

בעווייזט איהם אַן אַלטען קאפּטען.

א ל י ה

טאַטע.

אטלעס! כ׳קען שווערען — דעם רב׳ס שבת׳דיגער אויבער־בגד — צו פעררייכטען?

מ נ ו ח ה

אין די עלענבויגענס אויסגעריבען... פרעגסטו גאר נישט ווי איך קום אהין?

א ל י ה

כ׳טראכט עס טאקע.

מ נ ו ח ה

צופריעדען.

פרעג שוין בעסער גאר נישט.

א ל י ה

מסתמא יואל, וואס?

מ נ ו ח ה

איך בין פערבייגעגאנגען דאס בית־מדרש געסעל, הער איך מען רופט: „מנוחה! מנוחה!" כ׳קוק מיר אום — די רבי׳צין שטעהט אין פענסטער און רופט. כ׳האב מיר פערשעמט: אזא הילוך ווי איך געה; טאמער פרעמדע מענשען דארט.

א ל י ה

וואס זשע האט זי דיך געדארפט?

מ נ ו ח ה

הערסטו דאך. רוימט זי מיר איין א סוד אין אויער, אז יואל איז דארט ביי זיי. שוין אפשר זעקס שעה זיצט ער פערשפארט מיט׳ן רב אין איין חדר און לערנען. נו וואס זאגסטו, אליה?

א ל י ה

וואס זאל איך זאגען? וואס קען א פראסטער מענש זאגען? ער בלייבט א ווייל שטיל, א צופריעדענער שמייכעל צוגיסט זיך איהם אויף זיין פנים. בעקוקט נאך אמאל דעם רב׳ס בגד. דעם רב׳ס שבת־דיגער מלבוש... ווייסט אז אין דעם מלבוש געהט ער שבת צו דער תורה?

מ נ ו ח ה

איך בין דאָרט א ווײַלע געשטאַנען. כ'האָב געהערט זײַער בײַ־דענעם קול. ער האָט דעם רב איבערגעשריען. אזוי ווי מיט א הײַ־זעריגקײט האָט ער גערעדט; אזוי צוהיצט און דער רב האָט אַלץ פער'גאַפּ'ט אונטערגעכאַפּט: „יאָ, און וואָס ווײַטער, וואָס ווײַ־טער"...

א ל י ה

קענסטו אפשר כאָטש א פּאָר ווערטער איבערזאָגען פון זײַער לערנען?

מ נ ו ח ה

ווי רעדסטו אזא נאַרישקײט? ווי קום איך דערצו?

א ל י ה

און וואָס האָט די רבי'צין גערעדט צו דיר?

מ נ ו ח ה

קענסט זיך גאָר ניט פאָרשטעלען ווי זי האָט גערעדט מיט מיר... טאַקע עפּעס פון גאַנצען הארצען. געזעהן ווי א מענש ווינשט מיר גוטס.

א ל י ה

טאָ צינד מיר טאַקע אָן דעם לאָמפּ.

מ נ ו ח ה

זי צינדט אָן דעם הענג־לעמפּעל, וואָס בײַ. אליה'ן איבער'ן טיש.

„געבענשט זאָל זײַן די מאַמע" — האָט זי געזאָגט פון רב'ס ווענען.

א ל י ה

בעקוקט פאר'ן לאָמפּ די קאַפּאָטע.

אַטלעס, ווי עס גלאַנצט! זעהסטו, מנוחה, אין די עלענבויגענס דורכגעריסען; פון קלערען קומט עס! שטענדיג אָנגעשפּארט דעם קאָפּ אויף די הענד.

מ נ ו ח ה

דער רב מוז האָבען א גרויסען שטערן... און יואל'ס שטערן... הערסט, אליה, מיר דוכט זיך צײַטענווײַז, יואל'ס שטערן לײַכט...

די שכינה זאָל עס לייכטען? וואָס זאָגסטו, אליה?

אליה

איז פאַר'עסק'ט מיט דער קאַפּאָטע.

ווי דין דער אטלעס איז! דינער נאָך ווי זייד. געוואוינט צו האַל־טען צווישען די פינגער פויערשע סערמיגעס... הערסט, מנוחה? מען וועט בעדאַרפען קויפען גאַר אַנדערע נאַדלען. ס'איז ביי מיר גאַר אַזאַ דינגע נאַדעל ניטאָ. ס'מוז נאָך געווים זיין דער חופּה־מלבוש. רבנים צו דער חופּה נעהט מען אַזוינע בגדים.

מנוחה

און אונזער יואל'ן?

אליה

וואָלט נאָר האַלטען דאַביי. הערסט, מנוחה? איך נעה דאָך מיין גאַנצען לעבען פויערשע סערמיגעס, נאָר פאַר איהם, פאַר מיין קינד.

מנוחה

געזונד און שטאַרק זאָל ער מיר נאָר זיין!

אליה

פאַר מיין קינד וואָלט איך אליין מיט מיינע אייגענע הענד גע־נעהט. פון די דינסטע אַטלעס — און אליין. זאָל ער געדענקען. פערשטעהסט, אז דער טאַטע זיינער האָט איהם גאָר ניט געקענט געבען; נישט מזכה זיין איהם כאָטשע מיט א פּסוק חומש — איז צו דער חופּה... אריינגעהען איהם אין זיין אויבער־בגד, אין די נעט, אלץ וואָס א טאַטע טראָגט אין האַרצען.

מנוחה

נאַרישער מענש איינער.

אליה

ביזט א קינד, מיינסט אז כ'בין אַן עם־הארץ, נישט געלערענט און נישט פערשטאַנען.. ס'איז אָבער פאַרהאַן אַזוינס וואָס אפילו א פּראָסטער שניידער קען פיהלען. אלץ איז דאָך פון גאָט. פער־שטעהסט, אלץ: און איך, און דו, און אונזער קינד וואָס מיר

האָבען...

מ נ ו ח ה

געזונד און שטארק זאָל ער מיר נאָר זיין!

א ל י ה

אַלץ איז פון גאָט. און אז גאָט איז פארהאַן — ווייסטו דאָך. וואָ־רים ווי איז עס געשיקט? דאצו קען איך דאָך א שניידער אויך זיין, מיט מיין שניידערשען שכל — דו פערשטעהסט?

מ נ ו ח ה

זי קוקט איהם אָן פערוואונדערט.

און צו דער חופּה?

א ל י ה

זאָג איך דאָך דיר, אז איך מיט מיין שניידערשען שכל, געפיהל, זעה עס אַלץ. אין דעם אטלעסענעם מלבוש, אין די נעט וועל איך איהם מיין געדאנק אריינגנעהען. און כ׳וועל טראַכטען פון גאָט וואָס האָט מיר אַזאַ ליכט איבער מיין קאָפּ אָנגעצונדען... הא, מנוחה? פערשטעהסטו וואָס מען רעדט צו דיר?...

מ נ ו ח ה

אפשר ביזטו גערעכט.

א ל י ה

וואָס איז שייך גערעכט? אימעצער זאָגט דען, מיר זיינען אונגע־רעכט? איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט — איז דאָך אַלץ פון איהם! איז דען שייך גערעכט און אוּנגערעכט? א אידענע פערשטעהט נישט.

מ נ ו ח ה

וואָס ווילסטו פון מיר? וואָס פערשטעה איך דיר דאָ נישט? ווי דען, אַלץ פערשטעה איך, אַלץ.

א ל י ה

טאָ וואָס זשע שטעהסטו ווי א גלאָמפּ, ווי דו וואָלסט גאָר נישט וויסען, וואָס מען רעדט צו דיר?

מנוחה

מיט טרערען אין די אויגען.

א נארישער געדאנק דרומעלט זיך מיר אין קאפּ.

אליה

וואס ווידער? וואס פאר א געדאנקען? האסטו זיך איינגעהערט, וואס מען האט גערעדט צו דיר? ס׳איז דא א גאט? זאג!

מנוחה

ווי פרעגסטו גאר אזוינע ווערטער?

אליה

איז דא, מיין איך — מיינסטו — וויל איך זאגען, שוין! אויס געדאנקען!

מנוחה

ווילסט אפילו נישט אויסהערען.

אליה

ס׳איז דען פארהאן פון וואס צו הערען? אז דו ווייסט שוין, איז דאך שוין נארישקייט, טא וואס האב איך דא צו הערען?

מנוחה

באשר מאנסלייט קענען נישט וויינען! כ׳ווייס נאך נישט וועמען ס׳איז בעסער. ווייבער וויינען פאר גליק, אז דער וואס אין הימעל זאל אויסהיטען פון אונגליק... ווייניג אונגליקען איז פארהאנען אויף דער וועלט...

אליה

וואס פלוידערסטו? דאך געקומען מיט א ליכטיג פנים און איצטער — זעה, דו ווייסט דאך...

מנוחה

אבער הער־זשע אויס, איצטער גיסען זיך מיר די טרערען און כ׳ווייס אליין נישט פאר וואס... ביי נאכט, ס׳איז אין שטיל שטוב כ׳ליעג אין בעט, קוק זיך ארום אין דער פינסטערקייט און איך זעה גאר נישט ארום זיך... פונקט יעמאלט, ווען מיט די אויגען קען איך גאר נישט זעהן ווערט מיר אין מיין קאפּ אזוי קלאר... און יעמאלט פרעג

איך ביי זיך אליין: „מיט וואָס, מנוחה, זאָג מיר, מיט וואָס האָסטו פערדיענט ביי גאָט, אז ביי דיר, אין דיינע ווינקעלעך זאָל די זונן לייכטען? אז פון דיינע גערערעם זאָל א שטיק ליכט ארויסקומען? מנוחה, אונטער דיין הארצען..." און כ'וויים טאקע נישט פאר וואָס — קוק איך אויף יואל'ן און זעה ווי זיין צורה לייכט, פרעג איך מיר אליין: איז עס דיין קינד? פאר וואָס קומט עס דיר? און מיר דוכט זיך, אז אָט, אָט...

א ל י ה

ווערסטו אפשר שווייגען?!

מ נ ו ח ה

זעהסטו דאָך! דו אויך... כ'לייען דאָך פון דיין פנים, דו טראַכסט אויך דאָס אייגענע...

א ל י ה

מיר מעגען זיך טראַכטען, אז ווערט ביי גאָט זיינען מיר נישט — און גאָט'ס חסד איז גאָר עפעס אנדערש. זיין חסד איז שוין א קאָפּ גרעסער פון דיין ווייבערשען שכל... אָט בעסער ברענג מיר א דינע נאָדעל מיט דינע פאָדעם און כ'וועל מיר זעצען פאַרריכטען דעם רב'ס בגד.

מ נ ו ח ה

שטעהט פערטראַכט.

א ל י ה

וואָס האָסטו זיך פערטראַכט?... זעה, וואָס איז מיט דיר?

מ נ ו ח ה

רבונו של עולם! היט מיר איהם איין... נאָר דו! — נאָר דו...

א ל י ה

ביזטו דאָך א נאר, ביזטו דאָך א פערד'ל. א מאַלאַדיעץ ביזטו זיך, נאָר פאר אזוינע שטות'ערייען קומט דיר גט...

מ נ ו ח ה

ווישט די טרערען.

נאַרישקייטען, אליה, נאַרישקייטען. ס'האָט זיך מיר נאָר אזוי אויס־

געדוכט. כ׳וועל אָנלעגען א פייער און מאַכען פאר איהם אַן עסען. דאָס טעלער׳ל פון הימעל, א חלק פון מיין גן עדן כ׳וואָלט קענען פאר איהם אראָפּנעהמען.

מאַכט פייער אין אויוועז.

א ל י ה

וועלכער איז געשטאַנען פערטראַכט — ברעכט פלוצלונג אויס מיט אַנ׳אונגעלומפּערטען געלעכטער.

כאַ—כאַ—כאַ—אליה! דו ביזט א טפש און דו האָסט א ווייב א טפשה, כאַ—כאַ—כאַ!

מ נ ו ח ה

וואָס איז אליה?!

א ל י ה

גלעט זי.

עך, דו נאַרישע אשה! ביזט מיין ווייב, מיין כשר׳ער זיווג, אונטער־געשריבען פון דעם ערשטען טאָג נאָך. הערסטו, ווען מיר זיינען נאָך ביידע אויף דער וועלט נישט געווען און גאָט האָט א קוק גע־געבען אויף אליה׳ן מיט מנוחה׳ן און א זאָג געטהאָן: אָט זאָל אליה מיט מנוחה׳ן לעבען א וואוילען טאָג! זאָלען זיי! זאָלען זיי.... זאָ־לען זיי האָבען א זוהנעלע, וואָס די שטאָדט זאָל זיך מיט איהם בענטשען; וואָס דער רב זאָל פאר איהם אויף די שפּיצען פינגער שטעהן... פערשטעהסטו נאַרישע אידענע, וואָס מען רעדט צו דיר? וואָס קוקסטו מיר אזוי אָן? מיינסט, כ׳בין, חלילה, נישט ביים קלאָרען זינען? — קלאָרע דבורים! וואָס, נישט? עס ברענט דער פייער אין אויוועז, נעהם שטעל עפּעס צו אזוי... אז — עך, דו מנוחה, נאַריש קינד, וואָס וויינסטו? וואָס וויינסטו?

מ נ ו ח ה

ווייגט זיך פונאַנדער. כליפּעט.

וואָס זאָל איך טהאָן?... וואָס זאָל איך טהאָן?

א ל י ה

טפשה מיינע, וואָס איז מיט דיר? וואָס ווילסטו טהאָן?

מ נ ו ח ה

עס שרעקט מיר, עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ. אליה, מיר זיינען עס נישט ווערט.

א ל י ה

ווערט ביי גאָט! ווערט! שוין איין מאָל געזאָגט. צי דאַוונען איך נישט? כ׳פערשטעה אפילו נישט דאָס וואָס כ׳דאַוון — אָבער מיין כונה... אלץ ליעגט ביי מיר אין האַרצען, פערשטעהסט אין וואָס די נפקא מינה בעשטעהט? דער רב, אָדער אזוי גלאט א למדן, איז אלע געדאַנקען ביי איהם קלאָר, ער זאָגט און ווייסט וואָס ער זאָגט, ער קען אפשר ארויסזאָגען אמאָל וואָס ער פיהלט אויך, און ביי מיר ליגט עס אין האַרצען ווי א גרויסער קנויל פערוויקעלט; און דער עיקר איז עס אין רעכטען מיטען ווי א קניפּעלע... און דאָס קניפּעלע קען איך נישט ארויסרעדען, און דאָס אייגענע ביזט אויך... נאָר מען בעדאַרף נישט. — גאָר נישט נישט, אין גאַנצען איבעריג, אָט דאָס קניפּעלע איז פאר דעם וואָס אין הימעל קלאָר, ער ווייסט וואָס אין דעם קנויל טהוט זיך... פערשטעהט זיך, מיר זיינען ווערט.

מ נ ו ח ה

שטעלט צו וואַסער אין אויוועז.

א ל י ה

וואַשט די הענד.

אָט, וועל איך באלד דאַוונען מעריב, וואָס נאָך? מנחה אויך געדאַוונט צו דער צייט, אפשר נישט מיט מנין — אָבער גאָט ווייסט אלץ.

ס׳הערט זיך רעדען הינטער׳ן טיר.

מ נ ו ח ה

כ׳לעבען אימעצער געהט אהער.

א ל י ה

דעם רב׳ס קול, הערסט?

מ נ ו ח ה

און יואל'ס קול דערקענסטו נישט? יואל מיט'ן רב!

א ל י ה

טהוט אָן שנעל זיין קאפּטען.

דער רב מיט איהם.

ס'עפענט זיך די טיר און אין שטוב קומען אריין דער ר ב גרויז־גראָה, מיט אַ שטריימעל אויפ'ן קאָפּ. נאָך איהם י ו א ל, ביידע האַלטען אין רעכטען מיטען רעדען אין תורה, צוהיצט. זיי שטעלען ניט אָב זייער שמועס ווערענד זיי געהען אַריין.

א ל י ה

כאַפּט זיך אַרויס פריהער.

אַ גוטער נ'אָבענד, רבי!

טרעט אָב אין אַ זייט.

ד ע ר ר ב

אויטאָמאַטיש.

אַ גוטער אָבענד — אַ גוטער יאָהר! ער בלייבט שטעהן מיט יואל'ן אין מיטען שטוב — ווי זיי וואָלטען גאָר ניט שפּירען, אַז זיי זענען אין אַ צימער. א ל י ה און מ נ ו ח ה שטעהען אין אַ זייט מיט גרויס דרך־ארץ.

ד ע ר ר ב

צו יואל'ן צוהיצט.

און די ערד: פרעגט זיך וואָס בעדייט? און אַלץ וואָס איבער דער ערד... און דער הימעל און אַלץ וואָס אין הימעל — אָט וואו דאָס רעכטע פינטעלע שטעקט... קענסטו אפשר א פסוק זיך דערמאהנען, יואל?

י ו א ל

די הימלען דערצעהלען דעם כבוד פון גאָט און פון אַלע זיינע וואונדער־ווערק דערצעהלען די הימלען.

ד ע ר ר ב

אָט, דאָס מיינט מען מיין קינד! דאָס מיינט מען...

יואל

צו וואָס גראָבט מען טיעפע גראָבענס ביים זייט וועג? וואָרום ס'איז גלייכער אין אַ טיעפען גראָבען אריינצופאַלען איידער פון גלייכען וועג אראָבצוגעהן.

דער רב

צופריעדען.

גאָט'ס ווערטער אונטער דיין צונג, מיין קינד; גאָט'ס חסד אויף דיין קאָפּ. ער ווענדט זיך אין דער זייט וואו אליה און מנוחה שטע־הען פערגאַפט. אין די געדערעם ביי דער מוטער, ווען דאָס קינד ליעגט נאָך אין אַ קנויל פערוויקעלט, ברענט אַ ליכט ביי איהם צו־קאָפּענס. וואויל איז צו דעם וועמען דאָס ליכט פון חסד לייכט איהם דאָס גאַנצע לעבען... וואָס ס'דו יואל עפּעס זאָגען אויף דעם?

יואל

עס שיינט די זון ביי טאָג; עס שיינט די לבנה און שטערען ביי נאכט. פונקלען זיי אַלע מיט ליכט און לויטערקייט. פונקעלט פון זיי אַלעמען ארויס דער אמת... און פונ'ם אמת ווינקט זיין חסד... עס שפּראָצען די גרעזער פון דער ערד ארויס און פערוועלקען: זאָל עס דער מענש זעהן; צום טרוקענעם גרעזעלע בויגען זיין קאָפּ אין זעהן — וואו דער אָנהויב איז און וואו דער סוף איז... דער אָנהויב איז — אמת; און דער סוף פון אַלעמען איז ווידער — אמת, און צווישען אָנהויב און סוף איז חסד... אמת און חסד, דאָס איז דער גארטעל וואָס הילט אונז אַלעמען איין... דאָס איז דער שנור וואָס קניפּט די הויכע הימלען מיט דער שפּל'דיגער ערד. ווער עס רייסט די פעדעם, וואָס בעהעפטען הימעל מיט ערד, אויף איהם איז גע־זאָגט געוואָרען: צוליעב דעם זינד ווערט דאָס ליכט איינגעטהאָן..

דער רב

האַלזט יואל'ן.

וואויל צו די אויערן וואָס הערען אזוינע ווערטער. וואויל צו די אויגען וואָס זעהען אזוינס, נישט נאָר אין פּלפּול אליין, אין חידושי תורה איז אַלץ פאר דיר אָפען — אין די סודות פון גאָט מיט זיינע

מענשען אויף דער ערד קוקט אויך אריין דיין ליכטיג אויג... פלוצלונג
וואו זיינען מיר, יואל?

יואל

ביי מיר אין דער היים. דאס איז מיין פאטער און דאס איז מיין
מוטער.

דער רב

שמייכלענדיג צופריעדען.

דאס ליכט פון דער יוגענד האט מיך געצויגען און געפיהרט און
כ'האב אליין ניט געפיהלט.

אליה

צו מנוחה'ן.

צינד נאך אן א ליכט לכבוד דעם רבי'ן.

מנוחה

צינדט אן נאך א קליין וואנד־לעמפעל.

יואל, מיין קינד, זאל דער רבי זיצען.

אליה

זאל דער רבי זיצען.

דער רב

ער קוקט זיך ארום, שאקעלט מיט'ן קאפ.

צי דען נאר אין די הויכע פאלאצען איז זיין נאמען?... אין דער
נידער, אין דער פינסטערניש...

אליה

ער שטעלט נעבען רב א בענקעל.

זאל דער רבי זיצען, מיין קינד, זאל דער רבי זיצען.

דער רב

ווי ער וואלט זיך וועלען אן עפעס דערמאהנען, צופריעדען.

אט דאס איז עס. דאס איז עס... זעץ זיך יואל. זעץ זיך מיין קינד.

ער זעצט זיך.

יואל

זעצט זיך פערטראכט, דער קאפ אראבגעלאזען.

מנוחה

כ׳וואָלט עס געוועזט וויסען אז אזאַ גאַסט וועל איך האָבען ביי זיך אין שטוב.

דער רב

פלוצלונג, מיט אַ געהויבענער שטימע צו אליה׳ן.

זעצט זיך, מחותן!

אליה

וואָס מיינט דער רבי?

דער רב

דער רב וויל זיך מתחתן זיין מיט אליה׳ן דעם דאָרף־שניידער. נו, וואָס שווייגסטו?

אליה

ווי פערלאָרען.

כ׳בין עס נישט ווערט, רבי.

מנוחה

ס׳איז נישט נאָך אונזערע פערדיענסטען.

דער רב

איז עס בעוואוסט וועמעס זכות ס׳איז גרעסער? אַ יגיע כפים, אַ מענש וואָס האָרעוועט מיט׳ן ביטערן שוויים... נו, רבי אליה. וואָס שווייגט איהר? מיין פרומע און עהרליכע אסתר או זיואל.

אליה

זאָל מיין קינד זאָגען.

דער רב

און וואָס זאָגסטו, מיין קינד?

יואל

רעגט זיך, ענטפערט ניט

דער רב

דער רב וויל זיך מתחתן זיין מיט אליה דעם שניידער. ער וויל זיין טאָכטער אסתר מיט אליה דעם שניידערס זוהן זאָלען צו דער חופה געהן... אַלע שווייגען. אפשר בין איך עס נישט ווערט? אפשר

מיין קינד נישט ווערט?... וואָס זשע שווייגט איהר?

א ל י ה

כ'האָב עס מורא איבער מיין מויל ארויסצובערענגען.

מ נ ו ח ה

כ'האָב עס מורא פון מויל ארויסצורעדען.

ד ע ר ר ב

אין וואָס בעשטעהט די מורא?

א ל י ה

מיט אַ מענשען זאָל זיך נישט טרעפען, אזוי, נישט נאָך זיינע ווער־טען נאָך. אז מען פערדיענט נישט, איז נישט, רבי.

ד ע ר ר ב

וואָס זאָגסטו, יואל? ווי האָבען מיר געלערנט? זאָג, יואל, ווי האָט די תורה געזאָגט?

י ו א ל

משמים הביט ה' ראה את כל בני האדם.

ד ע ר ר ב

ווייסטו, אליה, דעם טייטש דערפון? קלאַפּט אליה'ן איבער'ן פּלייצע ווייסטו אליה, דאָס וואָס דיין זוהן האָט איצטער געזאָגט?

א ל י ה

זאָל מיר דער רבי פערטייטשען.

ד ע ר ר ב

פון'ם הימעל לוגט גאָט אראָב און ער זעהט א ל ע מענשען... אלע, אלע! הערסט, אליה, אלע מענשען! אל—לע!

מ נ ו ח ה

זי קושט יואל'ן.

מיין קינד! מיט וואָס האָב איך עס פערדיענט ביי גאָט, מיין כשר קינד...

י ו א ל

נאָך דעם ווי עס שטעהט „אנכי ה' אלהיך" — איך בין דיין גאָט — איז דערנאָך געזאָגט געוואָרען: „כבד את אביך ואת אמך".

מ נ ו ח ה

מיט שמחה.

איך ווייס, מיין קינד, וואס עס בעדייט. איך ווייס, מיין קינד, וואס עס איז!

א ל י ה

מיט מעהר דרייסט.

איך האָב, רבי, גערעדט מיט דער טפשה מיינער, האָב איך. אז דער עיקר איז דער קנויל וואָס ליעגט אין הארצען פערוויקעלט... א דין, זאָג איך, דער רבי זאָל לעבען, זאָג איך, קען אַלץ ארויסרעדען אויף קלאָר, ער ווייסט שוין דעם געדאנק אויף קלאָר, נאָר ביי מיר אין הארצען איז עס ווי א קנויל, רבי... איהר פערשטעהט? איך בין עס נישט ווערט רבי... נישט ווערט אפילו אייער אטלעסענע קאפאָטע, אין וואס'ערע איהר געהט צו דער הייליגער תורה, בין איך נישט ווערטה מיט מיינע פינגער אָנצוריהר'ען, איהר פער־שטעהט? איך נעה סערמיגעס פאר פויערים מיט א גראָבע נאָ־דעל, מיט ווייסע שאַרע פאָדעם — ווי קום איך צו אַטלעס? אזוי טענה איך, איך שריי, וואָס זאָגסטו, יואל מיין קינד, וואָס זאָגסטו?

מ נ ו ח ה

רעד דו, מיין קינד. רעד פאר דיין טאטען, פאר דיין מאמען. דיין שכל איז בעלויכטען פון דער הייליגער תורה.

י ו א ל

כ'האָב געוואָרט וואָס מיין טאטע און מיין מאמע וועלען זאָגען.

א ל י ה

דו, זאָג, זאָג.

מ נ ו ח ה

נאָר דו, דו.

י ו א ל

מיין הארץ איז נאָך ווי ביי א קינד יונג, כ'וויל נאָך ביי דער תורה זיצען.

דער רב

וואויל, וואויל. וועסט קענען תורה לערנען, ביי מיר אין מיין שטוב. דיין בעשערטע פון גאָט, מיין טאָכטער, וועט אויף די שפיצען פינ־גער ארום דיר אומגעהן, זי זאָל דיר חלילה דיין גערדאנק נישט אי־בערמישען... בן שמונה עשרה לחופה איז געזאָגט געוואָרען... און דו ביזט שוין ווייט אריבער...

יואל

אָבער ווען מיין הארץ גלוסט תורה לערנען.

שטיל. אַלע קוקען צו איהם.

דער רב

ר' אליה, וואָס זאָגט איהר?

אליה

איך בין א פּראָסטער שניידער.

יואל

כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געטראַכט... ער געהט צו אליה'ן. איך וויל טאַטע דו זאָלסט רעדען פאר מיר, בעט, טאַטע, דעם רבין ער זאָל...

מנוחה

צי דען קען איך זאָגען יא אָדער ניין, אז דער רבי האָט זיך אזוי נידריג אראָבגעלאָזען. איך בין דאָך א אידענע; נישט מעהר ווי א אידענע — וואָס וויים איך צו זאָגען?

אליה

מסתמא איז דאָך עס אלץ פון גאָט, אלץ פון גאָט — קען איך דען איבערמאכען? אזוי טענה איך מיינס.

דער רב

אַליין מיט זיך, פערטראַכט.

די תורה... די תורה — יאָ די תורה — די הייליגע תורה... אין קאָפּ מוז מען עס ווי געהערעג איז איבערלעגען.

אליה

רבי, איך בין גרייט צו טהאָן אייער ווילען!

יואל

ווי ער וואָלט זיך ווערן ווערן.

ווילט איהר... אויב איהר ווילט.

מנוחה

קען איך דען נישט ווערן ?

ס׳קלאפט אימעצער הינטער דער טהיר.

אליה

אימעצער געהט אהער, מנוחה.

דער רב

אפשר דער שמש מיך רופען ?

מנוחה

עפענט די טיר.

חוה

קומט אריין. שעהן געוואַקסען, פול מיט בעוועגונג, זי קוקט זיך אַרום, שמייכעלט צופריעדען, אַלע קוקען איהר אָן פערוואונדערט.

גוט נ׳אָבענד ! איהר דערקענט מיך טאקע נישט ?

מנוחה

כ׳קען שווערען — חוה ! טאַקע חוה ! אליה, דאָס איז דאָך חוה, ווי קומסטו אהער ?... נאָכ׳ן קול האָב איך זי דערקענט.

זיי קושען זיך.

חוה

צו אליה׳ן.

און וואָס מאַכט איהר, פעטער ? איהר האָט מיך נישט דערקענט ? כאַ־כאַ־כאַ, קיינער נישט דערקענט. און דאָס ביזטו יואל׳קע... דו האָסט מיך אויך נישט דערקענט, אהאַ, יואל׳קע, כ׳האָב געזאָגט אז כ׳וועל נאָך אמאָל קומען אהער — געהאַלטען וואָרט !

אליה

צום רב.

דאָס איז מיין שוועגערינ׳ס, זאָל זיין אין גן־עדן — א טאָכטער, איהרע א שוועסטער׳ס. קליינווייז ביי מיר געוואַקסען.

מ נ ו ח ה

א קיילעכדיגע יתומה. גאָר א פּיצעלע געלאָזען די מאַמע איהרע.

ח ו ה

צופריעדען אויפגערעגט.

צוועלף יאָהר בין איך אין גאַנצען אַלט געווען, ווען איהר האָט מיך אָבגעפיהרט צו דער מוהמען, נאָך גאָר א קליינינקע געווען, אמת יואל? מיר פלעגען זיךביידע בעהאַלטען אונטער'ן בעט, געדענקסט? שבת צו נאַכט'ס איידער מען פלעגט אָנצינדען ליכט פלעגען מיר זיך שפּילען אין בעהעלטעניש, האָסט מיך איין מאָל פון אונטער דער מוהמעס פערענע ארויסגעשלעפּט, כאַ—כאַ—כאַ, געדענקסט, יואל'קע?

ד ע ר ר ב

ביי אייך רעדען אַלע אזוי הויך?

ח ו ה

פערשעמט

י ו א ל

איך בין נאָך דעמאָלט אין חדר געגאַנגען.

ד ע ר ר ב

צו הויך, פע, מיין קינד...

א ל י ה

רבי, דאָס איז נישט פון געוואוינשאַפט.

ח ו ה

איך בין דאָך, פעטער'ל, שטענדיג א שטיפערקע געווען. איהר געדענקט, ווי כ'פלעג אייך די באָרד אויסרייסען, — פערפּלאָנטערען אייך די פאָדעם.

מ נ ו ח ה

מיט דרך־ארץ אביסעלע, מיין קינד, דאָס איז דאָך אונזער רב, דו זעהסט גאָר נישט, צוליעב יואל'ס זכות דער רבי ביי אונז אין שטוב.

ח ו ה

טרעט אַפּ אין אַ זייט האַלב פערשעמט האַלב פערוואונדערט.

רעד איך דען אזוי הויך?...

ד ע ר ר ב

געה איך דערווייל א היים, און דו, יואל מיין קינד, און דו, יואל מיין קינד, ווייסטו, אז צוויי וועגען זיינען פאַרהאַנען... געדענק־זשע, צוויי וועגען זיינען פאַרהאַן. — א גוטע נאכט! א גוטע נאכט!

ער קושט די מזוזה, געהט אַרויס, אַלע קוקען איהם נאָך אויסער יואל וועלכער זיצט ווי צומישט.

ח ו ה

דאַס איז עס דער רב. כ'האָב איהם דערקענט.

א ל י ה

דער רב איז עפּעס טרויעריג אוועק.

מ נ ו ח ה

איך בין עפּעס ווי צומישט, און ווייס נישט וואו כ'בין אין דער וועלט. זי פאַלט נאָך אַמאָל חוה'ן אויפ'ן האַלז. ביזט דאָך ס'איינ־ציגע וואָס איז מיר איבערגעבליבען נאָך כיענעלען... דאָס איינ־ציגע...

קושט זי.

ח ו ה

אָבער זעהט סאַראַ גרויסע איך בין אויסגעוואַקסען! שטעל זיך יואל וועלען מיר זעהן ווער איז גרעסער...

מ נ ו ח ה

ווייסט, מיין קינד, דער רב — אונזער רב, עפּעס נישט קיין קליי־ניגקייט, ער איז דאָך געוועזען ביי אונז און איז אוועק אומעדיג.

ח ו ה

איך בין אזוי צוטראָגען אז כ'האָב איהם גאָר נישט אָנגעקוקט ווי ער האָט אויסגעזעהן.. יואל וויל גאָר עפּעס נישט קיין קוק געבען אויף מיר.

י ו א ל

שעמעוודיג.

וואו ביזטו געווען די גאנצע צייט?

ח ו ה

הא הא, וואו כ'בין געווען די גאנצע צייט, כ'האב אלץ געווארט. אז כ'וועל גאר א גרויסע אויסוואקסען, איהר וועט מיך שוין נישט דערקאנען — יעמאלט וועל איך קומען צו אייך, איהר וועט מיך אנקוקען, אנקוקען און דערנאך מיט אמאל: חוה! דאס איז דאך חוה.

מ נ ו ח ה

ווייסט חוה'לע וואס דער רב האט דא געטהאן?

י ו א ל

רעד נישט, מאמע!

א ל י ה

מיינע אויגען האבען געקוקט און גאר נישט געגלויבט.

מ נ ו ח ה

אפשר מאכען דיר אן עסען?

ח ו ה

ניין, כ'וויל נישט עסען, כ'בין זאט מיט אייך אלעמען, אז איך וואלט אייך דערצעהלען ווי כ'האב געבענקט אהער צו אייך... ווי כ'האב אייך שוין אלעמען געוואלט זעהן... ווי איך האב צו דיר יואל'קע געבענקט. — און דו ווילסט גאר נישט אפילו א קוק געבען אויף מיר... מוזט שוין גאר גוט קענען לערנען... אויף דיין שטערן איז אנגעשריעבען.

א ל י ה

דער רב וויל נעהמען יואל'ן פאר אן איידעם.

ח ו ה

איבערראשט. ווערט בלאס.

יואל'קע אזוי גיך? גאר נישט געווארט אויף מיר...

יואל

געהט אויף און אָב, וואַרפט צושראָקענע בליקען צו חוה'ן.

חוה

יואל, יואל... פערגעסען חוה'לען. געדענקסט, מיר האָבען דאָך אמאָל אין טאַטע־מאַמע געשפּיעלט, דער פעטער האָט אונז ביידען מיט'ן בעזעם ארויסגעטריבען פון אונטער'ן בעט, (זי שטעלט זיך נעבען איהם) איהר זעהט, ביידע איין גרויס! ביידע איין גרויס!

אליה

ער ווינקט אונצופריעדען צו מנוחה'ן.

יואל

ווענדט זיך צום טיר, ער וויל אַרויסגעהן.

מנוחה

וואוהין אזוי שפּעט?

יואל

איך געה אין בית־המדרש אריין, כ'וועל שוין דאָרט בלייבען לער־נען אויף אַ גאַנצע נאַכט.

חוה

דו אנטלויפסט פון מיר? און איך האָב געמיינט, יואל'קע, דו וועסט דערזעהן דיין חוה'לען.. וועסט זיך דערפרעהען... אזוי לאַנג נישט געזעהן, אך יואל'קע. —

מנוחה

וואו וועסטו שוין היינטיגע נאַכט געהן אין בית המדרש אריין, וואו ס'דו שוין געהן? אָט בלייב שוין דאָ לכבוד דעם גאַסט!

אליה

דו האָסט דאָך נעכטען אויך אַ גאַנצע נאַכט געלערנט. וואו ס'דו שוין געהן אזוי שפּעט? ס'אי דאָך איבער דיינע כוחות.

יואל

טאָ רופט דעם רב אהער... געהט רופט צוריק דעם רב.

מנוחה

האלזט חוה׳ן.

עפּעם מיין קינד שרעקט זיך פאר דיר, דאָס ביזטו דאָך חוה... מיין שוועסטער׳ס יתומה — — טאָ וואָס שרעקט ער זיך...

חוה

קום יואל! די מוהמע זאָגט, דו שרעקסט זיך פאר מיר, וואו ס׳דו געהן אין בית־המדרש אריין? קום צו מיר, צו חוה׳לען, קום, לאָמיר ווידער, קליינע, קליינע קינדערלעך זיין. הא?...

צווייטער אקט.

ביי אליה דעם שניידער.

אליה און מנוחה זיינען ביידע שטארק פער־עסק'ט ביים באק־אויוועז, קוקען ביידע אין אויוועז אריין מיט פערגאפטע פנים'ער. אין דעם צימער, אינ'ם הינטער־גרונד, זעהט זיך דורך דער גלעזערנער טיר — יואל, ער שאקעלט זיך איבער דער גמרא מיט גרויס התמדה, פון צייט צו צייט רייסט זיך דורך זיין געזאנג — ער לערנט.

מנוחה

קוקענדיג אין אויוועז.

גאר קנאפ הייוועז געלעגט אין די בולקעס, קיין עין־הרע, וואקסען פון אויוועז ארויס.

אליה

ס'באפט ברוינעז, כ'האב מורא, האסט צופיעל האלץ געלעגט.

מנוחה

קיין בייז זאל נישט זיין, כ'וועל האלטען אביסעל אפען דעם טי־רעל.

אליה

ווערסט איהר אויך מיטגעבען א פאר בולקעס?

מנוחה

חוה'ן מיינסטו?... וואס וועלען לייט זאגען? א יתומה; ווי טרייבט מען זי?

אליה

ווער זאגט, טרייבען? וואו זי איז געוועזען פריהער, א הין זאל

זי זיך פֿאָהרען איצטער אויף. איך בין א פּראָסטער מענש, כ'טאָר עס פון מויל נישט ארויסרעדען. פערשטעהסט?... איך זאָג דיר — מען טאָר זי נישט האַלטען... פערשטעהסט?

מ נ ו ח ה

האָט מען זי אפשר מיט אן אנדער דרך געקענט אפּשיקען צוריק. א יתומה...

א ל י ה

איך טאָר עס נישט, פערשטעהסט? דער רב האָט ווי אָנגעוואוינ־קען: „אַ קול פון א אשה“ האָט ער געזאָגט. — ביי אייך אין שטוב, א כשר קינד, זאָגט ער, ס'קען נאָך חלילה א פלעק פאַלען, זאָגט ער. — פערשטעהסט?... מען האָט עס מיר געגעבען צו היטען, מיר, דעם שניידער, האָט מען געגעבען אן אוצר צו היטען — טאָ וואָס זאָל איך טהאָן? ס'איז גאָר נישט אונזערער; און מיר מוזען היטען.

מ נ ו ח ה

כ'האָב אפילו קיין בייז נישט געזעהן.

א ל י ה

זי איז דאָך איהם אויפ'ן קאָפּ געקראָכען... עפּעס א קליינינקייט איז עס ביי דיר א פּרעמדער אוצר... מען קען גאָר גרינג געשטראָפט ווערען

מ נ ו ח ה

ווישט די טרערען.

זי איז ערגעץ אוועק גאָר אומגעגעסען. יתומה מיינע, עפּעס דאָס הארץ נאָגט אזוי.

א ל י ה

כ'האָב דען איהר געזאָגט אזוינס בייזעס עפּעס? כ'האָב איהר געזאָגט ווי דער אמת איז; מיט א שכל האָב איך איהר געזאָגט. פאַר יואל'ן, האָב איך געזאָגט, ס'שאַדט צו דער תורה — האָב איך איהר געזאָגט, דו ביזט שוין אויסגעוואקסען, זאָג איך, גלייכער ווייטער ביי דיין פעטער יענקעל זאָלסטו זיין.

מ נ ו ח ה

בעמערקט אימעצען אין פענסטער.

א ל י ה

דוכט זיך גאָלדע געהט, שלים צו די טהיר ביז דו וועסט ניט פער־שטעלען דעם אוייוועץ מיט'ן ברעטעל.

מ נ ו ח ה

פערריגעלט די טהיר.

אָבער זעה נאָר, שטענדיג, ווען מען בעדארף זי נישט וואקסט זי אויס. מען קלאפּט. ווער איז דאָרט?

ג אָ ל ד ע

עפענט, מנוחה לעבען!

מ נ ו ח ה

באלד, גאָלדעשו, כ'האָב מורא דער אוייוועץ זאָל נישט אויסקיהלען.

א ל י ה

זי האָט גאָר קיין צייט נישט.

מ נ ו ח ה

רעד שטילער אביסעל... האָט קיין פאראיבעל נישט. גאָלדעשו, כ'עפען די מינוט.

פּאָרעט זיך מיט דער לאָפּעטע אין אוייוועץ, פערמאַכט איהם און עפענט די טיר.

ג אָ ל ד ע

קומט אַריין.

גאָט העלף אייך!

מ נ ו ח ה און א ל י ה

א גוטער יאָהר.

ג אָ ל ד ע

איהר האָט זיך מנוחה'שו קיין עין־הרע פעררויטעלט.

מ נ ו ח ה

היינט דוקא א היץ אויף דער גאַס.

ג אָ ל ד ע

עס שמעקט ביי אייך אין שטוב. יואל'ס געזאנג רייסט זיך דורך. דער זוהן זיצט דאָרט? גאָטעניו! אז דו ווילסט אָנטהאָן א נחת דער מאמען. — איז חאָטש דער טאטע צופריעדען?

מ נ ו ח ה

שטעהט די הענד הינטער די זייטען.

זיצט, גאָלדעשו, וואָס ט'איהר עפּעס זאָגען גוטס?

ווינקט צו אליה'ן.

ג אָ ל ד ע

איהר באקט בולקעס, שוין אויף שבת, מסתמא.

מ נ ו ח ה

גאָט איז מיט אייך, ווי קומט עס, אויף שבת? היינט איז דאָך נאָך ערשט דינסטאג.

ג אָ ל ד ע

ס'וואונדערט מיך טאקע.

מ נ ו ח ה

מיט אַ שמייכעל.

האָט איהר דאָך, מסתמא, געהערט אין שטאָדט?

ג אָ ל ד ע

ווּעמעס מזל ס'איז ווערט ביי גאָט.

מ נ ו ח ה

עפענט דעם אויווען.

גאָלדעשו, איהר ווינשט דאָך מיר קיין בייז נישט. — זייט זשע מוחל.

ג אָ ל ד ע

זאָל עס מיר גאָט ווינשען, וואָס כ'זעה אויף אייך. קוקט נייגעריג אין אויווען. קיין עין־הרע! קיין בייז אויג! יעדער בולקע ווי די ליכטיגע זונן...

א ל י ה

פערמאך, פערמאך; קיהלסט אוים דעם אויווען.

ג אָ ל ד ע

כ׳מיין מנוחה׳שו, זיי זענען שוין פאַרטיג.

מ נ ו ח ה

עסקט זיך מיט דער לאָפּעטע אין אויווען.

פרעגט איהר גאָר נישט גאָלדעשו, וואָס כ׳באַק עפּעס בולקעס אין מיטען העלען מיטוואָך?

ג אָ ל ד ע

דער גוטער יאָהר ווייסט אייך, אז איהר דערצעהלט נישט, נאָך וואָס זאָל איך פרעגען? אפשר פאַר אייער פלימעניצע? מע זאָגט איהר שיקט זי אָפּ צוריק א היים.

מ נ ו ח ה

מענשען האָבען צינגער. הערסט, אליה? מען רעדט שוין. גאָט בעוואָהר, גאָלדעשו.

א ל י ה

וואָס האָסטו מורא צו דערצעהלען.

ג אָ ל ד ע

איך שלאָג זיך גאָר נישט אָן, גלאַט עפּעס — א צו גרויסער רויך געגאַנגען היינט פון אייער קוימען, געמיינט די סאַזשע זיך פערקלייעט.

מ נ ו ח ה

בעווייזט צו יואל׳ס זייט.

אָט פאַר וועמעס וועגען, צוליעב וועמען די מאַמע פערמאַכט נישט קיין אויג ביי נאַכט.

ג אָ ל ד ע

וואָלט דער וואָס אין הימעל יעדע מאַמע בענטשען מיט אזאַ אוצר, ווייסט איהר דען וואָס איהר פערמאָגט? ווייסט איהר דען וואָס די שטאָדט רעדט?

מ נ ו ח ה

פון דעסטוועגען, א מאַמעס האַרץ איז שטענדיג אין וואונדען. ס׳שרעקט מיך פאַר מיין אייגענעם גליק, טראַכט איך מיר: מע

דארף דאָך מיט עפּעס פערדיענען ביי גאָט.

א ל י ה

שא, זי האָט זיך שוין צופלאָפּעלט.

מ נ ו ח ה

ער איז אפילו גערעכט, נאָר א אידענע איז שוין אזוי. א הארץ הויבט אמאָל אָן צו נאָגען און ווייסט אליין נישט פאר וואָס; ווייסט אליין נישט פאר וואָס זיך צו כאַפּען. זאָג איך צו איהם: לאָמיר אָפּבאַקען א ביסעל בולקעס און צוטיילען, ס'איז דאָך פאַר־האַן וועמען, ברוך השם צו געבען — זאָל גאָט נישט שטראָפען פאַר די רייד.

א ל י ה

האָט מען דאָך דיר געזאָגט: ווילסטו וואָס טהאָן — זאָל קיינער נישט וויסען!

מ נ ו ח ה

האָסט דאָך מיר אַליין געהייסען, און פאר גאָלדען בעדאַרף איך דען סודות האַלטען?

ג אָ ל ד ע

צוטומעלט.

איך בין נאָר געקומען פרעגען: אפשר וועט רבי אליה איבערנע־הען מיין מאַנס שבת'דיגען קאַפּטען... כ'וואָלט געוועזט וויסען...

מ נ ו ח ה

אך, וואָס רעדט איהר? וואָס רעדט איהר...

א ל י ה

זעה ס'זאָל דאָרט נישט צוגעברענט ווערען אין אויוועז.

ג אָ ל ד ע

איך געה שוין אוועק. וועט עס רבי אליה קענען מאַכען אויף שבת?

א ל י ה

כ'וועל קענען, כ'וועל קענען. איהר וועט אזוי גוט זיין ברענגען פאַר נאַכט צו.

ג אַ ל ד ע

שפּירט זיך ניט בעקוועם, דרעהט זיך, קוקט זיך אַרום און געהט אַרויס גאַר נישט זאָגענדיג.

מ נ ו ח ה

האָט אפילו „א גוטען טאָג" נישט געזאָגט.

א ל י ה

זאָג מיר, וואָס האָט זי דאָ געוואָלט? גערעדט, געבעבעט און גע־קוקט... אויסגעשמעקט, וואָס האָט זי געוואָלט?

מ נ ו ח ה

זאָל איך אזוי וויסען פון שלעכטס, ווי כ'ווייס וואָס זי האָט דאָ געוואָלט, א רויך — זאָגט זי, האָט זי א צו גרויסען געזעהן געהענדיג פון אונזער קוימען.

א ל י ה

איז עס איהר דאגה?

מ נ ו ח ה

האָט זי זיך אפשר דערוואוסט פון חוה'ן?

א ל י ה

דער גוטער יאָהר ווייסט וואָס זי האָט געוואָלט, אפשר טאקע חוה? זי האָט עפּעס גערדאַליעט מיט איהר. זעה, ווי ס'האָט זיך שוין צוטראָגען איבער'ן שטאָדט, ווער האָט זי געטריבען ווער? כ'מיין טאקע אין אמת'ן — זי איז געווען א קליינע, האָט נישט געהאט ביי וועמען צו זיין, איז עפּעס אנדערש געווען, זאָל איך זי אפשר חתונה מאכען? א קשיא אויף א מעשה — אפשר מיינט זי טאקע יואל'ן... ס'פעהלט מיר נאָך מעהר נישט.

מ נ ו ח ה

זי וואָלט איהם געוואָלט — פאַר וואָס נישט?...

א ל י ה

טפּשה! רעד עס גאָר פון דיין מויל נישט ארויס, דערמאָהן עס נישט, כ'וויל עס פון דיר נישט הערען.

מ נ ו ח ה

וואָס האָב איך דען געזאָגט?

א ל י ה

וואָס דו האָסט געזאָגט איז איבריג. אָט נעהם ארויס די בולקעס פון אויוועז און צוטראָג עס גלייך וואו מע בעדאַרף.

מ נ ו ח ה

אין גאַנצען?

א ל י ה

פאַר זיך דאַרפסטו דען לאָזען?

מ נ ו ח ה

אפשר חוה'ן מיטצוגעבען, אויב זי פאָהרט —

א ל י ה

לאָז מיך צורוה!

מ נ ו ח ה

זעה, וואָס ביזטו אזוי אויפגעבראַכט? זי נעהמט ארויס פון אויוועז בולקעס. זעה נאָר, אליה, צי מיר האָט זיך אויסגעדוכט? אין אויוועז זענען זיי געוועזען שענער, זאָלסטו געזונד זיין, אליה, זענען נישט עפּעס ווי קלענער געוואָרען?

א ל י ה

מאַך קיין שהיות נישט, טראָג עס שוין אוועק און צוטייל ווי מען האָט גערעדט.

מ נ ו ח ה

גאָר אָבהענדיג.

מיר קלעפּען זיך נישט די הענד.

א ל י ה

האָסט זי נישט געדאַרפט אריינלאָזען.

ער נעהמט צו ביי איהר די לאָפּעטע, נעהמט אַרויס איינציגווייז די בולקעס פון אויוועז, בלאָזט זיי, ווישט זיי אַרום און לעגט זיי אין אַ קערבעל אַריין.

מנוחה

ווישט איבער יעדע בולקע מיט'ן שירץ.

ווי די זון בעווייזט זיך מיר אויף א ווײלע — לויפט באַלד דורך א שאָטען אין מיין שטוב.

יואל'ס טרויעריגער גמרא־ניגון צוקייקעלט זיך איבער'ן שטוב, זיי חערען זיך א ווײלע איין.

אליה

טראָג איהם אריין א פרישע בולקע.

מנוחה

זאָל ער בעסער גאָר נישט וויסען וואָס ביי אונז טהוט זיך, כ'וועל נאָר א פאטשיילע כאפען אויפ'ן קאָפּ און צוטראָג שוין, און טאָ־מער קומט חוה?

אליה

דאָס וועל איך שוין אליין, האָב קיין מורא נישט.

מנוחה

און דו פערגעס נאָר נישט אז דו האָסט צו טהאָן מיט א קיילעכ־דיגע יתומה, דאָס איינציגע וואָס איז מיר פון מיין שוועסטער געבליבען.

אליה

ביזט א בהמה! וואָס מיינסטו, וועל איך מיט איהר טהאָן? כ'וועל זאָגען, ביי אונז איז ענג און גאָר נישט.

מנוחה

ווישט די טרערען.

געדענק זשע... און אפשר זאָלסטו איהר גאָר נישט זאָגען, אפשר רוכט זיך דיר נאָר אויס, ס'קען דאָך אויך זיין, זי דעקט אריבער דאָס קערבעל מיט אַ טוך. שוין אין טיר. געדענק זשע אליה הערסט?

געהט ארויס.

אליה

קוקט איהר נאָך אין פענסטער, פער'גנב'עט זיך אויף די שפּיצען פינגער צו יואל'ס טיר און הערט זיך צו זיין לערנען, א זיסע צופרי־

דענקייט צוגיסט זיך איבער זיין פנים, פלוצלונג, ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס דערמאנען — איילט ער אויף דער גאַס אַרויס און קומט גלייך צוריק, רעדט צו זיך אַליין „אַ שאָד נישט אָנגעזאָגט, נישטאָ וועמען אין שטוב צו לאָזען", ער נעהמט זיך צו זיין אַרבייט נאָר ער וואַרפט יעדע ווייל אַוועק און קוקט אין פענסטער.

יואל

געהט אַרום פון זיין צימער, ס'היטעל ארויפגערוקט, שטאַרק פערטראַגען, קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט אימעצען זוכען.

אליה

זוכסט עפּעס?

יואל

געהט צו צו אליה'ן.

וואָס נעהסטו אזוינס, טאטע?

אליה

א וואונדער, דו זאָלסט פרעגען.

יואל

איז עס א וואונדער?

אליה

אָט, א דאגה האָסטו, סערמיגעס נעהט דיין טאטע, ס'וועט שוין בלייבען פאר דיין טאטען אליין. בעסער דערצעהל מיר עפּעס פון דעם וואָס אין די הייליגע ספרים איז געשריעבען, פון דעם וואָס דו רעדסט מיט'ן רב.

יואל

א פּלפּול מיינסטו?

אליה

דאָס איז דאָך געווים נישט פאר דיין טאטען צו בענעהמען. דערצעהל עפּעס פון דעם וואָס מגידים זאָגען פאר'ן פּראָסטען עולם.

יואל

הימעל און ערד האָט גאָט בעשאפען, זיינען זיי אָבער ווייט איינער פון אנדערן, בענקען זיי איינער צום אנדערן און קענען

זיך קיין מאָל נישט דערנעהענטערען, טהוען זייביידע תפלה פאר גאָט ער זאָל זיי בעווייזען א וואונדער און הימעל מיט ערד צוזאמענ־ברענגען. האָט גאָט די מענשען בעשאפען, זיי זאָלען אויף דער ערד ארומגעהן און שטענדיג צום הימעל ווענדען זייערע אויגען, צום הימעל די הענד אויסברייטען און צום הימעל זייערע תפלות שיקען און דורך די תפלות ווערט די ערד מיט די הימלען אינאיינעם פער־קניפּט.

א ל י ה

בלייבט זיצען מיט דער נאָדעל אין דער האַנד. דער קאָפּ אראָב־געלאָזען.

א שאָד, וואָס די מאמע איז נישטאָ, זי וואָלט עס גאר גוט בענו־מען.

י ו א ל

און וואו איז חוה?

א ל י ה

די מאמע האָט איהר געזאָגט, אז ביי אונז איז אביסעל ענג.

י ו א ל

איז ביי אונז קנאפּ אָרט פארהאנען? כ׳וועל פאר איהר אָבטרע־טען מיין געלעגער.

א ל י ה

אָט מיש זיך נישט אין אזוינע זאכען, מיין קינד.

י ו א ל

איז זי שוין אוועקגעפאָהרען?

ער געהט אום אויף און אָב.

א ל י ה

זי וועט אוועקפאָהרען, זאָל זי זיך פאָהרען געזונדטערהייד.

י ו א ל

נאָך היינט וועט זי אוועקפאָהרען?

א ל י ה

מען ווייסט נאָך נישט.

יואל

זעצט זיך נעבען אליה'ן.

וואָס וואָלסטו געטהאָן דעמאָלט, טאַטע, אז די הימלען זאָלען זיך דיר אראָבלאָזען אויפ'ן רעכטען קאָפּ און די ערד אונטער דיינע פיס זאָל אלץ זינקען טיעפער?

אליה

איך בעדארף גאָר נישט טראכטען פון אזוינע זאכען וואָס זיינען ביי גאָט אין די הענד.

ביידע שווייגען.

יואל

צוויי וועגען זענען פאַרהאַן: איינער א שמאָלער און דער אנדערער א ברייטער; פאר דיר, טאַטע, איז דער ברייטער און פאר מיר דער שמאָלער.

אליה

עך, וואָס ווייסט דיין טאַטע? דיין טאַטע נעהט סערמיגעס, וואָס רעדסטו מיט איהם אזוינע ווערטער.

יואל

ווייסט נישט טאַטע וואו חוה האָט זיך געהאָדעוועט די גאַנצע צייט?

אליה

שווייגט.

יואל

ווייסט טאַטע וואָס כ'וויל דיר נאָך דערצעהלען?

אליה

דערצעהל אזוינס, וואָס זאָל זיין דיין טאַטען גרינג צו בענעהמען, עפּעס פון דעם וואָס ס'טהוט זיך אויף יענער וועלט, דאָרט, אין יענע ווינקעלעך. וואָס זאָגסטו? נישטאָ דאָרט קיין פּויערים מיט סערמיגעס, נישטאָ קיין שניידערס מיט נאָדלען אין די לאַ־צען... וועסט דאָך מסתמא פון שטוב נישט ארויסגעהן? כ'וועל נאָר א לויף טהאָן דער מאַמען וואָס זאָגען. אויב דו וועסט לער־

נען זאָלסטו דיין טהיר לאָזען אָפען, און טאָמער קומט ווער זאָלסטו זאָגען אז מען קומט באלד.

י ו א ל

ענטפערט נישט, ער געהט אַריין צו זיך און פערמאַכט די טיר.

א ל י ה

ס'איז צו מערקען זיין אונרוהיגקייט, ער טהוט אָן זיין קאפטען געהט שטיל צו יואל'ס טהיר און עפענט זי פאָרזיכטיג.

זאָל זיין אָפען ביז כ'וועל קומען. טאָמער פרעגט ווער זאָלסטו זאָגען מען קומט גלייך.

געהט אַרויס.

י ו א ל

ער הויבט אָן לערנען מיט גרויס חשק ביי דער גמרא, זיין געזאַנג צוגיסט זיך איבער'ן גאַנצען שטוב. דאָס געזאַנג רייסט זיך פלוצלונג איבער. ער גיט אַ ציטער, ווי אימעצער וואָלט איהם הינטען אַרום איבערגעשראָקען. ער געהט אַרויס אין דעם פאָדערשטען צימער, בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב פערקלערט, ער הויבט אָן צו רעדען, פונקט ווי נעבען איהם זאָל שטעהן אַ צווייטע פערזאָן.

ווער האָט דיך געבראכט אהער צו פערפיהרען מיך פון גלייכען וועג?

ער קוקט אין פענסטער מיט טיעף פערבענקטע אויגען.

ח ו ה

קומט אריין. זי איז בלאס, די אויגען פערוויינט, זי בלייבט שטעהן נעבען טיר די אויגען צו דער ערד געזונקען.

י ו א ל

קעהרט זיך אָב מיט'ן פּלייצע צו חוה'ן, מאַכט איניגע טריט פאָראויס צו זיין חדר און בלייבט שטעהן.

ח ו ה

רעדט שטיל, ניט אויפהויבענדיג די אויגען.

מאכסטו גערעכט דיין טאַטען מיט דיין מאַמען?

יואל

שווייגט.

חוה

איהר שטימע ציטערט.

זיי טרייבען מיך ארויס פון שטוב. זיי ווילען נישט, דו זאלסט מיך זעהן. יואל, אויב דו ווילסט די תורה לערנען טא לערען זי; נאר בעט ביי דיין טאטען און דיין מאמען זיי זאלען מיר לאזען זיין ביי אייך אין שטוב, איך זאל נישט דארפען שטעהן הינטערן פענס־טער. כ׳האב זיך דערוואוסט, דער רב וויל דיך פערקנס׳ען מיט זיין טאכטער. דו ווילסט נישט.

יואל

לערנען וויל איך.

חוה

כ׳האב געוואוסט, אז דו ווילסט תורה לערנען, דעריבער בין איך אזוי לאנג צו אייך נישט געקומען, אבער...

יואל

געהט שנעל אריין צו זיך אין צימער. צושאקעלט זיך איבער דער גמרא ארויסגעבענדיג קולות, וואס זיינען מעהר עהנליך צו אויסגע־שרייען פאר טיעפען וועהטאג איידער צו א ניגון פון דער גמרא.

חוה

שפארט זיך אן ביים זייט פון יואל׳ס טהיר און הערט זיך צו.

יואל

די מאמע וועט באלד קומען.

חוה

לערען, לערען די תורה און איך וועל נאר צוהערען צו דיין שטימע.

יואל

וואס גיט דיר מיין קול?

חוה

דאס גאנצע לעבען גיט מיר דיין קול וואס קלינגט ביים לערנען די תורה... ווען כ׳בין נאך א קליין קינד געווען האב איך זיך צו דיר

געצויגען. געדענקסט ווי מיר האָבעןביידע געוואַקסען... האָט מיר אָבער דיין מאַמע ווייט, ווייט אוועקגעשיקט. בין איך אין דער פרעמד געוואַקסען און מיט מיר איז דיין לויטערער פּנים געוואַקסען. אַז איך בין גרעסער געוואָרען האָב איך אַליץ אַ וועג געזוכט ווי אַזוי צו קומען צו דיר... דו האָסט דאָ די תורה געלערנט און איך האָב דאָרט שטענדיג פאַר זיך אליין אַ ליעד געזונגען, אליין פאַר זיך פלעג איך זינגען און מיר האָט זיך אויסגעדוכט: דו ווערסט אַ ווייל־ע שטיל ביי דער גמרא און הערסט זיך צו, און אַז איך ווער שטיל קומסטו צו געהן און גלעטסט מיר איבער מיינע האָר, קוקסט מיר גלייך אין די אויגען אריין, זאָגסט גאָר נישט און איך פערשטעה שוין, דאָס ווילסטו כ׳זאָל ווידער זינגען... זינג איך ווידער.

וואַקסט אַ־בלום אין גרינעם גאָר־טען,
וואַקסט און ווייסט נישט ווער זי איז;
זינגט אַ פוי־געל אין די צוויי־גען
קלינגט זיין קול איהר האָ־ניג זיס...
וואָר־זשע ביזטו פוי־געל ליעבער?

יואל

אויב דו וועסט נישט שווייגען וועל איך באַלד אָנהויבען שרייען ביז מענשען וועלען אָנלויפען!...

ער געהט אַרויס אין דעם פאָדערציממער פאַרביי חוה׳ן, געהט אויף און אָפּ.

חוה

און אַז מענשען וועלען זיך צוזאַמענלויפען וועל איך צו זיי זאָגען: אָט איז מיין חתן און מיין געליעבטער, ברענגט די חופּה אהער, טהוט מיר אַ שלייער אָן, זאָל אונז די גאַנצע שטאָדט צו דער חופּה פיהרען

יואל

ווען דו ביזט אַ קליין קינד געוועזן און ביי אונז אין שטוב געוואַקסען, האָב איך געמיינט דו ביזט מיינע אַ שוועסטער, איצטער ד׳ערקען איך דיך נישט. איך וויל דו זאָלסט זיין חוה... מיינע

א קליינע שוועסטער... ווי דעמאָלט, א שוועסטער.

חוה

זי ציהט זיך צו איהם, בלייבענדיג זיצען אויף איהר אָרט. דאָס געזיכט דריקט אויס טיעפע ליידען.

יואל

וואָס האָבען מיר געלערענט? ווי האָבען מיר געלערענט? א בוים אז ער וואקסט ביים זייט וועג און דו געהסט אין מיטען וועג — ניט קעהר דיינע אויגען אין א זייט — נישט זאָג: ווי שעהן איז דער בוים! ווי פיין איז דער בוים! וועה צו דעם וואָס קעהרט אָפּ אויף א רגע זיין הארץ... וועה, וועה — —

חוה

יואל, כ'וויל דיין שוועסטער זיין. יואל, פערטרייב פון זיך נישט דיין עלענדע שוועסטער, זי קאָן אָהן דיך נישט לעבען. האָב איך מיין טאַטען פערלאָרען, מיין מאַמען פערלאָרען — טרייב מיך דו נישט פון זיך. איך ווייס נישט וואָס אין דער הייליגער תורה שטעהט. צי דען איז דאָרט געשריעבען, אז אויב א עלענדע שוועסטער גאַרט צו איהר ברודער, שטאַרבט פאַר איהם, זאָל ער זי פערשטויסען פון זיך? זאָג מיר, שטעהט אין דער הייליגער תורה אזוי געשריבען — וועל איך פון דיר אַוועקגעהן, ווייט, ווייט אין דער וועלט אריין — און וועל אין דער שטיל וויינען — און קיינעם, קיינעם וועל איך נישט זאָגען וואוהין איך געה און וואָס איז מיין געוויין. כ'וועל אלעמען דערצעהלען, אז כ'האָב אמאָל א מאַמען געהאַט איז זי יונג געשטאָרבען, ווען כ'בין נאָך א קינד געווען, קיין שכל נישט געהאַט צו וויינען, איצטער בין איך אויסגעוואַקסען און האָב דערפיהלט אז א עלענדע יתומה בין איך, אָהן א היים און אָהן א מאַמען. זאָל איך פון שטוב ארויסגעהן? זאָל איך? טאַ לאָז מיר כאָטש ביז נאַכט וואַרטען, ווען ס'וועט פינסטער ווערען, קיי־נער זאָל נישט זעהן ווען כ'וועל פון שטאָדט ארויסגעהן.

יואל

חוה, חוה... וויין נישט, וויין נישט...

ח ו ה

נעהמט צאַרט אַרום זיין קאָפּ, ער ווערט זיך ניט.

נאָר ביז נאכט זאָלסטו מיר לאָזען דאָ פערבלייבען, נאָר ביז נאכט. כ׳וועל פון שטאָדט ארויסגעהן, קיינער זאָל נישט וויסען וואו מיין געביין איז אהין געקומען...

י ו א ל

צושטרייט.

בלייב ביי אונז, מיין געלעגער וועל איך דיר אבטרעטען, אליין וועל איך זיך אין בית־המדרש בעהאלטען.

ח ו ה

קושט זיין קאָפּ דורשטיג און שטיל.

י ו א ל

ציטערט, ציהט זיך צו זיין צימער, שעפּטשעט.

חוה, די גמרא וויינט... די תורה וויינט... לאָז מיר, חוה...

ח ו ה

כ׳בין ביי אייך אין שטוב געוואקסען... נעבען דיר געוואקסען... א קליין קינד געוועזן...

י ו א ל

פון וואנען ביזטו געקומען?

ח ו ה

איך וויים נישט. איך וויים נישט... מיר האָט זיך געדוכט, איך וואקס ערגעץ אליין אין א טיעפען טהאָל און קיין וועג פון איהם ארויסצוגעהן איז נישטאָ. און פויגעל פליהען דורך, אין דער הויך איבער מיין קאָפּ זינגענדיג און פערשווינדען, זינגען און פערשווינדען. און אמאָל האָט זיך דאָס זינגען צו מיר פון יענעם זייט טהאָל געטראָגען און כ׳האָב אַהין נישט געקענט דערגרייכען, פערשטעלט געווען פון אַלע זייטען... האָט זיך מיט אמאָל דער טהאָל אויפגעהויבען און כ׳האָב דיך דערזעהן — און דיין קול האָט עס אזוי שעהן געקלונגען...

יואל

שעפּטשעט.

וואו בין איך?...

חוה

מיר דוכט, איך שטעה אין גרינעם גאָרטען און בוימער און בלומען ארום, און דו שטעהסט אין מיטען גאָרטען און דאָס ליכט פון דיין פּנים שטראַהלט און בעלייכט אַלץ ארום, אַלץ ארום.

יואל

איז עס דעמאָלט דיין געשטאַלט געווען? איז עס דעמאָלט דיין שאָטען געווען, אין די פינסטערע נעכט — אין דעם אַלטען בית־מדרש?... כ'בין פאר מיין ליכט געזעסען, אַלץ ארום מיט שאָטענס בעדעקט; האָט זיך פון צווישען די ספרים א ליכטיגקייט בעוויזען, בעלויכטען אַלץ ארום. און אין מיטען בית־המדרש האָט זיך דאָס גע־שטאַלט בעוויזען, א הייליג געשטאַלט, וואָס האָט אַלץ ארום בעלויכטען... אַז מיין קאָפּ איז מיעד אויף דער גמרא גע־פאַלען, די אויגען פערמאכט, דעמאָלט האָט מיינע גליעדער פון אַלע זייטען א ליכטיגע וואַרעמקייט ארומגענומען, און פון אָרון־קודש ארויס פלעגט צו מיר א לויטער געשטאַלט ארויסשיינען, און אויף דעם האָט די שכינה גערוהט, אין אַלע ווינקעלעך איז ליכטיג גע־וואָרען... נאָר ביי נאַכט איז עס געווען, נאָר ווען כ'בין מיעד גע־ווען איז עס געשעהן; נאָר ווען כ'פלעג... קום, דו הייליג געשטאַלט! קום פון וואַנען דו ווילסט; קום פון וואַנען דו קענסט. מיר איז ווייעדער פינסטער ארום. איך בין מיעד און מיר איז פינסטער. בעוויז זיך ווידער צו מיר — פון די הייליגע ספרים ארויס; פון די לויטערע ווערטער ארויס... אָדער כ'וועל מיינע אויגען פעסט פערמאכען און לויפען אין בית המדרש אַריין...

ווי ל זיך בעפרייען פון איהר, נאָר ס'זעהט אויס ווי ער האָט גאָר זיינע כוחות פערלאָרען.

חוה

יואל, יואל...

לאָזט זיך אַראָפּ צו זײנע פיס, פערדעקט איהר געזיכט מיט איהרע הענט.

י ו א ל

ווי איהם וואָלט פעהלען לופט צום אָטהעמען, שעפּטשעט: „צו־ריק, צוריק“... ער אײלט צו זיך אין צימער אריין, ער בעהאַלט זײן קאָפּ אויף דער אָפענער גמרא. זײן גאַנצער קערפּער שוידערט.

ח ו ה

גלײכט זיך לאַנגזאם אויס. איהר געזיכט, פערדעקט מיט די הענד; געהט שטיל אַרויס פון שטוב.

י ו א ל

הויבט אויף זײן קאָפּ, ברײט אויס זײנע הענד, ווי ער וואָלט בײ אימעצען בעטען רחמים. געהט אַרויס אין דעם פאָדער־צימער, בלאַס און מיעד, קוקט צום אָרט וואו חוה איז געזעסען, רעדט לאַנגזאם, פער־קלערט, זײן קול ציטערט.

וואו איז דאָס ליכט?... וואו איז דאָס ליכט?...

א ל י ה

קומט ארײן פרעהליך. בעמערקענדיג יואל'ן טרעט ער אָפּ אין אַ זײט מיט גרויס דרך ארץ, שטעהט אַ ווײלע אין אַ זײט, קוקט מיט פאַרכט צו יואל'ן ניט רעדענדיג קײן וואָרט. ער זעצט זיך שטיל צו זײן טיש, פרובט זיך פערנעהמען מיט זײן אַרבײט.

י ו א ל

געהט צו אליה'ן, ניט אויפהויבענדיג די אויגען, פאַלט אליה'ן אויפ'ן אַקסעל ווי אַ קלײן קינד, רעדט מיט אַן אײנגעהאַלטענער שטימע.

העלף דײן קינד, ס'האָט דעם וועג פערלאָרען.

א ל י ה

ביזט געװוּג פרום: פרימער פון דײן טאַטען.

י ו א ל

בעט רחמים פאר דײן קינד ס'זאָל צוריק דעם וועג געפינען...

א ל י ה

וואָס קען וויסען א שנײדער וואָס נעהט סערמיגעס?

י ו א ל

דיים פון מיר מיינע קליידער אראפּ, כ'האָב קיין כח נישט...

א ל י ה

דערשראָקען.

דיין טאַטע איז אן עם־הארץ... ער ווייסט נישט...

י ו א ל

צוריים מיינע קליידער אויף מיר... דאָס געשטאלט איז פערשוואונ־
דען... דאָס הייליגע געשטאלט...

וויינט אויף אליה'ס אקסעל.

א ל י ה

קוקט צו איהם פערלאָרען.

ד ר י ט ע ר   א ק ט.

אַ קליינער בית המדרש. שפּעט ביי־נאַכט. רעכטס, אין מזרח־וואנד, אן אָרון קודש מיט טרעפּלעך ארויפצוגעהן צו איהם; אַנ׳עמוד וואו ס׳ברענט אַ גרויסע געלע יאָהרצייט ליכט; נעבען איהר דערברענען אַ פּאָר קלענערע ליכט. אין מיטען בית המדרש אַ בימה. ביי די װענד טישען לאַנגע, איבער זיי הענגען לאָמפּען אויף שטריקלעך, נעבען די טישען — בענק. אין מזרח—שטענדערס. אין דער מזרח וואנד פון ביידע זייטען אָרון קודש צו צוויי פענסטער, אין דעם הינטערגרונד — דריי פענסטער. לינקס אַ טיר אויף דער גאַס, נעבען טיר אַ האַנד־פּאַס, פון ביידע זייטען טיר הויכע אויוועגס. אויבען, איבער דער טיר ציהט זיך אַ פערמאַכטער באַלקאָן מיט גראַטעס — אַ ווייבערשע שול, די פענסטערלעך פון ווייבער־שול זענען פערהאנגען מיט רויטע, ווייסע פאָרהענגלעך. ס׳איז גאַנץ שטיל. דער בית־מדרש איז אין שאָטען איינגעהילט. ס׳הערט זיך דאָס מאָנאָטאָנע בעזאַכטע טיקען פון דעם גרויסען שאפקע זייגער, וועלכער שלאָגט שפּעטער אַביסעל, מיט אַ הייזעריגען קלאַנג — עלף. ערגעץ וואו גרילצט ארויס אַ גריל פון אַ שפּאַלט ארויס און ווערט ווידער שטיל. פון האַנד־פּאַס טריפּט אָהן אויפהער דאָס וואַסער, טריפּט און קלינגט אָפּ אין דעם פּוסטען בית מדרש. אויפ׳ן באַנק אויף דער בימה שלאָפט דער אַלטער אונטער־שמש אין אַ קנויל איינ־געדרעהט. אויבען, אויפ׳ן ווייבער־שול הערט זיך אַ גערויש פון אַ טיר עפענען און שפּעטער אַביסעל טריט.

חוה

בעוויזט זיך אין אַ פענסטערל פון ווייבער־שול. פון דער

דונקעלהיים טוילט זיך אַרויס איהר בלאַס געזיכט. זי בייגט זיך אַרויס אויפ׳ן בית מדרש און איהרע אויגען, בענקניש־פולע, זוכען נייגעריג אויף אַלע זייטען. רופט שטיל:

יואל, וואו ביזטו?... יואל, וואו ביזטו...

עס דערהערען זיך טריט און אַ שמועס הינטער דער טיר. אין בית־המדרש קומען אריין דריי יונגע בחורים: ב ע ר ׳ ט ש ע, ח י י ם ׳־ ט ש ע און נ ח ו ם ׳ ט ש ע, געהען אַלע צו דער הינטערגרונד וואנד.

ב ע ר ׳ ט ש ע

דער מיטעלסטער פענסטער פון דער צפון וואנד קומט גלייך אויס אנטקעגען אסתר׳ס פענסטער.

קוקט אין פענסטער.

ח י י ם ׳ ט ש ע

ניטאָ יואל. אַזוי וואָלט ער נאָך איצטער געלערנט מיט התמדה.

נ ח ו ם ׳ ט ש ע.

אָט, אויפ׳ן שטענדער, נעבען ארון קודש, ליעגט זיין גמרא, ער האָט נאָך גאָר ניט לאַנג געמוזט זיין דאָ. פערקוקט אין ספר. ס׳גאָר דער רמב״ם.

ח י י ם ׳ ט ש ע

אַ סימן אַז ער איז נאָך דאָ געווען פריהער אביסעל; בייגאכט לערנט ער שטענדיג דעם רמב״ם.

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

אַ שאַד וואָס כ׳האָב איהם ניט געזעהן היינט ווי ער זעהט אויס.

ח י י ם ׳ ט ש ע

ער לערנט פוסקים, דער רב וועט איהם געבען סמיכה היינט אויף די תנאים. מע זאָגט, ס׳וועלען זיין נאָך רבנים אויף די תנאים, אַלע וועלען איהם פאַרהערען און די סמיכה חתמה׳נען.

ב ע ר ׳ ט ש ע

קומט אהער, קומט אהער! אסתר האָט ארויפגעצויגען דאָס פאַר־האַנגעל פון איהר פענסטער און קוקט אויף דער גאַס ארויס.

ביי די ווערטער בעזוייזט זיך חוה ווידער אויבען. בלייבט דאָרט אַזוי, די גאַנצע צייט פון זייער שמועס, צוהערענדיג זיך אָנגעשטרענגט.

ח י י ם ׳ ט ש ע

ער קוקט אין אַ צווייטען פענסטער.

אַט איז דער גאַנצער בית־הרב. די טישען פערשפרייט מיט שבת־דיגע טישטוכער, דער רב שפּאַציערט אום אונטער׳ן האנד מיט זלמן דעם גבאי. אַט, האָט די רביצין אוועקגעשטעלט א פלעשעל משקה אויפ׳ן טיש...

ב ע ר ׳ ט ש ע

זי קוקט נאָך אַלץ ארויס; זעה, ווי זי איז בלאַס.

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

פון דער לבנה איז זי בלאַס.

ב ע ר ׳ ט ש ע

זעה, זי ווישט די אויגען.

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

ווייסט, אז אין בית־המדרש איז ליכטיג קען מען נאָך אונז בעמערקען אז מיר שטעהען אין פענסטער און קוקען, רוק זיך אביסעל אַן א זייט.

ח י י ם ׳ ט ש ע

די רביצין האָט אוועקגעשטעלט אויפ׳ן טיש א טעלער מיט שווארצע לעקאך...

ב ע ר ׳ ט ש ע

זעהסט, ווי זי איז אומעדיג...

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

האָסט גאָר נישט גערעדט מיט איהר?

ב ע ר ׳ ט ש ע

מיט ווען?

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

מיט אסתר׳ן. אפשר קוקט זי עס דיך אוים?... שעמסט זיך פאר

מיר? נאר, פאר מיר האסטו זיך נישט וואס צו בעהאלטען, איך ווייס דאך אלצדינג, פאר מיר מעג מען אלצדינג דערצעהלען.

ח י י ם ' ט ש ע

די רביצין האלט אין איין דערלאנגען צום טיש.

ב ע ר ' ט ש ע

זעה נאר, ער בעלעקט זיך אזש דארט, ט'באלד די שויבען אויס־שלאגען.

נ ח ו ם ' ט ש ע

פאלג מיר, געה ארויס, זי ווארט עס אויף דיך, קוקט דיך אויס, פערגנב'ה זיך אזוי ביים וואנד וועסטו ארויסקומען גלייך צו איהר פענסטער.

ב ע ר ' ט ש ע

וואס איז די פעולה, אז איהר פענסטער איז פערמאכט.

ח י י ם ' ט ש ע

וועסטו שטילערהייד אנקלאפען, וועסט זעהן זי וועט דיר עפענען דעם פענסטער.

ב ע ר ט ש ע

האסט דען געהערט פון וואס מיר האבען גערעדט?

ח י י ם ' ט ש ע

כ'ווייס אליין, אז איהר פלעגט זיך טרעפען אויפ'ן ווייבער־שול.

ב ע ר ' ט ש ע

און מעהר ווייסט קיינער ניט?

ח י י ם ' ט ש ע

אפשר ווייסט נאך ווער — נאר איך האב קיינעם נישט דער־צעהלט. קוקט, זי האט געעפענט דעם פענסטער. פאלג מיר בער־טשע געה ארויס.

נ ח ו ם ' ט ש ע

פאלג מיר געה ארויס, האב קיין מורא נישט.

ב ע ר ' ט ש ע

פערצווייפעלט.

כ׳ווייל זי גאָר נישט זעהן, זי וועט באַלד אָנהויבען וויינען. ביז נעכ־טען האָט זי נאָך גאָר נישט געוואוסט, אז מען וויל זי פּערקנס׳ען מיט יואל׳ן.

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

זי מוז נישט וועלען, ווייל זיין טאַטע איז א שניידער.

ח י י ם ׳ ט ש ע

פּאָלג זיך, געה ארויס צו איהר; זאָג איהר אין דער שטיל, זי זאָל נישט וועלען. זי זאָל בעטען נאָך אויף א פּאָר וואָכען אָבלעגען. געה, נאַר.

שטופּט איהם.

ב ע ר ׳ ט ש ע

איהר זאָלט דאָ אויף מיר וואַרטען.

ער געהט ארויס אויף די שפּיצען פינגער.

ח י י ם ׳ ט ש ע

אָט, וועלען מיר באַלד זעהן ווי ער וועט זיך דורכ׳גנב׳ענען ביים וואַנד צום פענסטער, קום. זיי איילען אין דער זייט פון ארון־קודש, קוקען אָנגעשטרענגט אין די פענסטער, געהענדיג פון איין פענסטער צום אַנדערן.

ח י י ם ׳ ט ש ע

מיר דוכט, דער רב געהט ארויס, דער רב מיט זלמן דעם גבאי, ער וועט איהם נאָך כאַפּען. זיי זיינען ארויסגעגאַנגען!

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

אָט איז ער, מען וועט איהם כאַפּען... אָט, איז ער אַנטלאָפען גע־וואָרען! זעהסט, אסתר האָט זיך דערשראָקען און אראָפּגעשפּרונ־גען פון פענסטער. אוף! ווי זי האָט זיך דערשראָקען... זי האָט געמוזט געבען א געשריי.

ח י י ם ׳ ט ש ע

ער האָט באַלד בעדאַרפט ארויסגעהן, ווי נאָר זי האָט דעם פאָר־האַנגעל אראָפּגעצויגען.

ס׳הערט זיך רעדען הינטער׳ן טהיר.

נ ח ו ם ׳ ט ש ע

טרעט אָב פון פענסטער.

דער רב געהט אהער! מיט זלמן דעם גבאי, וואָס קענען זיי עפּעס געהן אהער? אפשר האָט מען אונז בעמערקט קוקענדיג?

דער רב, נאָך איהם זלמן גבאי, קומען אריין.

ח י י ם ׳ ט ש ע

קום ארויס צו איהם, מיר וועלען איהם זאָגען, ער זאָל אין פענסטער אָנקלאפּען.

ד ע ר ר ב

דאָ איז דער בעסטער אָרט, די רבי׳צין דארף גאָר אזא שמועס נישט הערען... וועגען אזוינע זאכען זאָל מען גאָר אין בית־המדרש אָברעדען... ווער לערנט עס נאָך אזוי שפּעט?

ח י י ם ׳ ט ש ע

דאָס זיינען מיר, רבי, מיר געהען שוין א היים.

ד ע ר ר ב

וואויל, וואויל, קינדערלעך, מע ווייסט, אז איהר לערנט א סך, מען ווייסט.

ז ל מ ן ג ב א י

ביים עמוד.

א שעהנע יאָהר־צייט ליכט, ריינער וואקס.

ד י ב ח ו ר י ם

צוזאַמען.

אַ גוטע נאכט, רבי!

געהען אַרויס.

ד ע ר ר ב

אַ גוטע נאכט — א גוטער יאָהר! עפּענט אויף דעם ספר וואָס ליעגט ביים ארון־קודש אויפ׳ן שטענדער. דער רמב״ם; אָך, דער רמב״ם — זאָג איך, נאָך א יאָהר, נאָך צוויי, וועט מיט איהם די וועלט אויף זיין, ס׳איז נישט קיין קלייניגקייט.

ז ל מ ן

אָבער גויטהען א שטאָדט, רבי, קען מען נישט. ס'איז נאָך צו פריה. זאָל זיך דער רבי לעבען הונדערט און צוואנציג יאָהר; שטאָדט האלט אייך מיט יראת הכבוד, מיט'ן גרעסטען דרך־ארץ. אז אייער אז איידעם וועט בלייבען נאָך אייך איבער הונדערט אין צוואנציג יאָהר און וועט ווערט זיין צו פערנעהמען אייער שטוהל — וועט דעמאָלט קיינער נישט האָבען דאגעגען: דער בית־הרב זאָל זיך בלייבען ווי געוועזן און דער כסא אויף דער אייגענער...

ר ב

איהר ווייסט ווער יואל איז ?

ז ל מ ן

קיין סמיכה האָט ער נאָך אויך נישט, ווי קען מען עס פערלאנגען פון א שטאָדט אז מען זאָל איהם ארויסגעבען א כתב ? ס'איז שווערליך.

ר ב

היינט צו די תנאים, בלי נדר, היינט וויל איך זאָלען זיין די תנאים, זאָל איהם שטאָדט פערהערען. איך וועל איהם סמיכה ארויסגעבען פאר שטאָדט — פאר גאנץ שטאָדט. היינט, וויל איך זאָל דער פונדאמענט געלעגט ווערען, מיין כסא זאָל בעניית ווערען. דאָס וועט זיין דער נדן וואָס די שטאָדט וועט מיין קינד דערלאנגען.

ז ל מ ן

שטאָדט האָט בדעה במזומנים דעם נדן פאר אייער טאָכטער צו געבען.

ר ב

איהר פערשטעהט. אז שמואל הנביא איז געוואָרען „א באַ־בימים“... איהר פערשטעהט ? א באַ־בימים... דער כסא ווערט אלט, מוז מען איהם בענייען, נישט חלילה אליין מיין איך צו טהאָן.. מיט דער ־עה פון גאנץ שטאָדט, כ'וויל חלילה נישט קיין מחלוקת. שלום, שלום... איהר פערשטעהט ? א בא בימים... דער כסא ווערט

אלט, מוז מען איהם בענייען, נישט חלילה אליין מיין איך צו טהאָן... מיט דער דעה פון גאַנץ שטאָדט, כ'וויל חלילה נישט קיין מחלוקת. שלום, שלוה... איהר פערשטעהט?

ז ל מ ן

מען מוז די זאך גוט בעטראַכטען.

ר ב

איך וועל זאָגען, ווי דער חסיד יסוד עולם: את שור מי לקחתי? האָט אפשר, חלילה, שטאָדט טענות צו מיר? דרייסיג יאָהר גע־דיענט, עהרליך, מיט אמת געדיענט.

ז ל מ ן

רבי, איהר דאַרפט עס נישט רעדען, איהר טאָרט חלילה קיינעם נישט חושד זיין פאַר אַזוינע כונות. ווייסט איהר רבי, טהוט אַליין אָהן הסכם פון שטאָדט.

ר ב

וואָס הייסט?

ז ל מ ז

כ'מיין איהר אַליין זאָלט איהם ארויסגעבען א כתב.

ר ב

כ'פערשטעה עס גאָר נישט, און דאָס קהל ה'? און שטאָדט? א רודה זאָל איך זיין? ניין, ניין! ישמרני ה' — זאָל מיך גאָט איינ־היטען!

ז ל מ ן

כ'מיין, שטאָדט וועט גאָר נישט האָבען געגען דעם — אי"ה ער וועט זיך וואַקסען ביי אייך אין שטוב. מען וועט פערגעסען אַז זיין טאַטען דעם שניידער...

ר ב

שטאַרק אויפגעבראַכט.

נישט, נישט! דאָס נישט: א יגיע כפים, גרעסער ווי א למדן. הס־מלהזכיר. כ'קען עס נישט הערען, איך בין זיך משדך

מ י ט א ל י ה ד ע ם ש נ י י ד ע ר. איך, דער מרא דאתרא.

ז ל מ ן

כ'האָב גאָר נישט געמיינט, רבי, חלילה. איך, פערקעהרט, כ'זאָג שטענדיג, נישט דער בוים — נאָר די פּירות.

ר ב

געהט אום הין און צוריק שטאַרק אויפגערעגט.

נישט נישט... כ'האָב נאָר געוואָלט מיחד זיין מיין ווילען צו דעם ווילען וואָס לעבט אייביג, נאָר דאָס אליין... נישט נישט...

ז ל מ ן

כ'וועל געהן איבערשמועסען מיט נאָך עטליכע בעלי־בתים אפשר וועט מען בעדאַרפען שיקען נאָך א פּאָר רבנים.

ר ב

נאָך רבנים?

ז ל מ ן

זיי זאָלען זיי ביי די תנאים און אויף ביים פערהערען.

ר ב

צופריעדען נאָר דאָך אויפגערעגט.

דאָס יאָ. פּאָר מיר א גרויסער כבוד. מסכים, אויך מסכים. רבנים זאָלען זיין, זאָל די גאנצע וועלט וויסען. זאָל מען הערען און שטוי־נען, הערען און שטוינען! די וועלט וועט מיט איהם קלינגען. דאָס יאָ...

ז ל מ ן

זאָל מען אפשר אָפּלעגען ביז מאָרגען?

ר ב

איך וואָלט שטארק בעגערען היינט, שטארק בעגערען, עפּעס א רעיון טרייבט מיך איך זאָל עס טהאָן היינט... אפשר קען מען פון די נאָהנטע קהילות נאָך א פּאָר רבנים... ס'אי נאָך פאר האַלבע נאַכט. א רעיון שטויסט מיר, כ'זאָל דוקא היינט.

ז ל מ ן

װעל איך געהן איבעררעדען מיט שטאָדט, כל זמן דער עולם שלאָפט נאָך נישט.

ד ע ר ר ב

איך װעל געהן מבשר זיין — דעם מחותן מיינעם. געהן מבשר זיין.

ז ל מ ן

כ'װעל אייך אונטערפיהרען, רבי.

געהען ביידע ארױס.

ד ע ר א ל ט ע ר ש מ ש

כאַפּט זיך אויף, קוקט זיך אַרום, קראַצט זיך דעם קאָפּ, רעדט צו זיך אַליין.

האַ־האַ, שטאַרק איינגעשלאָפען, קיין נפש נישטאָ. גענעצט, רופט, ארומשלאָפענדיג זיך אַרום בימה. יואל, האָ?... ער שוין אויך נישטאָ. װער זשע האָט געקענט די לאָמפּען אויסלעשען?

זינגט מיט אַ ציטערנדע, הייזעריגע אַלטע שטימע.

אם אדו—ני לא יב—נה ב—ית
שוא עמ—לו בו—ניו בו;
אם ה' לא יש—מור עיר —
שוא שקד שומ—מר.

ער קוקט אויפ'ן זייגער און זינגט אונטערקנאַקענדיג מיט די פינגער.

שוא שקד שומ—מר שומ—מר... שוין באַלד צװעלף דער זייגער...

זוכט עפּעס אין עמוד־קעסטעל.

י ו א ל

קומט אריין, צוטראָגען. זיין אויבער־בגד אָבגעשפּיליעט. ער לאָזט זיך גלייך צו זיין אָרט, אין װינקעל נעבען ארון־קודש.

ח ו ה

בייגט זיך טיף אַרויס פון פענסטער.

ש מ ש

ווער געהט? ווער אי? הא, יואל? אויף א גאנצע נאכט מסתמא?

י ו א ל

שווייגט.

ש מ ש

דער וויפיעלטער משמד שוין היינטיגע וואך? ווארט, מיין קינד, כ׳וועל דיר א גוט לעמפעל אנצינדען, ער ברענגט א לעמפעל פון דעם אנדערן זייט ארון־קודש, ווישט מיט׳ן פינגער די גלאז, צינדט עס אן און הענגט עס אויפ׳ן וואנד איבער יואל׳ן, קוקט יואל׳ן אין פנים אריין. די תורה, די תורה נעהמט צו די כוחות א־א, די תורה...

י ו א ל

צושטרייט.

דער רב געווען דא?

ש מ ש

כ׳קען דיר, מיין קינד, נישט זאגען. מיאוס פערשלאפען.

י ו א ל

הא, קיינער נישטא....

ש מ ש

צופיעל, מיין קינד, איבער דער מאס, ס׳פנים דיינס בלייך.. פערקוקט אין דעם ספר. האווא, האווא, אן ארענטליכער איד דיין טאטע... א רב ווייסט וואס ער טהוט.

י ו א ל

מאכט קליין דעם פייער פון לעמפעל.

ש מ ש

פאר וואס פערלעשסטו דעם פייער?

י ו א ל

קוקט זיך ארום.

איהר זעהט גאר נישט אין בית המדרש?

ש מ ש

וואָס מיינסטו ?

י ו א ל

כ'מיין, איהר זעהט גאָר נישט?...

ש מ ש

וואָס זאָל איך זעהן ? דעם ארון קודש זעה איך; דיך זעה איך.

י ו א ל

הייסט עס גאָר נישט...

זעצט זיך, שפּארט אָן דעם קאָפּ אויפ'ן ספר.

ש מ ש

דאַרפסטו אליין נישט בלייבען אויב עס שרעקט דיך. עס שרעקט דיך, וואָס ? ביזטו מיעד, מיין קינד ? ביזטו פערשלעפּערט, שפּאַר זיך צו אביסעל אויפ'ן בימה און דערנאָך וועסטו לערנען ביז טאָג.

י ו א ל

ווי פריהער צושטריים.

דעם ארון קודש פערשליסט איהר ?

ש מ ש

ניין; וועט דען ווער גנבע'נען, חלילה, די תורות פון ארון־קודש ארויס ? אָט, דרעמעל זיך דורך אביסעל — א גוטע נאכט, מיין קינד, א גוטע נאכט.

געהט צום טיר.

י ו א ל

פערשליסט די טיר פון דרויסען !

ש מ ש

וואָס רעדסטו פאר א נארישקייטען ?

י ו א ל

כ'וועל סיי ווי אויף דער גאַס נישט ארויסגעהן.

ש מ ש

רעדסט נארישקייטען, ווי פערשליסט מען עס א מענשען ?... א גו־טע נאכט !

געהט אַרויס.

יואל

ער מאַכט ווידער גרעסער דאָס פייער. ער קוקט זיך אַרום, ווי ער וואָלט נאָך אימעצען שפּירען אין בית המדרש.

חוה

גאַנץ שטיל.

שרעק זיך נישט, יואל; איך בין נעבען דיר.

יואל

פערוואונדערט, ניט וויסענדיג פון וואנען דער קול געהט. ער דרעהט אינסטינקטיוו אראָב דעם פייער אין לעמפּעל און בלייבט זיצען פערשטיינערט.

חוה

דו לערן, לערן. איך וועל די גאנצע נאכט וואכען איבער דיר.

יואל

ער מערקט חוה'ן. בלייבט זיצען אונבעוועגליך איינגעגראָבען אין ווינקעל נעבען ארון קודש.

חוה

איך בין עס, חוה. אנטלויפסט פון מיר, בעהאלטסט זיך פון מיר. געדענקסט, האָסט דאָך מיר געהייסען איך זאָל בלייבען נעבען דיר. כ'זאָל פון דיר נישט אוועקגעהן...

יואל

חוה...

חוה

ביי אייך אין שטוב איז מיר פינסטער אָן דיר. ביז דו וועסט מיך נישט אוועקטרייבען וועל איך אלץ זיין נעבען דיר.

יואל

וואָס ווילסטו פון מיר?

חוה

דו שרעקסט זיך אזוי, דו ציטערסט... קיינער איז נישטאָ, כ'וועל צו דיר אראָבגעהן.

יואל

חוה... ניין, נישט דו ביזט עס. ניין. ווער האָט אין בית המדרש אזוי פינסטער געמאַכט?

חוה

אהע־ נעהנטער, צו מיר קום. נעהנטער, אהער קום, כ'וועל דיר אין פּנים אַנזעהן. און דו וועסט מיר זיין נעהנטער, קום צו מיר. זי ציהט איהרע הענד. אזוי נאָהנט בין איך פון דיר און דו דער־ קענסט מיך נישט.

יואל

ער פערדעקט זיינע אויגען.

בלייב דאָרטען.

חוה

איך וועל צו דיר אראָבגעהן. איך וועל זיך ביי די טרעפּ פון ארון קודש זעצען און דו וועסט לערנען.

יואל

בלייב דאָרטען, בלייב דאָרטען...

חוה

איך געה צו דיר, איך געה צו דיר.

פערשווינדט.

יואל

דו וועסט פאַלען!

ניט מערקענדיג חוה'ן מעהר אין פענסטער הויבט ער זיך אויף און נעהמט מיט שנעלע טריט ארויסגעהן פון בית המדרש, נאָר אין יע־ נער רגע לויפט חוה אריין. ער פאַלט אין איהרע אָרעמס.

חוה

יואל, מיין ליעבסטער; יואל מיין שעהנסטער, וואָס שרעקסטו זיך אזוי?

יואל

ציטערט.

וואו בין איך?

חוה

מיט דיין חוהן. איך וויל דו זאָלסט מיך אזוי ליעב האָבען ווי דו האסט ליעב די תורה.

יואל

רעד עס נישט.

חוה

קושט איהם.

נאָך איין ווײלע אינאײנעם מיט דיר. היינט דאַרף ביי דיר תנאים זיין מיט אסתר'ל דעם רב'ס, היינט. אַט באלד. לאָז מיר נעבען דיר בלייבען. שפּעטער וועל איך שוין נישט טאָרען. שפּעטער וועל איך שוין נישט זיין. וועסטו הערען ווי קליינע קינדער וויינען; קינדער וואָס קענען נאָך נישט רעדען, וויינען, זאָלסטו וויסען, אז דאָס וויינען זיי עס אויף אונזער מזל און אויף אסתר'קעס. זי וועט מען אויך מיט געוואלד צונעהמען פון איהר געליעבטען... זי וועט אויך וויינען אין דער שטיל און קיינער וועט נישט הערען; קיינער וועט נישט וויסען... מען האָט אוועקגעשיקט, רבנים זאָלען קו־מען. דו וועסט א דרשה זאָגען צו די תנאים און אסתר'קע וועט זיצען אין דער שטיל און וויינען און קיינער וועט נישט וויסען פאר וואָס זי וויינט.

יואל

ס'דוכט מיר כ'בין פון א בריק אין א טיעפען וואסער אריינגעפא־לען און דאָס וואסער טראָגט מיך אלץ ווייטער פון ברעג, אלץ ווייטער פון דעם בריק.

חוה

ווערגט זיך מיט די טרערען.

ווער רייסט דיך אב פון דער תורה? בין איך שולדיג? לאָז איך דיך נישט?

יואל

ש־ש־ש, רעד נישט. מיין טאַטענס שטוב איז שטענדיג געווען ליכ־טיג ווי אין גן־עדן, ווי פרייטאג ביי נאכט אין בית המדרש. שטענדיג

איז געוועזן ליכטיג ארום מיר. מיין טאַטענס שטוב האָט מיר שטענדיג ווי א בית־המקדש בעלויכטעז. איצטער איז פינסטער... טהו תפילה פאר מיר, חוה, איך זאָל זיך צוריק צו מיין פריהערדי־גער היים אומקעהרען. ס'זאָל זיך צו מיר צוריק דאָס פריהערדי־גע ליכט אומקעהרען...

חוה

זי וויינט אין דער שטיל.

יואל

ער וויל זיך פון איהר בעפרייען.

חוה

ער וויל זיך פון איהר בעפרייען.

נאָך איין ווייל‌ע לאָז מיר זיין לעבען דיר. נאָך איין ווייל‌ע... ווי די תורה האָב איך געמיינט וועסטו מיך ליעב האָבען; ווי די תורה וועל איך דיך ליעב האָבען... דו וועסט די תורה לערנען און איך וועל דיינע ליכטיגע אויגען קושען. איז דיר פינסטער ארום? האָסטו די תורה פערלאָרען?... האָט דיך די תורה פערשטויסען? קעהר זיך אום, יואל. אָט דאָרט איז דיין אָרט; אין ווינקעל, נעבען ארון קודש... דאָרט ברענט דיין לאָמפּ. זי פיהרט איהם צו זיין אָרט. מאַכט גרעסער דעם פייער. עפענט איהם אויף זיין ספר. אָט איז דיין הייליגער ספר... אָט איז דיין אָרט ווידער... ליכטיג וועט דיר זיין...

זי געהט ארויס מיט שנעלע און שטילע טריט פון בית המדרש. לאָזט אויפגעפראלט די טיר הינטער זיך.

יואל

עס שוידערט איהם פון קעלט. קוקט מיט ברייט געעפענטע אויגען צום טהיר, ווי נאָך אַ צויבער־בילד וואָס פערשווינדט פון איהם. מיט אונטערגעבראָכענע טריט לאָזט ער זיך געהן צו די טרעפּלעך וואָס פיהרען צום ארון קודש. ער קלויבט זיך ארויף העכער ביז צום ארון קודש. זיינע אויגען זענען נאָך אַלץ צום טיר געווענדט. ער פּלאָנ־טערט זיך מיט די הענד אָן פּרוכת; ס'זעהט אויס ווי ער וואָלט זיך ווע־

'לען דערקלויבען צו די טירלאך פון ארון־קודש און עפענען. די פיס ברעכען זיך איהם אונטער, ביז ער לאָזט זיך אין גאַנצען אראָב אויף דער ערד. שטיל. ס'הערט זיך נאָר דאָס טיקען פון זייגער. ערגעץ גרילצט אַ גריל.

ע נ ד ע.

נבלה

1906

פּערזאָנען:

אַברוש, א געוועזענער פערד־הענדלער.
ברײנע, זײן צווײטע װײב.
רײזעל, ברײנע׳ס טאָכטער.
מענדעל } אברוש׳עס קינדער פון זײן ער־
נחמה } שטער פרוי
שפּרינצע, אברוש׳עס ערשטע װײב.
גיטעל.
בעריל חזיר.

ערשטער אקט.

ביי אברוש'ן.

אַ קעלער־וואוינונג פון איין צימער. אַ רונד־געוועלבטער שווארצער סופיט. די פענסטער קליין און איינגעבראָכען אין דער וואנד. ביי־טאָג איז דאָרט אויך האלב פינסטער. ניט ווייט פון טיר שטעהט אַ שווארצע הרובע. אין ווינקעל שטעהט אנ'אַלטע הילצערנע בעט. ביי די וועגד איז געמאַכט געוואָרען פון ברעטער טאַפּטשאַנעס צום שלאָפען. די טיר עפענט זיך אין א פינסטער הייזעל, וואו עס שטעהען טרעפּ ארויסצוגעהן. אַ האַלב צובראָכענער טיש, א פּאָר בענקלאך. אויפ'ן וואנט א פּאָר אָבגעבראָכענע בילדער אָהן רעמלאך. פּורים צייט. נאַכט. דעם קעלער בעלייכט אַ קליין פעררויכערט לעמפּעל, וואָס הענגט אויפ'ן וואַנד.

אברוש

ליגט אויף אַ געלעגער שכור, אין די זאכען, זיין בראָפּען הערט זיך איבער'ן גאנצען שטוב.

רייזעל

א מיטעלער וואוקס. דאָס געזיכט מאָגער. די האָר אין אונרדנונג די מלבושים, ווי זיי וואָלטען הענגען אויף איהר. אויך איהרע באָר־ וועסע פּיס — צוריסענע קאַלאָשען. זי זיצט אויף אַ געלעגער און פלעכט זיך די האָר. נעמט ארויס פון קעשענע אנ'איינגעוויקעלט בריוו'ל און פּרובירט לעזען פאר'ן לעמפּעל.

אברוש

הויבט אויף דעם קאָפּ. ניסט.

רייזעל

בעהאלט דעם בריוו'ל, געהט צום טיש.

א ב ר ו ש

רעדט מיט א הייזעריגען קול.

הא ? וואָס זאָגסטו ?

ר י י ז ע ל

קיינער רעדט ניט צו אייך : ס׳חלום׳ט זיך איהם.

א ב ר ו ש

די ערד האָט שוין צו גענומען די מאמע דיינע ?

ר י י ז ע ל

שפּייט אויס מיט עקעל.

א ב ר ו ש

אין דער מאמען דיינער זיצט א גלגול פון א וואלד גזלן ; אין דער מאמען דיינער. . . וואו איז זי געגאנגען, דיין מאמע, וואו ?

ר י י ז ע ל

ענטפערט איהם ניט, ברומט אַ ניגונ׳לע אונטער׳ן נאָז.

א ב ר ו ש

וואָס ברענסטו אומזיסט אויס די קעראָסינע, וואָס ?

ר י י ז ע ל

איהר קענט ניט שלאָפען ?

א ב ר ו ש

זאָג דיין מאמען... זאָג דיין.... זאָג....

ס׳הערט זיך ווידער זיין כראָפּען.

ב ע ר י ל ח ז י ר

אַ געזונטער בחור, געלע האָר, די היטעל אָן אַ זייט, זיין געזיכט איז שטענדיג פרעהלעך, קומט פאַרזיכטיג אריין.

א הא ! די פופע איז אין שטוב ! געוואַרט אויף מיר, הא ?

ר י י ז ע ל

קערט זיך אָב, רייסט ארויס איהר האנד.

געה, גאָר אַהען רחמנות דריקסטו !

ב ע ר י ל

ע, ע, רייזעלע — בעריל האט פיינד אומזיסט צו פּראצעווען גיב דיין האנט, שרעק זיך ניט. כ׳וועל מעהר ניט דריקען. עס געהט נאָך ניט קיין בלוט ? ווייז וועל איך א קוש געבען, וועט ווערען די האנט צוריק געזונד.

ר י י ז ע ל

קאָקעטיש.

האסט אין איהר א גרויסען חלק אריינגעלעגט ?

ב ע ר י ל

קוסט איהרע שפּיצען פינגער.

אך, ווי זיס, ווי זיס! ציילט איהרע פינגער. איינס... צוויי... דריי.... פופע ! דו ווילסט א פינגער׳ל ?

ר י י ז ע ל

קויף, ווערסטו זעהן.

ב ע ר י ל

בעווייזט אויף איהר מיטעלסטען פינגער.

אט אויף דעם פינגער, גוט ?

ר י י ז ע ל

קויף ווערסטו זעהן.

ב ע ר י ל

אבער א קיילעכדיג פינגער׳ל, גלאט, אהן א שום שטיינדעל ?....

ר י י ז ע ל

פערררייטעלט זיך.

קויף, ווערסטו זעהען.

ב ע ר י ל

קוקט אן רייזלען מיט א ערענסט פּנים.

ר י י ז ע ל

וואס ביזטו אזוי אומעטיג געווארען ?

ב ע ר י ל

וואָלסט זעהן, פופע, ווי כ'האָב היינט געקנאָטעו צוויי מוזשי־קעם !

ר י י ז ע ל

היינט ?

ב ע ר י ל

בייטאָג.

ר י י ז ע ל

פאר וואָס ?

ב ע ר י ל

זיי האָבען זיך געבעטען.

ר י י ז ע ל

בעסער זאָג מיר, בעריל, ווען וועסטו קויפען דאָס, וואָס דו האָסט געזאָגט ?

ב ע ר י ל

דו לאכסט . . .

ר י י ז ע ל

איך לאך גאָר ניט. קויף, וועסטו זעהן.

ב ע ר י ל

א פייער אויף זיי ! מען האָט פאר דיר אָנגערעדט ? טפו, ימח־שמם זאָלען זיי ווערען.

ר י י ז ע ל

אויף מיר ביזטו אין כעס ?

ב ע ר י ל

שווייגט אומעדיג.

ר י י ז ע ל

בעריל ?

ב ע ר י ל

„בעריל חזיר" כ'פערשטעה... מען האָט דיר אָנגערעדט און דו הערסט זיך צו...

ר י י ז ע ל

איך? אויף מיר ביזטו אין כעס ? זאָג, בעריל ! נו, וואָס איז מיט'ן רינגעלע ?

ב ע ר י ל

שפּאַצירט אום שטיל.

ר י י ז ע ל

בערעלע, דו שרייבסט אליין בריעף ? דו קענסט שרייבען ?

ב ע ר י ל

איך ?.... איך שרייב אליין, אודאי שרייב איך אליין.

ר י י ז ע ל

דו האָסט א פיינעם האנדשריפט. נעהמט ארויס פון קעשענע אַנ'-איינגעוויקעלט ברייו'ל. דאָס איז דיין כתב, בערעלע ? אוי בע-רעלע....

ב ע ר י ל

אויף מיין נאמנות, איך שרייב אליין, א פייער אויף זיי !

ר י י ז ע ל

וועמען שילסטו דו ?

ב ע ר י ל

איך וויים וואָס איך שילט ; איך וועל שילטען און — איך וועל נאָך דעם שארבען אויך שפּאַלטען — זיי וועלען ביי מיר שרפ'-נען !.... דו האָסט געלעזען ?

ר י י ז ע ל

א שווערע האנדשריפט. נאַ לייען מיר איבער, וואָס דו האָסט געשריבען.

ב ע ר י ל

עפענט דעם ברייו'ל.

נאָך וואָס זאָל איך לייענען ?

ר י י ז ע ל

איך וויל וויסען, וואָס דו האָסט דאָרטען אָנגעשריבען ? דיין נאָמען „בעריל" האָב איך גלייך דערקענט, עפּענדיג, האָב איך

דערעזעהען. אַט איז ער... אמת ?

ב ע ר י ל

גיט איהר דאָס בריוו'ל.

נאָ, דו ווייסט אליין וואָס אין דעם איז געשריבען... דו ווייסט, רייזעלע ?

ר י יז ע ל

דו ווילסט בעריל זיין א גוטער ?

ב ע ר י ל

ווער האָט דיר געזאָגט, אז איך בין א שלעכטער ?

ר י י ז ע ל

אזוי, ; איך פרעג גלאט אזוי.

ב ע ר י ל

פון דיינעטוועגען ?

ר י י ז ע ל

פאר מיר.

ב ע ר י ל

פון דיינעטוועגען וועט „בעריל" אלץ טהאָן; אויב רייזעל וועט נאָר הייסען.

ר י י ז ע ל

זעהסט, איך בין באָרוועס.

ב ע ר י ל

האָסט גאָר קיין שיך ניט ?

ר י י ז ע ל

כ'האָב ניט. די מאַמע האָט זיי פארקויפט ; אפשר האָט זי זיי בעהאלטען.

ב ע ר י ל

וואָס הייסט ?

ר י י ז ע ל

איך זאָל ניט קענען ארויסגעהען פון שטוב. און איך וויל בשום אופן ניט שלעפען זיך אין די גאסען מיט די קווישען פיש.

ב ע ר י ל

א בייזער יאָהר אויף דער מאַמען דיינער!

ר י י ז ע ל

נו, וואָס?

ב ע ר י ל

שיך ווילסטו? ועסט האָבען שיך!

ר י י ז ע ל

מיט קנעפּלאַך?

ב ע ר י ל

אפילו געשנירטע, אויב דו ווילסט.

ר י י ז ע ל

וועסט אויסגעבען מעהר ווי דריי רובעל?

ב ע ר י ל

נעהמט ארויס זיין טייסטעריל.

זעה וויפיעל געלד, ס'וועט נאָך סטייען אויף שיך.

ר י י ז ע ל

פון וואַנען האָסטו עס אזוי פיעל געלד?

ב ע ר י ל

נעהם דיר, אויב דו ווילסט.

ר י י ז ע ל

די גאַנצע געלד?

ב ע ר י ל

אפילו אין גאַנצען, אויב דו ווילסט — איך בין „בעריל" דו פערשטעהסט! איך בין „בעריל חזיר", איך . . . איך האָב געלד, איך האָב אלץ, אלץ האָב איך.... איך בין „בעריל חזיר"! רייזעל זאָג, דו ווילסט א זייגער מיט א גאָלדענע קייט?

ר י י ז ע ל

וואו וועסטו נעהמען?

ב ע ר י ל

איך וועל קריגען, אויב איך וועל וועלען — דו ווילסט ? אבער זאָג !

א ב ר ו ש

כאַפּט זיך אויף, זעצט זיך אַנידער אָהן ווערטער.

ר י י ז ע ל

אַט האָסטו דיר, קוק איהם נאָר אָן.

ב ע ר י ל

א, ר׳ אבא....

א ב ר ו ש

מחום... מחום... מחום...

ב ע ר י ל

וויפיעל מאָהל האָט איהר היינט קידוש געמאכט ?

א ב ר ו ש

קראַצט זיך אין קאָפּ.

בעריל ?

ב ע ר י ל

איהר האָט מיר ניט דערקענט?

א ב ר ו ש

כ׳האָב דיר דערקענט... קריכט אראָב פון געלעגער. דאָס געזיכט שמו־ציג און מיט האָר בעוואקסען. כ׳האָב דיר שוין דערקענט : מחום... מחום... זי איז נאָך ניטאָ ?

ב ע ר י ל

אויף ווענמען ווארט איהר ?

א ב ר ו ש

אויף דער ארורה מיינער; אויפ׳ן גלגול מיינעם. בעריל שטיפּט מיט רייזלען. די מאמע איהרע. בערעל ? דו האָסט מיט איהר עסקים! דו האָסט... זי איז ניט בעסער פון דער מאמען איהרער. די ערד האָט זיי געדארפט ביידען אין איין טאָג פערנעהמען. ביידען אין איין טאָג... „יענע“ נו, טענה׳ט, אז זי האָט אַנגעטהאָן מיינע

תחתונים; זי איז מיך מפרנס. כא־כא־כא, זי איז מיך מפרנס! פערשטעהסט?... און איידער איך האָב זי דערקענט בין איך דאָך פון הונגער אויסגעגאנגען — פון הונגער — פערשטעהסט? וואָס זאָגסטו, בעריל, הא? ווער בין איך? דוכט זיך דער אייגענער אברוש וואָס פאר צוואנציג יאָהרען — פאר צוואנציג יאָהרען, ווי דו זעהסט מיך לעבען! דאָס איז דער אייגענער אברוש, וואָס מען האָט איהם גערופען „ר׳ אבא“ ר׳ אב־בא — ווי דו זעהסט מיך לעבען! מיינע פערד זיינען געגאנגען קיין פרייסען — קיין פרייסען — ווי דו זעהסט מיך לעבען; מחנות פערד — ווי דו זעהסט מיך לעבען... אָפיצירען זענען אויף מיינע פערד געריטען... גענעראלען — ווי דו זעהסט מיך לעבען — גענעראלען! האָט מען שוין ניט געקענט שטארבען פון הונגער, הא? וואָס זאָגסטו, בעריל? דו זעהסט — קוק זי נאָר אָן... די מאמע מיט דער טאָכטער... „האם עם הבת“, ווי אין זמירות איז געשריבען — וואָס זאָגסטו, בעריל?

ר י י ז ע ל

ער רעדט און דער הונד בילט — איז אלץ איינס.

א ב ר ו ש

חצופה! דו הערסט, בעריל, דו האָסט געהערט? כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אז זי איז נישט בעסער פון דער מאמען איהרער.

זעצט זיך אויפ׳ן געלגער, רעדט צו זיך אליין. ווי א חלום זענען אוועק מיינע גוטע יאָהרען, מחום... ווי א חלום.

ב ע ר י ל

קומט, אברוש, איך וועל געבען אריינצו׳כום׳ענען.

ר י י ז ע ל

ער האָט נעבאך גאָר געפאסט היינט.

א ב ר ו ש

בעוויזט אויף רייזעלס בארוועסע פיס.

זעהסט, בעריל זי איז דאָך א בארוועסע. די מאמע איהרע האָט איהר דאָך די שיך פערקויפט. בעגראָבען האָסטו בעדארפט די

מאמע דיינע, ע־ע־ס׳איז שוין איין מאל א מאמע. בעריל ?

ב ע ר י ל

וואס ?

א ב ר ו ש

דו קענסט מיין טאכטער. מיין נחמה׳לען ? דאס איז א קינד ! איהר שכל, דער פערשוין איהרער ! גרויס געלערענט ! כ׳בין פערטריבען געווארען פון גן־עדן פערטריבען געווארען... די טאכ־טער אנטלויפט פון מיר איך זעה זי קיין מאל ניט. א, ווער עס זיצט ביי מיר אין שטוב ! נחמה׳לע מיינע ! איהר פערשויין — א פרינצעסען, ווי דו זעהסט מיך לעבען !

ב ע ר י ל

ע.. ר׳ אבא ! איהר וויינט גאר, פע, פע, עס פאסט גאר ניט פאר אייך.

א ב ר ו ש

ווישט די אויגען.

דו מיינסט, וואס ? איך בין פערקויפט געווארען, צו דער משומדת פערקויפט געווארען, ארייגעפאלען... מיין טאכטער אנטלויפט פון מיר. גאר נישט לאנג האב איך זי געזעהען... פון קלאס געגאנגען — מיט די מיידלאך געגאנגען, ווי א שרעגנע סאלדאטען זענען זיי געגאנגען ־ שפאצירען מן הסתם האט זי זיך נישט אומגעקוקט צו מיר. כ׳האב זי דערקענט. א טאטע, בין איך... פערקויפט גע־ווארען..

ב ע ר י ל

נעהמט איהם פאר׳ן האנד.

קומט, לאמיר אביסעל אבנעצען דעם גומען.

ר י י ז ע ל

וואוהין געהסטו ?

ב ע ר י ל

ווייסט דאך וואוהין איך געה.

ר י י ז ע ל

און שיף ?

ב ע ר י ל

איך וועל באלד זיין צוריק...

ב ר י י נ ע

אבגעריסען, קומט אריין אין שטוב. טראָגט אויף די הענד צוויי קוישען.

א ב ר ו ש

איך וועל שוין זיין אין שטוב.. איך דארף שוין בלייבען אין שטוב, איך...

ב ר י י נ ע

וואוהין ? אזוי שפעט וואוהין ? ! בעמערקט בערל'ן בייט זי אום דעם טאָן. גוט אָוועגד ! אוי, די כוחות געהן אוים — כ'פּיה: גאָר ניט די הענד —אזא טאָג ! ס'איז שוין צו פיהלען דעם טאָג: — לאנג ווי אין זומער — אין דער ערד זאָלען זיי געהן ; פון גרגרת רייסען זיי ארוים. וואוהין שלעפּסטו זיך אזוי שפעט... ווידער טראסקען אין טיר ביי־נאכט ? א ברכה פון גאָט, הא ?

ב ע ר י ל

פאר וואָס צופּט איר, ברייגע, אוים ר' אבא'ן דאָס גאנצע בערדעל ?

ב ר י י נ ע

איך קען ניט זעהען, ווי ער לעבט אויף דער וועלט, פאר אזוינע מיעניסען איז אויף דער וועלט קיין ארט ניטא... צו רייזל'ן, וואָס זיצטו די הענט אונטער די זייטען ?

ר י י ז ע ל

וואָס זאל איך דיר טהאָן ?

ב ר י י נ ע

וואָס ? כ'וועל דיר באלד בעווייזען — וואָס...

ב ע ר י ל

געהט ארוים פייפענדיג עפּעס א ניגונ'לע.

ב ר י י נ ע

צו רייזלען.

מיט בערעלען האסטו שוין עסקים — א לעבעדיגע וועל איך דיך בעגראבען! נאקעט, אהן א העמד וועל איך דיך לאזען. אונטערן טיר הערט זיך א געשלעג. ווער איז דארט?

מ ע נ ד י ל

רייסט זיך אריין אין שטוב, פערמאכט די טיר, טראגט א זאק אויפ'ן פלייצע.

דער ממזר — א מפלה אויף איהם! ער האט מיך שיער ניט דערשטיקט.

ב ר י י נ ע

איהר האט געזעהען אנ'ארט אביסעל צום שלאגען זיך — א טוידטע בין איך געווארען.

א ב ר ו ש

מענדיל?

מ ע נ ד י ל

און, אז מענדיל?

א ב ר ו ש

מענדיל!

מ ע נ ד י ל

וואס?

ב ר י י נ ע

גיב איהם אויף א גלעזעל בראנפען.

מ ע נ ד י ל

אז איך וועל וועלען, וועל איך געבען ביי קיינעם נישט פרעגען.

ב ר י י נ ע

פון מיינעטוועגען מעגט איהר זיך אלע שלאגען קאפ אן דער וואנד.

א ב ר ו ש

געהט צום זעקעל, עפענט איהם פארזיכטיג און קוקט אדיין.

א פעל... אליין אראבגענומען, א ?

ר י י ז ע ל

ווידער געבראכט צושלעפען די נבלה אין שטוב אריין !

א ב ר ו ש

ביזט אליין א נבלה ! דאס איז דאך פינף רובל איז דאך עס !

ר י י ז ע ל

ער וועט שוין אין גיכען ברענגען צו שלעפען א גע׳פגר׳טען פערד אין שטוב אריין.

מ ע נ ד ע ל

א גרויסע יחסנ׳טע. מיין יחסנ׳טע. באַרוועסע פּריצטע !

ב ר י י נ ע

צו רייזלען.

וואס האט דא געטהאן בעריל־חזיר ?

ר י י ז ע ל

איך ווייס ניט.

ב ר י י נ ע

איך וועל דיך א לעבעדיגען בעגראבען — הערסט, ממזרת !

ר י י ז ע ל

גיב מיר אב מיינע שיך.

ב ר י י נ ע

איך וועל נאך פון דיר די העמד אויך אראבנעהמען און די שטוב פערשליסען. איך וועל אוועקגעהן און די שטוב פערשליסען ! וועסט וויסען, אז איך בין דיר א מאמע — דיין טאטע ליגט אין דער ערד, וועל איך זיך נעהמען צו דיר.

מ ע נ ד י ל

רייזעל ! איך וועל דיר קויפען שיך. ווילסט, זאג ?

ב ר י י נ ע

יסורים וועל איך פאר אייך אלע קויפען.

מ ע נ ד י ל

שלעפט דעם זאק צו אברוש׳ען.

זעהסט, טאטע, ס'א פעל!

ר י י ז ע ל

לויפט צו, שטופט איהם אפ.

לעג אוועק, זאג איך דיר! איך וועל דיר דיין קאפ צו פלעטען — פראביר נאר ארויסנעהמען די פעל.

א ב ר ו ש

חצופה!

מ ע נ ד י ל

ווארפט אב רייזלען צום טיש.

אוועק פון דאנען, בארוועסע כאליערע!

א ב ר ו ש

לאז זי, מיין קינד; זי איז נישט בעסער פון דער מאמען איהרער. דאס איז דאך פינף רובל, איז דאך עס.

ב ר י י נ ע

מיט וועמען איך פינסטער אב מיינע יאהרען...

מ ע נ ד י ל

באפט צו דעם זאק.

מיין צוכט... פרינצעסען. די פעל איז ריינער פון דיר מיט דיין מאמען אין איינעם.

זעצט זיך אין ווינקעל שטארק צוטראגען.

א ב ר ו ש

אוי נחמה'לע מיינע, נחמה'לע! פערטריבען געווארען פון גן־ערן בין איך פערטריבען געווארען... זי אנטלויפט פון מיר. האסט אפשר געזעהען, נחמה'לע, הא, מענדיל?

מ ע נ ד י ל

שווייגט.

א ב ר ו ש

יא? מענדיל!

מ ע נ ד י ל

לאז מיך!

שטיל, יעדערער קוקט אין אַנ׳אַנדער ווינקעל. אברוש זיפצט.

אברוש

הויבט זיך אויף, לאָזט אַראָב דעם פייער פון לעמפּעל.

ברײַנע

פינסטער זאָל דיר זיין! שכור! ס׳איז נאָך קנאַפּ פינסטער אין שטוב — וואָס טהוסטו? וואָס דרייסטו אַראָב דעם פייער?

אברוש

מען טהוט דאָך סיי ווי גאָר ניט.

ברײַנע

פון דיינע בראַנפען קאָרג — די כּפּרה זאָלסטו ווערען!

אברוש

גזלן... רוצח... גזלן...

ברײַנע

איך וועל אייך קאָרמענען. ווערעם וועלען אייך עסען. דרעהט זיך אַרום איבער׳ן שטוב, ווי זי וואָלט וואָס זוכען. וואָלט איך אַזוי וויסען וואו איהר וועט אהינקומען, ווי איך וויים וואָס כ׳האָב געוואָלט טהאָן.

רײזעל

געהט ארוים.

ברײַנע

וואוהין, משומדת?!

מענדיל

אין אַ ווײַלע אַרום צו ברײַנען.

דו מיינסט, אַז כ׳האָב מורא פאַר דיר, מיינסטו? וואָס פאַר אַ ווערדע האָסטו ביי מיר? אַזוי ווי גאָר נישט! כ׳וויל דיך נאָר פרעגען איין זאַך, וויל איך דיך פרעגען.

אברוש

מיין קינד, טשעפּע זיך ניט מיט איהר.

ברײַנע

פרעסער, זויפער!

מ ע נ ד י ל

איך האָב שוין פאַר איהר קיין מורא נישט — נאָר איך וועל ז י פרעגען איין זאַך וויל איך ז י — פאַר וואָס שלאָגט זי רייזלען? פאַר וואָס ? אַזאַ גרויסע מויד און זי שלאָגט איהר? די שיך האָט זי ביי איהר צוגענומען — אַ מאַמע טהוט אַזוי? ווען דו וואָלסט געווען מיין מאַמע, וואָלט איך דיך דערשטיקט — איצטער מעגסטו זיך קלאַפּען קאָפּ אָן וואַנד אַפּילו צעהן מאָל אין טאָג— אָבער רייזלען זאָג מיר, פאַר וואָס שלאָגסטו רייזלען, זאָג? !

ב ר י י נ ע

רייזלען...

מ ע נ ד י ל

איך וועל זאָגען רייזלען — איך וועל איהר זאָגען, אַז כ'וועל ניט לאָזען ז י אַנרירען... איך וועל ניט לאָזען — כ'וועל דעם קאָפּ צופּלעטען !... איך וועל איהר קויפען שיך... פאַר מיינע געלד וועל איך איהר קויפען — און דיר וועלען מיר אויסהאַקען די ציינער דיינע... זאָג, פאַר וואָס שלאָג—סטו רייז—לען, אַ ? !

א ב ר ו ש

פערטריבען געוואָרען פון גן־עדן... פערטריבען געוואָרען... נחמה־לע מיינע... דאָס איז דאָך אַ „מענש“, דער פערשוין איהרער ; דער „גאַנג“ איהרער.

ב ר י י נ ע

די כפּרה זאָלסטו געהן אין איינעם מיט דיין טאָכטער!

א ב ר ו ש

חצופה ! דו הערסט, מענדיל ? פאַר וואָס שילסטו עס זי, האַ ? חצופה ! חצו־פה ! ביזט דאָך איהר מינדסטען נאָגעל ניט ווערט ! ווי האָסטו עס העזה זי צו שילטען, האַ ? !

ב ר י י נ ע

שכור ! דיין טאָכטער אַנטלויפט דאָך פון דיר ; זי שעמט זיך דאָך צו קוקען אין דיין מיאוס'ע צורה אריין.

א ב ר ו ש

זי האָט מורא פאר דיר. ביזט דאָך א רוצח, א וואלד־רוצח; זי האָט מורא, זי... מיין נחמה'לע שעמט זיך ניט. וויינט. נ'ניין, מיין נחמה־לע שעמט זיך ניט... זי האָט מורא... מו—רא האָט זי!... איך בין ווי־ אָך איהר טאטע.. זי האָט פאר מיר מורא... א גזלן ביזטו, א וואלד־רוצח ביזטו. זי שעמט זיך ניט מיט איהר טאטען!...

ב ר י י נ ע

וועה צו דיר. — אלטער שכור. ס'איז דאָך דיר מיאוס אין צורה צו קוקען...

א ב ר ו ש

ווי א חלום אלץ אוועק... ווי א חלום...

ר י י ז ע ל

קומט אריין.

מ ע נ ד י ל

קוקט אויף איהרע באָרוועסע פיס.

רייזעל!

ב ר י י נ ע

וואָס, רייזעל?! וואָס פאר א רייזעל איז זי דיינע?!

ר י י ז ע ל

וואָס ווילט איהר פון מיר?

מ ע נ ד י ל

קום צו מיר, רייזעל, האָב קיין מורא ניט, וואָס הארט דיר?...

א ב ר ו ש

לאָז זי, זי איז ניט קיין רעכטס...

ב ר י י נ ע

נבלה!

מ ע נ ד י ל

הער, זי איז נישט דיין מאַמע, זאָג איך דיר — זי איז א משומדת, זאָג איך דיר; זי וועט דיר נאָך הרג'ענען, רייזעל, שפיי איהר אין צורה, רייזעל, שפיי!... איך וועל דיר קויפען שיך, איך... רייזעל!

איך וועל ניט לאָזען זי זאָל דיך שלאָגען... דו וועסט זעהן, רייזעל, שפּיי איהר אין צורה!

ר י י ז ע ל

וואָס ווילט איהר פון מיר?

ב ר י י נ ע

נבלה! פּגר! ארויס פון מיין שטוב, נבלה! כאַפּט דעם זאַק מיט דער פעל און שלעפּט צום טיר. ארויס פון דאנען, מיט דיינע פּגירות אין איינעם — ארויס!

מ ע נ ד י ל

רייסט ביי איהר אַרויס דעם זאַק.

ב ר י י נ ע

צו אברושען.

דו געה אויך פון דאנען מיט דיין זוהן אינאיינעם!

מ ע נ ד י ל

עפענט דעם זאַק.

איך וועל דיר בעווייזען ווער „מענדיל“ איז... איך וועל איהר בעווייזען, ווי צורופען. וויל ארויסנעמען די פעל פון זאַק. דאָ אויפ'ן מיטען שטוב...

ר י י ז ע ל

פערמאַך דעם זאַק! זאָג איך דיר!

מ ע נ ד י ל

וואַרפט דעם זאַק. רחמנות'דיג צו רייזלען.

רייזיל, פאָלג מיר, זי איז ניט דיין מאַמע איז זי ניט — שפּיי איהר אין צורה! האַק איהר אויס די ציינער! מאָרגען קויף איך דיר שיך — פאַר דריי רובל שיך קויף איך דיר און דו וועסט געהן וואוהין דו וועסט וועלען... נאַ דיר געלד, רייזעל!

ר י י ז ע ל

וואָס ווילט איהר פון מיר?... וואָס טהו איך אייך?... וואָס האָט איהר צו מיר?

א ב ר ו ש

שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

פון גן־עדן פּערטריבען...

מ ע נ ד י ל

שפּיי איהר אין צורה.

שפּייט אויף ברײנען.

ב ר י י נ ע

וואַרפט זיך מיט וואוט אויף רייזלען. הייבט זי אָן שלאָגען מיט ביידע קולאַקעס אויפ'ן קאָפּ.

איך בין א מאַמע! איך בין א מאַמע! איך מעג שלאָגען!... איך מעג!... איך מעג!

ר י י ז ע ל

ראטעוועט מיך!...

מ ע נ ד י ל

לויפט צו, עס ווערט אַן'אַלגעמיינער געשלעג.

ב ר י י נ ע

איך בין א מאַמע! איך בין א מאַמע! האַ! האַ! האַ!...

א ב ר ו ש

קוקט צו דער סצענע מיט אַן'אָפענע מויל און אויסגעברייטע הענד.

צווייטער אקט.

אין דעם אייגענעם צימער. עטליכע טעג שפּעטער. בייטאָג.

ר ײ ז ע ל

ליגט אויף אַ געלעגער. שלאָפט.

א ב ר ו ש

קומט אריין, שכור, פאלט פון די פיס. קוקט זיך אַרום. ברומט וואָס. בעמערקט רייזלען. געהט צו צו איהר, גלעט איהר פּלייצע.

ר ײ ז ע ל

דערשראָקען.

ווער איז דאָרט ? וואָס זוכט ער דאָ ? איהר האָט דאָ א חלק אריינ־געלעגט ?

א ב ר ו ש

שטעהט ווי אַ צוגעשמידטער צו זיין אָרט, שאָקעלט זיך.

ר־רייזעל... ביזט דאָך מיין טאָכטער — ביזטו דאָך האָ, רייזעל... מיין ט־טאָכטער.

ר ײ ז ע ל

וואָס ווילט איהר פון מיר ? ! איך בין נישט אייער טאָכטער... געהט זיך צו אייער נחמה׳לען.. געהט צו איהר. עס הערט זיך בראנפען פון אייך, געהט...

א ב ר ו ש

פערדעקט זיין מויל.

נ־ניין, נ־ניין... נחמה׳לע איז מיין טאָכטער... זי... זי... אנטלויפט, נחמה׳לע... שעמט זיך נחמה׳לע, דו זיי—זיי מיין טאָכטער. ז—זיי מיין טאָכטער ז—זיי...

ר ײ ז ע ל

וואָס ווילסטו פון מיר ? רבונו של עולם ! וואָס איז ער צו־געשטאַנען צו מיר ? ! אוועק פון מיר !

א ב ר ו ש

נ־נו... כ׳וועל דיר רופען „נחמה׳לע“... דו ז־זיין נחמה׳לע. אבא, אבאַ, אַברוש! בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב, דער קאָפּ אראָבגעהאָנ־גען. וואָס איז פון דיר געוואָרען, אברוש? וואָס? וואָס? אַלע גערענקען דיך נאָך... אַלע האָבען געקענט ר׳ אב־באַ׳ן.. רר־ב אב־באַ!

ר י י ז ע ל

ווער האָט דיר געהייסען ווערען אַ שכור הא? האָסט נישט געקענט זיין ווי אַלע מענשען, הא?

א ב ר ו ש

דיין מאמע... אין דער ערד! אַ וואַלד־גזלן — אַ רוצח! וואָס זיצסטו דאָ?... ביי איהר... וואָס עסטו איהר ברויט... ברויט... זיי אַ דינסטמויד... זיי מיין טאָכטער ז־זיי. כ׳דאַרף נישט ריי־דען.. כ׳דאַרף נישט ריידען... נ־ניין...

ר י י ז ע ל

וואָס האָט איהר גענומען מיין מאמען פאַר אַ ווייב? וואָס דאַרפט איהר זי? שפרינצע האָט אייך גע׳גט, הא? נחמה׳לע אנטלויפט פון אייך, הא? זי שעמט זיך, הא? זי שעמט זיך צו בעגעגענען מיט אייך אין גאַס...

א ב ר ו ש

ק־קום צו מיר.

וויל זי ארומנעמען.

ר י י ז ע ל

שטופט איהם אַוועק.

איך קען אייך אין צורה נישט קוקען. אַ חרפה, אַן אַלטער מאַן וויינט. וואָס וויינט איהר? געהט לעגט זיך. זי וועט קומען באַלד, וועט זי אייך מכבד זיין.

א ב ר ו ש

נישט געוויינט אין דער יוגענד... נישט געוויינט. דו ווייסט, ד־דו ווייסט...

געהט הינטער זיך, ביז ער פאַלט אויפ'ן געלעגער, בלייבט דאַר־טען ליגען אונבעוועגליך.

ר י י ז ע ל

שפּיט מיט עקעל צו אַברוש'ס זייט. שטיל אַ ווייל. ס'לאָזט זיך הערען אַברושעס כראָפּען. רייזעל נעהמט אַרויס פון אונטער'ן קישען אַ פּאָר בייע שיך. שפּילט זיך מיט זיי. אויף איהר געזיכט גיסט זיך אויס אַ קינדערשע צופרידענהייט. זי טהוט אָן די שיך און שפּאַצירט קאָקעטיש איינינגע מאָל דורך דעם צימער. הויבט אויף אַביסעל איהר צוריסענע קלייד און פּרובט געהן אַ טענצעל איבער'ן שטוב, זינגענדיג אַ ניגעלע.

מ ע נ ד י ל

קומט אַריין. רייזעל זעהט, אַז ער זאָל ניט בעמערקען איהרע נייע שיך. אַ ווייל שטיל. יעדער קוקט אין זיין ווינקעל.

ר י י ז ע ל

האָסט אפשר געזעהן מיין מאַמען?

מ ע נ ד י ל

נאָך אַ קורצען שווייגען.

דו בייקנסט נאָך איהר?

ר י י ז ע ל

דיין טאַטע איז געקומען שכור ווי לוט.

מ ע נ ד י ל

דאָ איז געוועזן דער „חזיר“?

ר י י ז ע ל

וועלכער חזיר?

מ ע נ ד י ל

מיט אַ נאַרישען שמייכעל.

דו ווייסט ניט ווער איז דער חזיר?

ר י י ז ע ל

איך ווייס ניט ווער דער חזיר איז.

מ ע נ ד י ל

בערעל חזיר!

ר י י ז ע ל

און אז ער איז געווען — וואס ווילסטו? ס'איז זיין דאגה!

מ ע נ ד י ל

מען טאר נישט פרעגען?

ר י י ז ע ל

נאך וואס פרעגסטו?

מ ע נ ד י ל

געהט צו צו רייזלען און קוקט זי אן.

ר י י ז ע ל

וואס קוקסטו מיך אזוי אן?

מ ע נ ד י ל

שווייגט.

ר י י ז ע ל

וואס איז מיט דיר היינט!

מ ע נ ד י ל

דיין מאמע איז אזא שלעכטע...

ר י י ז ע ל

נו—איז וואס?

מ ע נ ד י ל

אזוי; כ'האב רחמנות אויף דיר.

ר י י ז ע ל

איך בעדארף נישט מען זאל האבען אויף מיר רחמנות.

מ ע נ ד י ל

מיינסט טאקי, ווייסט ווער איך בין.

ר י י ז ע ל

דיין טאטע איז געקומען שכור, ווי לוט.

מ ע נ ד י ל

ווען איך וואלט האבען אזא מאמע...

ר י י ז ע ל

דו זעהסט דיין מאמע אלע טאג?

מ ע נ ד י ל

ניין.

ר י י ז ע ל

פאר וואס?

מ ע נ ד י ל

אמאל זעה איך זי אלע טאג.

ר י י ז ע ל

און נחמה׳לען?

מ ע נ ד י ל

נחמה׳לע...

ר י י ז ע ל

זי געהט מיט דיר אין גאס?

מ ע נ ד י ל

ווער?

ר י י ז ע ל

נחמה׳לע...

מ ע נ ד י ל

אראבגעלאזען דעם קאפ.

זי, זי געהט שוין באלד אוים דעם קלאס.

ר י י ז ע ל

זי איז דאך דיין שוועסטער, פאר וואס שעמט זי זיך צו געהן מיט דיר אין גאס?

מ ע נ ד י ל

זי שעמט זיך?

ר י י ז ע ל

אודאי שעמט זי זיך.

מ ע נ ד י ל

זי דארף זיך שוין שעמען... א־א, מיט מיר.

ר י י ז ע ל

בעווייזט מענדלען איהר פוס.

זעהסט ?

מ ע נ ד י ל

נייע שיך ?

ר י י ז ע ל

אָבער דו זעהסט !

מ ע נ ד י ל

וואו האָסטו זיי גענומען?

ר י י ז ע ל

געקויפט.

מ ע נ ד י ל

ווער האָט דיר געגעבען געלד ?

ר י י ז ע ל

געלד ? כ'האָב שוין געהאט געלד !...

מ ע נ ד י ל

די מאמע האָט געזעהן ?

ר י י ז ע ל

ניין.

מ ע נ ד י ל

ס'וועט ווידער זיין א געשלעג.

ר י י ז ע ל

זאָל זי מיר נאָר א ריר טהאָן — אלע ציינער וועל איך איהר אויסהאקען. איך בין שוין ניט קיין קליין קינד.

מ ע נ ד י ל

מיט התלהבות.

הא ! וואָס האָב איך דיר געזאָגט ? הא ? מורא האָבען פאר איהר ! רייזעל ! דו ווילסט איך זאָל זיין פון דיין צד ? ווילסטו ?

ר י י ז ע ל

אפילו זי זאָל טאנצען ביז'ן פּאָלאפּ וועל איך זיך מעהר מיט קיין קוישען פּיש ניט שלעפּען איבער די גאסען. מענדיל !

מ ע נ ד י ל

נו וואס?

ר י י ז ע ל

איך בין עפעס א שעהנע?

מ ע נ ד י ל

שווייגט.

ר י י ז ע ל

נו—וואס?

מ ע נ ד י ל

ווערסטו שוין מעהר ניט ארומגעהן מיט די קוישען פיש אין די גאסען?

ר י י ז ע ל

איך וועל נישט געהן. דינען וועל איך אויך נישט געהן; איך וועל אנקומען אין א פאבריק. מענדיל!

מ ע נ ד י ל

וואס?

ר י י ז ע ל

כ'האב דאך דיך וואס געפרעגט.

מ ע נ ד י ל

לאכט.

ר י י ז ע ל

שלעפט איהם פאר'ן ארבעל.

נו, זאג, מענדיל!

מ ע נ ד י ל

נעמט זי פאר'ן האנד.

ווערסט נישט זיין אין כעס?

ר י י ז ע ל

פאר וואס זאל איך זיין אין כעס?

מ ע נ ד י ל

אויף צום אמת'ען זאג מיר.

ר י י ז ע ל

וואס אויף צום אמת'ען?

מ ע נ ד י ל

וועסט נישט זיין אין כעס?

ר י י ז ע ל

כ'האב דאך דיר געזאגט!

מ ע נ ד י ל

מיר זענען דאך ניט... ניט קיין נאהענטע פריינד... פרעמדע... נישט קיין שוועסטער און ברודער פון איין טאטע מאמע... פרעמדע...

ר י י ז ע ל

ווערט רויט. געהט א טענציל איבער'ן צימער.

מענדיל, זעהר נאר מיינע פיס, ווי איידעל זיי זענען אין די נייע שיך — איידעל, א?

מ ע נ ד י ל

שווייגט.

ר י י ז ע ל

ווייסט, מענדיל, ווער ס'האט מיר געקויפט די שיך?

מ ע נ ד י ל

ווער?

ר י י ז ע ל

און דו וועסט קיינעם נישט אויסזאגען?

מ ע נ ד י ל

איך וועל נישט אויסזאגען — נאך וואס זאל איך אויסזאגען?

ר י י ז ע ל

שווער זיך!

מ ע נ ד י ל

אויף מיינע נאמנות — אז איך וועל קיינעם ניט אויסזאגען.

ר י י ז ע ל

בערעל האט געקויפט.

מ ע נ ד י ל

בערעל חזיר?!

ר י י ז ע ל

בערעל חזיר. ער איז שוין איין מאל א מענש. ער האט מיר היינט געבראכט נייע שיך... אבער זעה; — פים ווי א פאר פאניענקעס!

מ ע נ ד י ל

פון וואנען האט ער געוואוסט צו קויפען?

ר י י ז ע ל

ער האט שוין געוואוסט...

מ ע נ ד י ל

רייזעל, זאג, וואס דארפסטו ליידען אזוי? זעה, שיך האט דיר געדארפט קויפען גאר א פרעמדער... דיין מאמע וועט דיך נאך דערשטיקען — וועסט זעהן. דו ווייסט, אז מענדיל איז א גוטער. דו ווייסט, באשר... הער רייזעל! דו ווילסט, אז איך זאל בעצאהלען בערלען פאר די שיך?

ר י י ז ע ל

צו וואס?

מ ע נ ד י ל

איך וויל דיר בעווייזען, אז מענדיל איז נישט ווי דו מיינסט, איך זאג דיר...

ר י י ז ע ל

שטיפט.

מענדיל, זאג, איך בין עפעס א שעהנע, הא? זאג, מען קען זיך אין מיר פערליעבען? מענדיל!

מ ע נ ד י ל

דיין קלייד איז אויך צוריסען.

ר י י ז ע ל

א קלייד וועט אויך זיין א נייע — דאגה ניט!

גיט איהם א קלאפ איבער'ן פליוצע.

מ ע נ ד י ל

וואָס ביזטו אזוי פרעהליך?

ר י י ז ע ל

מען טאָר נישט זיין אומעדיג, איך וועל באלד דיין טאטען געבען א שנעל אין נאָז.

מ ע נ ד י ל

שטעהט שטאַרק צוטראָגען.

ר י י ז ע ל

מענדיל! וואָס ביזטו אזוי אומעדיג? פאר וואָס בין איך אזוי פרעהליך? מען טאָר ניט זיין אומעדיג — מענדיל! מענדיל — מענדעלע!

שלעפּט איהם פאר'ן אַרבעל.

מ ע נ ד י ל

וויל זי אָנכאַפּען.

ר י י ז ע ל

דאָס וויל איך ניט.

מ ע נ ד י ל

וואס אנטלויפסטו פון מיר? שטענדיג אנטלויפסטו פון מיר...

ר י י ז ע ל

איך?

מ ע נ ד י ל

וואָס אנטלויפסטו פון מיר?... דו האָסט מיך פיינד — פאר וואָס? איך בין מענדיל, בין איך, נו איז וואָס? מיר וואוינען דאָך אין איין שטוב, וואוינען מיר — דו ווייסט? אויף מיינע נאמנות, דו ווייסט.. וואָס אנטלויפסטו?... געדיינקסט נעכטען ביי נאכט, אז די מאַמע האָט דיך געשלאָגען? איך זאָג דיר, רייזעלע, אז דו ביזט א שלעכע, געדענקסט ניט... אלץ פערגעסטו. איך האָב איהר געוואָלט צושפאלטען דעם שארבען איהרען, האָב איך געוואָלט... וואָס פאר א ווערדע האָט זי ביי מיר, הא? מיט איין האנד, צווישען די פינגער וואָלט איך זי צוריבען! כ'האָב זיך אָבגעהאלטען, באשר

זי איז דיינע א כּאַמע איז זי... זי איז דאָך דיינע א מאמע. נאָך וואָס האָב איך עס געדאַרפט טהאָן, נאָך וואָס? הא?

ר י י ז ע ל

טאָ וואָס ווילסטו פון מיר?

מ ע נ ד י ל

אזוי; איך וויל דיר עס זאָגען.

ר י י ז ע ל

וואָס דאַרפסטו עס מיר זאָגען?

מ ע נ ד י ל

איך האָב דיר געוואָלט בעווייזען, אז „מענדיל" איז נישט קיין שלעכטער ווי דו מיינסט. דו מיינסט, אז איך בין בערעל חזיר בין איך? אויב דו ווילסט וועל איך נאָר איין וואָרט זאָגען דער מאמען דיינער — נאָר איין וואָרט — וועט זי שוין ניט וואגען אפילו א פינגער אויפהויבען אויף דיר — רייזעל.

ר י י ז ע ל

וואָס?

מ ע נ ד י ל

גאָר נישט... בלייבט שטעהן אין מיטען שטוב. דער קאָפּ אראָבגע־האָנגען.

ר י י ז ע ל

אויב דו ווילסט זיין א גוטער, טאָ זוך מיר אויס א פאבריק וועל איך געהן ארבייטען גלייך מיט אלע מיידלאך.

מ ע נ ד י ל

איך וועל דיר אויפזוכען, כ'וועל, הער, רייזעל! דו ווייסט ריי־זעל...

דערנעהענטערט זיך צו איהר מיט גרויס התלהבות.

ר י י ז ע ל

רוקט זיך אָב פון איהם.

מ ע נ ד י ל

זעהסט... נו זעה. וואָס אנטלויפסטו פון מיר? צו בין איך עס אזא שלעכטער, וואָס דו...

ר י י ז ע ל

שטיל.

פון דיר שטינקט.. .און איך בין א ציכטיגע...

מ ע נ ד י ל

צוטומעלט. טאַפּט זיינע מלבושים.

ר י י ז ע ל

גלאט אזוי... פון דיר שטינקט מיט פעל... מיט גע'פּגר'טע פערד... און איך בין א ציכטיגע.

מ ע נ ד י ל

ווערט בלאס. טרעט אָב.

ר י י ז ע ל

דו האָסט עסקים מיט גע'פּגר'טע פערד, מיט נבלות, איך קען עס ניט ליידען... איך עס ניט מיט דער לעפעל וואָס דו עסט. ווייסטו שוין?

מ ע נ ד י ל

קערט זיך אָב אין אַ זייט.

ר י י ז ע ל

זאָג, מענדיל, פאר וואָס האָסטו זיך ניט אויסגעקליבען עפּעס אַן ארבייט?

מ ע נ ד י ל

און וואָס טהו איך וואָס?... וואָס, מיינסטו, טהו איך, וואָס? איך קויף פעל, קויף איך... דיר דוכט זיך נאָר דיר... רייזעל! נעהם א האַק און צושפּאלט מיר דעם קאָפּ, נעהם א האַק, זאָג איך דיר!..

ר י י ז ע ל

צו וואָס זאָל איך עס טהאָן?

מ ע נ ד י ל

ווער האָט דיר עס געזאָגט?

ר י י ז ע ל

איך ווייס ניט, מיינסטו, אז דו שינדסט גע'פגר'טע פערד? איך האָב דיך פיינד! כ'האָב ליעב מענשען מיט ריינע, ווייסענקע הענד; זאָל פון זיי שמעקען פאָרפומען... איך בין אנ'אָרימע, די מאַמע שלאָגט מיך — עס מאַכט ניט אויס; ניט שטענדיג וועט אזוי זיין... איך האָב ליעב ריינע מענשען...

מ ע נ ד י ל

אויף מיינע נאמנות! איך שווער דיר — אויף מיינע נאמנות, רייזעל! בעריל הזיר שינדט אויך פערד — אויף מיינע נאמנות!

ר י י ז ע ל

שווער זיך!

מ ע נ ד י ל

אויף מיינע נאמנות!

ר י י ז ע ל

ס'אליגען!

מ ע נ ד י ל

קלאפט זיך אין הארצען.

אויף מיינע נאמנות זאָג איך דיר, רייזעל!

ר י י ז ע ל

ביזט א ליגנער! פון בערלען הערט זיך קיין שום ריח נישט. בערעל איז... בערעל איז אן אריסטאָקראט. איך וועל זאָגען בערלען, איך וועל איהם פרעגען, אויב ס'איז אמת...

מ ע נ ד י ל

אויף מיינע נאמנות זאָג איך דיר... א מפלה אויף זיי! רייזעל! הערסט; א רוח אין זייער טאַטענס־טאַטען אריין! הערסט ריי־זעל? ! נאַ דיר א האָלץ, נאַ דיר א האָלץ, צופלעט מיר דעם קאָפּ... זאָג, איך בין א שלעכטער? זאָג, רייזעל, א פייער אויף זיי! גנבים! א בייזער יאָהר אויף זיי! גנבים! הערסט רייזעל? !

ר י י ז ע ל

וואָס קאָכסט זיך אזוי?

מ ע נ ד י ל

איך... איך...

ר י י ז ע ל

די מאמע שלאָגט מיך, זי גיט ניט צו עסען. פון דעסטוועגן, איך בין ניט קיין פערפאלענע...

מ ע נ ד י ל

איך וועל איהר צושפּאלטען דעם מוח! גערענקסט נעכטען ביי נאכט? הער רייזעל... פאָלג מיר... געה נאָר אויף א מינוט ארוים פון שטוב, געה נאָר ארויס... וועסט זעהן, איך וועל...

ר י י ז ע ל

קוקט איהם אָן רחמנות'דיג מיט עקעל צוזאמען.

מ ע נ ד י ל

בעט זיך.

זאָג, וואָס פאר א ריח הערט זיך פון מיר? זאָג! דער חזיר ימח שמו, זאָל ער ווערען — ער האָט עס דיר אָנגערעדט, הא!

ר י י ז ע ל

איך האָב נאָך אויך א נאָז...

מ ע נ ד י ל

איך וועל אָנטהאָן די שבת'דיגע זאכען.. איך וועל די הויט פון זיך אראָפּרייסען — הער רייזעל... איך וועל ווארפען די... איך וועל... איך וועל טהאָן אנ'אנדער מלאכה. איך וועל דיך אויף די הענט טראָגען.. וועסט ביי מיר זיין א פּריצטע.. הערסט? רייזיל: גוט? איך האָב רחמנות אויף דיר. איך קען ניט זעהן, ווי די מאמע שלאָגט דיך... כ'האָב נעכטען שיער ניט געוויינט, אז זי האָט דיך געשלאָגען מיט די קולאקעס אין קאָפּ...

ר י י ז ע ל

פערטראכט זיך, קוקענדיג אויף איהרע נייע שיך.

א ב ר ו ש

הויבט זיך פלוצלונג אויף פון געלעגער, בלייבט שטעהן, שאָקעלט זיך. מענדיל?

ר י י ז ע ל

דער פיינער טאטע דיינער.. דער פיאניצע, ער אויך.

געהט ארויס.

מ ע נ ד י ל

געהט צו אברוש'ען.

טאטע! טאטע!

א ב ר ו ש

רעדט שווער.

וואס ווילסטו?

מ ע נ ד י ל

וואס ביזטו א שכור, — פאר וואס ביזטו — דו טהוסט מיר אן א חרפה. טרייסעלט איהם פאר'ן האנד. אברוש! הער אברוש! כ'וויל ניט זיין דיין זוהן. פאר וואס ביזטו א פיאניצע — הא?!...

א ב ר ו ש

מ—מענדיל! דיין טאטען.. ווילסט שלאגען דיין טאטען.. דעם אל־טען טא—טען...

מ ע נ ד י ל

דו ביזט אברוש! א שיכור ביזטו... די מאמע האט דיך ארויסגע־טריבען... נחמה'לע...

א ב ר ו ש

קוקט איהם אן מיט אויסגעגלאצטע אויגען.

מ—מענדיל?...

מ ע נ ד י ל

זאג מיר, אברוש גנב! פאר וואס האסטו מיר געמאכט פאר א שני־דער, אברוש! זאג... זאג, — די טרערען ווערגען איהם אין האלז. אלע אנטלויפען פון מיר... פאר א נבלה וואס האסטו מיר גע־מאכט?!.. א שניידער האב איך געקענט זיין — אויף מיינע נאמנות — א שניידער!.. שמעקט זיינע קליידער. נא, זעה וואס דו האסט געמאכט פון מיר. פאר וואס האסטו מיר געמאכט פאר א נבלה?

אברוש

זיצט אויפ׳ן בעט, דער קאָפּ אראָבגעהאַנגען. רב אב—אַ! ררב אב—... מ—מענדיל, כ׳בין אַ פּיא־ניצע... אַ שש־כור... מחנות פערד... גענעראלען האָבען געריטען... מ־מענדיל! וואָס ווייסטו... וואָס...

מענדיל

שטעהט נעבען אַברושען אראָבגעלאָזען דעם קאָפּ, שרייט מיט אַ ווילדע בהמה׳שע שטימע.

דו... דו... אַ שניידער האָב איך געוואָלט זיין; כ׳האָב גע־וואָלט... שרייבען וואָלט איך אויך געקענט. כ׳האָב געוואָלט קענען. זאָג, פאַר וואָס האָסטו מיר געמאַכט פאַר אַ נבלה ?!...

אברוש

ביזט משוגע מ־מענדיל ?!... איך בין שולדיג—מ־מענדיל? איך... קלאַפּט זיך אין הארצען. איך... איך בין שולדיג. נעהם מענדיל אַ ש־שטעקען... שלאָג מיר מ־מענדיל... אַ שכור, מ־מענדיל... אַ איד אַ שכור. דיין מאַמע... שפּרינצע... זי איז שולדיג. הערסט מ־מענדיל? — זי... שפּרינצע... פערקויפט די פעל? פינף רובעל? גיב אויף אַ טרונק בראַנפען.

מענדיל

מכות וועל איך דיר געבען!... זאָג מיר פאַרוואָס...

נחמה׳לע

בעווייזט זיך אין טיר, געקליידעט ווי אַ שילערין. בלייבט שטעהן דערשראָקען... אברוש און מענדיל קוקען פערוואונדערט.

מענדיל, מענדיל... די מאַמע איז קראַנק געוואָרען, זי וויל, אַז דו זאָלסט קומען...

מענדיל

קוקט זי אָן, צוטומעלט.

נחמה׳לע

וואָס שטעהסטו און קוקסט? כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז די מאַמע איז קראַנק געוואָרען! דו געהסט?

מ ע נ ד י ל

כ׳וועל געהן...

א ב ר ו ש

הא, נחמה׳לע... ט־טאַכטער מיינע... געהט צו איהר. נחמ־מה׳לע...

נ ח מ ה ׳ ל ע

פערקרימט דאָס געזיכט.

מענדיל! זאָלסט באלד געהן, הערסט?

געהט ארויס.

א ב ר ו ש

לאָזט זיך צום טיר, פאַלט פון די פיס.

נ־נ־חמה׳לע! ט־טאַכטער מיינע, זאַג... פאר וואָס... זאַג... ז־זאַג פאר וואָס... פ־פאר...

דריטער אקט.

ביי שפרינצען אין דירה.

צוויי צימערן, איינער נעבען דעם אַנדערן. געמעבלירט גאַנץ איינפאַך. אַלץ איז אין אָרדענונג.

אין דעם ערשטען צימער, ביי דער רעכטער וואנד שטעהט אַ בעט און נעבען איהר אַ טישעלע מיט גלעזלעך, פלעשלאך מיט רפואות. נעבען וואנד, לינקס, אַ טיש מיט שטולען א. ד. גל. אויפ'ן בעט ליגט שפרינצע, קראנק. נעבען איהר זיצט גיטעל. נאָך האַלבען טאָג.

שפרינצע

אַט אזוי, מיין פריינד; אז א מענש איז געזונד שפירט ער גאָר ניט. די עלטער טהוט זיך אבער איהרס; מיט אמאָל קומט זי אָן. שווייגט אַ ווייל'ע. דרייסיג יאָהר... שוין דרייסיג יאָהר בין איך אזוי עלענד ווי א שטיין.

גיטעל

דעם, וועמען גאָט העלפט, איז די וועלט א חתונה, נאָר אז דער, וואָס אין הימעל, נעמט צו דאָס שטיקעל מזל — איז נאָך אלע־מען.

שפרינצע

כ'וואָלט נאָך וועלען אביסעל אונטערלעבען. נחמה'לע איז דאָך נאָך גאָר א קינד — וואָס קען ווערען חלילה פון איהר? נאָר צוליעב איהר וואָלט איך נאָך וועלען אביסעל... א נארישע וועלט, מיין פריינד! מען האָט גערעדט אויף מיר, וואָס כ'האָב איהם געגעבען גט צו־געבען. וואָס האָב איך געזאָלט טהאָן, וואָס? כ'האָב געוואָלט ראטע־ווען דאָס מיידעל... שלעפט זיך ארום שכור אין די גאסען.

ג י ט ע ל

ווי איז ער פריהער געוועז?

ש פ ר י נ צ ע

פאר'ן גט?

ג י ט ע ל

יא.

ש פ ר י נ צ ע

עט. באלד נאך דער חתונה האט מיר שוין דאס הארץ ניט געצויגען צו איהם. א דאנק דעם וואס אין הימעל, וואס נחמה'לע איז ניט געראטען אין איהם. דער בן יחיד איז שוין פונקט אין איהם יעראטען.

ג י ט ע ל

ווארים וואס, ער איז אויך א שכור, חלילה?

ש פ ר י נ צ ע

דוכט זיך, אז ניט. צוזאמען מיט'ן טאטען זיינעם איז ער. כ'האב געשיקט נחמה'לען, זי זאל איהם רופען; א מאמעס הארץ טהוט וועה... א בן יחיד, דער איינציגער קדיש מיינער, כ'האב איהם שוין אפשר א האלב יאהר ניט געזעהען.. נחמה'לע האט ניט געוואלט געהן, כ'האב זי קוים איינגעבעטען.

ג י ט ע ל

אהן איין עין־הרע א וואויל קינד נחמה'לע.

ש פ ר י נ צ ע

ער האט חתונה געהאט מיט א יאהר צוריק. זי האט א גרויסע טאכטער. ווארים וואס? אז זי האט איהם גענומען, איז זי מסתמא ניט בעסער פון איהם. אוי! וואס זאמט זי זיך עס אזוי לאנג! אז זי געהט אוועה, איז מיר יעדע מינוט א שעה — האט נעבאך ניט געוואלט געהן. אוי! עס שטעכט מיר דאס גאנצע לייב, ווי מיט נאדלען.

ג י ט ע ל

מיט א פעטס אויסשמירען די זייטען וואלט ניט שאדען.

ש פ ר י נ צ ע

אז איך בין געזונד, פערדרעט מיט דער ביטערער פרנסה, פער־געסט זיך אלץ. נאָר, אז א מענש ליגט אין בעט, קריכען גערדאנקען אין קאָפּ. כ׳האָב קיין מאָל ניט געטראַכט פון א סך קינדער... נאָר איצטער... ס׳וואָלט מיר עפּעס, דוכט זיך, גרינגער זיין, ווען אפולע קינדער וואָלטען זיין ארום מיר.. ס׳האָט מיר דאָס הארץ וועה גע־טהאָן די גאנצע נאכט, און ביי מיר איז געבליבען — שיקען איהם רופען. כ׳וואָלט איהם שוין וועלען זעהן — חאָטש איך ווייס, אז קיין פערגניגען וועט ער מיר ניט פערשאפען.

ג י ט ע ל

וואָס רעדט איהר? א זוהן איז פאָרט א זוהן. מיט וואָס פערנעמט ער זיך?

ש פ ר י נ צ ע

ווער ווייסט איהם דאָרט? — מיט פעל, האָט מען געזאָגט, פער־נעמט ער זיך.

ג י ט ע ל

ניט קיין שלעכטער מסחר.

ש פ ר י נ צ ע

ניט קיין שלעכטער מסחר; וואָס קומט אבער דערפון ארויס? אז ער אליין איז קיין מענש ניט.

ג י ט ע ל

אלץ איז פון דעם, וואָס כ׳בין ניט ווערט צו דערמאָנען זיין נאָמען...

נ ח מ ה ׳ ל ע

קומט אַריין די באַקען רויט.

א טייערע מלאכה האָסטו מיר, מאַמע, געגעבען, א טייערע מלאכה!

ש פ ר י נ צ ע

ביזט דאָרט געווען?

נ ח מ ה ׳ ל ע

געווען.

ש פ ר י נ צ ע

וואָס ביזטו אזוי געלאָפּען? זעה, ווי דו ביזט פערמאטערט. אזוי פערשוויצט!

ג י ט ע ל

קיין בייז זאָל ניט זיין. וועסט עסען מיט מעהר אפּעטיט. פון א מאַמעס וועגען מעג מען אלץ טהאָן — בפרט פאר א קראנקער מאמע. וואָס טהוען ניט די מאמעס פון זייערע קינדער וועגען? אלץ! דעם גוף מיט דער נשמה אינאיינעם זענען זיי מקריב פון זייערט וועגען. נו, איצטער קען איך שוין געהן, אז איהר האָט שוין נעבען זיך די בת־יחיד׳קע.

ש פ ר י נ צ ע

וואָס היילט איהר זיך אזוי?

ג י ט ע ל

גאָט איז מיט אייך! כ׳האָב דאָך עפּעס געלאָזען, קיין עין־הרע, א שטוב. כ׳וועל שוין בעסער אין אָווענד אריינקומען... נו, זאָל אייך גאָט שיקען די רפואה. א גוטען טאָג! זייט געזונד!

געהט אַרויס.

נ ח מ ה ׳ ל ע

אין א פיינע שליחות האָסטו מיר געשיקט.

ג י ט ע ל

עפענט די טיר.

איהר זאָלט ניט פערגעסען, שפרינצע, וואָס כ׳האָב אייך געזאָגט: מיט א פעטס די זייט איינשמירען. דאָס איז די בעסטע רפואה.

ש פ ר י נ צ ע

אין אָווענד, אי״ה, וועל איך עס טהאָן.

ג י ט ע ל

געוויס, געוויס.

פערמאַכט די טיר.

ש פ ר י נ צ ע

וואָס איז דאָרט, מיין טאָכטער?

נ ח מ ה ׳ ל ע

בעסער, אז דו וועסט גאָר ניט פרעגען.

ש פּ ר י נ צ ע

האָסט איהם געזעהן? וואָס, ער וועט קומען?

נ ח מ ה ׳ ל ע

כ׳ווייס ניט, צי ער וועט קומען.

ש פּ ר י נ צ ע

האָסט איהם געטראָפען אין דערהיים?

נ ח מ ה ׳ ל ע

געטראָפען.

ש פּ ר י נ צ ע

ווער נאָך איז דאָרט געווען?

נ ח מ ה ׳ ל ע

זענען ביידע געווען.

ש פּ ר י נ צ ע

ער איז אויך געווען?

נ ח מ ה ׳ ל ע

געווען.

ש פּ ר י נ צ ע

וואָס ביזטו אזוי אויפגערעגט? ס׳איז וואָס געשעהן?

נ ח מ ה ׳ ל ע

ס׳איז גאָר ניט געשעהן.

ש פּ ר י נ צ ע

טאָ וואָס — ביזטו עפּעס...?

נ ח מ ה ׳ ל ע

ווען איך וואָלט אפילו א האַלין געווען, וואָלט איך אויך געדאַרפט קלאָגען. אז איך זעה, ווער מיין טאַטע איז, און ווער מיין ברודער איז. אנ׳אמת׳ער קבר איז דאָרט ביי זיי. פינסטער, בלאָטע ביז׳ן האַלז. כ׳האָב געעפּענט די טיהר, האָב איך זיך דערשראָקען. אז איך בין נאָך געווען אין הייזעלע, הינטער׳ן טיר, האָב איך געהערט

קולות, ווי מען רייסט זיך — כ׳האָב גלייך דערקענט מענדיל׳ס קול. כ׳האָב ניט געוואוסט וואָס איך זאָל טהאָן. כ׳האָב מורא גע־האַט צו עפענען די טיר, טאָמער ווע‏לען זיי מיך נאָך שלאָגען.

ש פּ ר י נ צ ע

וועה איז מיר!

נ ח מ ה ׳ ל ע

איך עפען די טיר, און די הענד ציטערען מיר, און איך האָב עס דערזעהן א בילד: ער שטעהט שכור, פאַלט פון די פיס, ברומט עפּעס האַלבע ווערטער, און מענדיל שטעהט נעבען איהם, האַלט איהם פאר די לאַצען און טרייסעלט איהם.

ש פּ ר י נ צ ע

ער האָט איהם געשלאָגען — דעם טאַטען זיינעם ?!

נ ח מ ה ׳ ל ע

דוכט מיר, אז ער האָט איהם געשלאָגען. נאָר באַלד ווי איך בין אריבער דעם שוועל — מעהר ווי איבער׳ן שוועל בין איך ניט ארי־בערגעטראָטען — זענען זיי ביידע געבליבען שטעהן, ווי פלעקער— און האָבען מיך אָנגעקוקט מיט אויסגעגלאָצטע אויגען ווי משוגעים — אמת׳ע משוגעים !

ש פּ ר י נ צ ע

וואָס האָסטו זיי געזאָגט ?

נ ח מ ה ׳ ל ע

כ׳האָב געזאָגט מענדלען, אז דו ביזט קראַנק און דו ווילסט איהם זעהן.

ש פּ ר י נ צ ע

וואָס האָט ער געענטפערט !

נ ח מ ה ׳ ל ע

איך וויים ניט. איך בין גלייך ארויסגעלאָפען — כ׳האָב געמיינט אז כ׳בין אריינגעפאַלען ערגעץ צו גנבים, אָדער אין א משוגעים־הויז.

שפרינצע

אַט אזוי איז עס, מיין טאַכטער. ווען דו ביזט געווען א קליינענקע, פלעגסטו שטענדיג פרעגען: וואו איז דער טאַטע? איך פלעג שווייגען, כ'האָב ניט געוואוסט, וואָס דיר צו ענטפערען. נאָר איצטער — ביזט שוין גאָט צו דאנקען אונטערגעוואקסען. פערשטעהסט שוין אליין. איך דאַרף דיר שוין ניט רעדען. נאָך אַ קורצען שווייגען. ווי זעהט ער אויס?

נחמה'לע

ווער?

שפרינצע

דער טאַטע דיינער.

נחמה'לע

מורא'דיג. שמוציג — מאוס צו קוקען אויף איהם.

שפרינצע

און מענדיל?

נחמה'לע

כ'האָב דיר געזאָגט, אז כ'האָב געמיינט, ער איז משוגע. אָבגעריסען, אָבגעשליסען, בעוואקסען מיט האָר, ווי אַ שד.

שפרינצע

וואָס האָב איך געקענט טהאָן וואָס? כ'האָב קיין אנדער עצה ניט געהאט. ער האָט ניט געוואָלט זיין מיט מיר. נאָר צו די פערד האָט איהם עפּעס א „נישט גוטער" געצויגען. אין ווענען איז ער געראָטען אין ווענען? ווער איז מיר! אין מיין משפחה איז ניטאָ אזוינע גראָבע יונגען, וועה איז מיר...

נחמה'לע

כ'האָב דיר פערגעסען צו דערצעהלען, אז איך בין ארויסגעגאנגען, האָט ער זיך געלאָזט לויפען נאָך מיר און געשריען מיט א הייזעריגען קול: נחמה'לע, נחמה'לע! — איך האָב מורא געהאט דאָרט צו פערבלייבען.

ש פ ר י נ צ ע

האָסט ניט בעדאַרפט אַנטלויפען. אדרבה, האָסט געדאַרפט רעדען מיט איהם. אויסהערען — אפשר האָט ער דיר געוואָלט דערצעה־לען וואָס.

נ ח מ ה ׳ ל ע

איך האָב מורא געהאַט.

ש פ ר י נ צ ע

וויינט.

גאָט דאַרף מיך מיט מיין טאָכטער ניט שטראָפען...

נ ח מ ה ׳ ל ע

ווען איך וואָלט האָבען אַ טאַטען ווי אַלע, אַ מענשען — וואָלט, אפשר, אַלץ אַנדערש געווען. בעגראָבען זיך דאַרף מען פאַר בושה.

ש פ ר י נ צ ע

וואָס זאָל איך טהאָן, וואָס קען איך מאַכען? אויף דער עלטער, קראַנק געוואָרען... וואָס, מיינסטו, האָט אַ ווערדע אַ מענש צו דער עלטער? פונדעסטוועגען — ער איז דאָך מיין קינד... דיין ברודער— אונטער איין הארצען געטראָגען; פון איין ברוסט געזויגען.

נ ח מ ה ׳ ל ע

וואָס פאַר אַ ברודער איז ער מיר? איך וויל איהם גאָר ניט קע־נען! איך וויל איהם גאָר ניט אָנקוקען. ער וועט קומען, וועל איך אַרויסגעהן פון שטוב.

ש פ ר י נ צ ע

זאָלסט עס נישט טהאָן, נשמה מיינע, זאָלסט עס נישט טהאָן. אדרבה, זיי פריינדליך צו איהם, רעד מיט איהם. וואָס, טויזענד ברידער האָסטו? דו הערסט, נחמה׳לע?

נ ח מ ה ׳ ל ע

איידער אַזאַ ברודער איז שוין גלייכער גאָר ניט!

ש פ ר י נ צ ע

וואָלסט זיך, אַזוי, ניט דערווייטערט פון איהם, וואָלט ער, אפשר,

געקומען אהער, וואָלט ער זיך, אפשר, נישט דערוווייטערט אזוי פון פון אונזער שטוב.

נ ח מ ה ׳ ל ע

אַז איך וויל איהם גאָר ניט קענען. א שטיק אידיאָט; א שינדער!

ש פ ר י נ צ ע

לעגט זיך. קרעכצט.

נ ח מ ה ׳ ל ע

ס׳איז שוין צייט, מאמע, איינצונעמען די רפואות.

ש פ ר י נ צ ע

איך בעט דיר, טאָכטערשו, נאָך אמאָל, אז מענדיל וועט קומען זאָלסטו זיך ניט דערוועגען...

מ ע נ ד י ל

עפענט די טיר. שטעקט אַריין דעם קאָפּ און קוקט תם׳וואטע אין שטוב אַריין.

ש פ ר י נ צ ע

רעגט זיך.

קום אריין! וואָס ביזטו געבליבען שטעהן אין טיר? דו שעהמסט זיך... צו נחמה׳לען. הער מיין קינד, געדענק, וואָס איך כ׳האָב דיר אָנגעזאָגט.

מ ע נ ד י ל

קומט אריין. געהט צו שטיל צום בעט. שטאַרק אויפגערעגט.

ביזט קראנק, מאמע, וואָס מאכסטו?

ש פ ר י נ צ

איך בין קראנק; זעהסט דאָך.

נ ח מ ה ׳ ל

זעצט זיך מיט׳ן פּלייצע צום שטוב, בלעטערט עפּעס אַ בוך.

ש פ ר י נ צ ע

נעהם א שטוהל און זעץ זיך — וואָס שטעהסטו?

מ ע נ ד י ל

קוקט זיך אַרום. קוקט צו נחמה׳לען.

וואס מאכסטו ?

ש פ ר י נ צ ע

פאר וואס ענטפערסטו איהם ניט ? ער פרעגט דאך דיך, וואס דו מאכסט — נחמה'לע !

נ ח מ ה ' ל ע

ער זעהט דאך, אז איך בין געזונד.

ש פ ר י נ צ ע

פארוואס זעצטו זיך ניט ? האסט מורא פאר אונז.

נ ח מ ה ' ל ע

דערלאנגט א שטול פאר מענדלען.

מ ע נ ד י ל

כ'האב ניט מורא — וואס זאל איך מורא האבען ? וואס טהוט דיר וועה, מאמע ?

ש פ ר י נ צ ע

די טרערען שטיקען זי אין האלז.

וואס פאר א מלבושים טראגסטו אויף זיך ? וואס ביזטו אזוי אב־געריסען ! האסטו גאר ניט קיין אנדערע מלבושים ?

מ ע נ ד י ל

הא ? מיינע זאכען ?...

נ ח מ ה ' ל ע

געווים האט ער ניט קיין אנדערע זאכען.

מ ע נ ד י ל

פון וואנען ווייסטו, אז כ'האב ניט קיין אנדערע זאכען ? פונקט ווי זי וואלט געזעהן, וואס ביי מיר אין טשאמאדאן איז ! כ'האב נאך וואס אנצוטהאן — כ'האב נאך...

נ ח מ ה ' ל ע

אפשר האסטו.

ש פ ר י נ צ ע

פערדינסטו חאטש אויף דער הוצאה ?

מ ע נ ד י ל

איך פערדין; אודאי פערדין איך — ווי דען?

ש פ ר י נ צ ע

וואס ביזטו אויפגערעגט?

מ ע נ ד י ל

שווייגט, דעם קאפ אראבגעלאזען.

ש פ ר י נ צ ע

קוקט איהם אן מוטערליך.

פאר וואס, זאג מיין קינד, האסטו זיך אזוי פון אונז דערוויטערט, פאר וואס ביזטו ווי א פרעמדער געווארען צו אונז? שוין מעהר ווי א האלב יאהר, אז כ'האב דיר ניט געזעהען. דו האסט אפילו ניט געוואוסט, אז איך ליג קראנק...

מ ע נ ד י ל

א מפלה אויף איהם, ער אליין...

נ ח מ ה' ל ע

ש־ש־ש שריי נאר ניט אזוי.

מ ע נ ד י ל

פערשעמט. דאס געזיכט ווערט בייז.

ש פ ר י נ צ ע

שטענדיג ביזטו געלאפען צו די פערד — וואס איך האב עס ניט געקענט פערטראגען... וואס איז געווען מיין גאנצע האפנונג, מיין פערלאנג? אז דו זאלסט געהן אין גלייכען וועג, דו זאלסט זיין א שטיקעל מענ'ש, אט זעה זי — פון איין טאטע מאמע געבארען געווארען... פון איין ברוסט געזויגען... זאג, פאר וואס האסטו זיך אזוי דערוויטערט פון אונז?

מ ע נ ד י ל

מאמע, זאג, וואס רעדסטו עס?

ש פ ר י נ צ ע

וואס דען זאל איך רעדען, אז ניט דאס? ווען איך וואלט דיך אמאל זעהן. איך זעה דיך אין די אויגען ניט אן. שווייגט א ווייל.ע. וואס

הערט זיך עס פון דיר עפּעס א מאָדנער ריח?... פאַר וואָס האָסטו
ניט אָנגעטהאָן קיין אנדערע זאכען — ריינערע?

מענדיל

מאַמע! וואָס רעדסטו עס — זאָג מיר? שווייג בעסער!

נחמה'לע

שריי ניט אזוי. זעהסט דאָך, די מאַמע איז קראַנק.

שפּרינצע

וואָס רעד איך דען! איך פרעג, וואָס דו ביזט אזוי אָנגעטהאָן, ווי
דער ערגסטער. דיין טאַטע דער שכור — און דו זיצסט דאָרט מיט
איהם... ווער ווייסט, וואָס פאַר א טייוועל ער האָט דאָרט גענומען...
וואָס איז דאָרט פאַר א מויד אין שטוב?...

מענדיל

וואָלסטו וויסען וואָס פאַר א טייוועל ער האָט גענומען! זי פער־
הרג'עט אלעמען — די טאָכטער און איהם...

בלייבט פלוצלונג שטיל.

שפּרינצע

וואָס דערצעהלט זי עפּעס, אז זי האָט געעפענט די טיהר איז געווען
א געשלעג צווישען דיר מיט'ן טאַטען?

מענדיל

שווייגט.

שפּרינצע

קוקט אָן מענדלען, שאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

מענדיל

וואָס קוקסטו מיך אזוי אָן?...

שפּרינצע

איך בין דאָך דיינע א מאַמע. אויב דו האָסט זיך ניט אויפגע־
פיהרט ווי עס בעדאַרף צו זיין; אויב דו ביזט ניט געגאַנגען אין
דעם וועג, ווי איך האָב פערלאַנגט — פונדעסטוועגען קען איך
זיך דאָך ניט אָבזאָגען פון דיר, — ביזט פאָרט מיינס א קינד און

איך — דיינע א מאמע... וואָס טהוסטו, וואָס דו ביזט אזוי פער־שמירט, אזוי פערפאטשקעט?...

מענדיל

זוכט אין די קעשענעס.

שפרינצע

וואָס זוכסטו?

מענדיל

געלד וויל איך דיר געבען; איך פערדין נאָך גענוג געלד פערדין איך.

שפרינצע

האַלט זיך דיין געלד, האַלט זיך — אפשר, אז כ'וועל שוין קיין אנ־דער עצה ניט האָבען...

מענדיל

אָבער כ'האָב געלד...

שפרינצע

פאר די געלד בעסער וואָלסטו מאכען זיך זאכען אנדערע — זעה ווי דו ביזט אָנגעטהאָן — ס'איז דאָך א חרפה, א שאנד!

נחמה'לע

מסתמא געפעלט איהם אזא גאנג.

שפרינצע

וועה איז מיר, וועה איז מיר!

מענדיל

וואָס רעדסט עס מאמע?! איך ווער אין כעס, זאָג איך דיר!

נחמה'לע

ש—ששש!

מענדיל

ווער ביזטו, זאָג? אויך מיר א שוועסטער! טפוי אויף דיר!

נחמה'לע

האָסט קיין רעכט ניט דאָ אין שטוב סקאנדאלען צו מאכען! די מאמע ליגט קראנק!

מ ע נ ד י ל

איהר קענט זי, די בריאה? צווייטען די פינגער וועל איך דיך צו־רייבען; אויף קאשע וועל איך דיך באלד צורייבען!

ש פּ ר י נ צ ע

טהו דאָרט דיין ארבייט, טהו דאָרט, כ'בעט דיך...

מ ע נ ד י ל

הויבט זיך אויף, שטאַרק אויפגערעגט.

ש פּ ר י נ צ ע

וואָס האָסטו זיך אויפגעהויבען? וואָס ביזטו אין כעס, מענדיל? וואָס רעד איך דען? איך בין דאָך דיין מאַמע — א מאַמע מעג דאָך זאָגען דעם אמת... ווער זאָל דיר רעדען, אויב ניט א מאַמע?... וואָס ביזטו אזוי אויפגערעגט געוואָרען, אז כ'האָב דיר וואָס גע־רעדט?...

מ ע נ ד י ל

מאַמע!... הער מאַמע!...

ש פּ ר י נ צ ע

זעה דו ביזט געקומען צו א מאַמען, צו א קראנקער מאַמען! אוי וועה א קראנקע מאַמע...

מ ע נ ד י ל

איך געה אוועק; מיר איז דאָ... מאַמע! זאָג מיר מאַמע... זאָג, פאר וואָס... זאָג, פאר וואָס מאַמע האָסטו מיר ניט געגעבען צו עסען? הא? פאר וואָס, הא? פאר וואָס האָסטו מיך ארויסגעטריבען פון שטוב?... איך בין געווען א קליין אינגעל, בין איך געווען.. אברוש א בייזער יאָהר אויף איהם!... איך וועל איהם דערשטיקען... איך וועל איהם מאכען דעם טוידט. אברושען!... ווערסט זעהן — נאָך היינט ביינאַכט וועל איך איהם דערשטיקען.. נאָך היינט ביי נאַכט!

ש פּ ר י נ צ ע

מענדיל! ביזט משוגע געוואָרען?... וואָס איז מיט דיר? בערוהיג זיך... זאָג, וואָס רעדסטו, וואָס? וואָס ביזטו אין כעס?...

נ ח מ ה ׳ ל ע

זאָל ער זיך געהן פון דאנען, זאָל ער זיך געהן! כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, אז מען דאַרף איהם ניט רופען... זאָל ער זיך געהן!

מ ע נ ד י ל

א בייזער יאָהר אויף דיר — פּאסקודע! א שוועסטער — איהר קענט זי? פּאסקודע! א בייזער יאָהר אויף דיר! די קלאסען געהט זי אויס — א יחסנ׳טע, מיינט זי, איז שוין! ביזט ביי מיר קיין פּריץ נישט, צווישען די פינגער וועל איך דיך צורייבען! כ׳וועל באַל־מיט אייך אלעמען פּערקאָנטשען! הער מאַמע! זאָג איהר בעסער, אז זי זאָל שווייגען... זאָג איהר! איך בין נאָך עלטער פון איהר, כ׳האָב נאָך א פערשטאנד... איך פערדין נאָך מעהר פון איהר, פערדין איך? איך געה אוועק פון דאנען.

געהט צום טיר.

ש פּ ר י נ צ ע

מענדיל... מענדיל... נחמה׳לע! כ׳האָב דאָך דיר געזאָגט, דו זאָלסט שווייגען!

מ ע נ ד י ל

שטעהט נעבען טיר, דער קאָפּ אראָבגעהאנגען.

נ ח מ ה ׳ ל ע

איך בין איהם נאָך געגאנגען רופען, דעם טייערען תכשיט — א צירונג...

מ ע נ ד י ל

דו שווייגסט — צו ניין!... אוועק פון מיר! — זאָג איך דיר... וועסט בעסער מאַכען, זאָג איך דיר... איך וועל אברוש׳ען דעם טויט מאַכען וועל איך... טפוי אויף אייך!... טפוי אויף אייך אלעמען...

נ ח מ ה ׳ ל ע

געה פון דאנען, געה פון דאנען...

מ ע נ ד י ל

שליידערט זיין היטעל אָן דרערד, וויינט פאר כעס.

געוואלד! געוואלד! וואָס האָט מען געמאַכט פון מיר? ! וואָס

ט׳מען געמאכט פון מיר ?!... וואס בין איך ? מאמע ! זאג, וואס בין איך ?!... מאמע ! זאג — פאר וואס ביזטו מיין מאמע ?!... הא ?!

נחמה׳לע

וויל איהם איינשטילען.

שפרינצע

וויינט.

מענדיל... מענדיל... זאג וואס איז מיט דיר ? — וואס האב איך דיר געזאגט ? כ׳האב דאך דיר גאר נישט געזאגט... כ׳האב דיר מעהר ניט געפרעגט, וואס עס הערט פון דיר... כ׳האב ניט געטארט עס דיך פרעגען ?...

מענדיל

שטאמעלט.

עס שטינקט פון מיר... נבלה שטינקט פון מיר !... איך בין א שינ־דער בין איך !... מאמע ! בראך !... א בייזער יאהר אויף דיר ! א מיתה משונה אויף דיר !

נחמה׳לע

ארויס פון דאנען — ארויס ! פויער !

מענדיל

א מפלה אויף אייך ! א בייזער יאהר אויף אייך ! טפוי אויף דיר מיט רייזלען אין איינעם ! טפוי אויף דיר מיט רייזלען !

נחמה׳לע

שטויסט איהם.

ארויס חם !

שפרינצע

קינדער, האט רחמנות, קינדער...

מענדיל

גיט נחמה׳לען א שטארקען פאטש. ער ווערט א ווילע אליין דער־שראקען.

נ ח מ ה ׳ ל ע

נעוואלד! נעוואלד! ראטעוועט!

ש פ ר י נ צ ע

נחמה׳לע!... מענדיל... מען וועט זיך נאך צונויפלויפען... מענשען וועלען זיך צונויפלויפען, מענדיל!

מ ע נ ד י ל

איך וועל דיר דערשטיקען מיט רייזלען...

ש פ ר י נ צ ע

נחמה׳לע, מיין לעבען, האב רחמנות אויף מיר, אויף מיר רחמנות...

נ ח מ ה ׳ ל ע

די גאל קערט דאך פון איהם. די גאנצע שטוב האט ער דאך פערעפוישט.

מ ע נ ד י ל

א צוטומעלטער לאזט ער זיך אראב צו דער מוטערס געלעגער. וויינט היסטעריש.

וואס האט מען געמאכט פון מיר? וואס האט מען געמאכט פון מיר?

ש פ ר י נ צ ע

גלעט איהם, נעהמט איהם איין.

נו שא. איך האב דאך דיר גאר נישט געזאגט. מיין קינד... נו שא.

מ ע נ ד י ל

ווערט שטיל. ווי ער וואלט זיך צוהערען צו איהרע רייד. הויבט זיך אויף און קוקט זיך ארום מיט שטארע אויגען. בעטראכט זיינע קליידער. ער נעהמט אן אויבען פאר׳ן לאץ פון זיין רעקעל און רייסט אראב ביז אונטען. שעפטשענדיג: „נבלה“, הא נבלה“... „אברויש“ „רייזיל“.

פ י ע ר ט ע ר א ק ט.

אין צימער פון ערשטען אַקט. ביי טאָג.

אַ ווייל שטיל אין קעלער.

א ב ר ו ש

ליגט אויפ׳ן בעט און כראָפּעט. וואכט אויף, זינגט פאר זיך אַליין.

טי־טאַ־טאַ; טי־טאַ־טאַ, פויף! בים־באַם־בים; בים־באַם־באַם!

זינגט מיט אַ הייזעריג אומעדיגען ניגון. מן ה־מ־צר; מן ה־מ־צר!

מן־מן־מן! ק־רא־תי קר־קראתי—קרא—אא— ק—ר א א־תי יה —

— — — אברוש!... אברוש!

שלעפּט ארוים פון הויזענקעשענע אַ פלעשעלע בראנפּען און טרינקט. בעהאַלט דאָס ליידיגע פלעשעל אונטער׳ן קישען און לעגט זיך ווידער.

מ ע נ ד י ל

לויפט אריין אין שטוב. פערשליסט די טיר אויפ׳ן שלאָס. אויפ׳ן קאָפּ ניטאָ קיין היטעל. די האָר אין אונאָרדנונג. די זאַכען אויף איהם, אויף פּאַסען צוריסען, לויפט אום הין און צוריק. בלייבט שטעהן פּלוצלונג און פערטראכט זיך שטאַרק.

א ב ר ו ש

זינגט פון שלאָף הייזעריג.

מן—ה־מ־צררר...צר...צצר...

מ ע נ ד י ל

ווארפט זיך ארויף ווי אַ ווילדע חיה אויף אַברוש׳ן און הייבט איהם אָן שטיקען מיט אַ ווילדען ברומען. אַברוש צאַפּעלט זיך מיט די הענד און מיט די פיס. מענדיל ציהט זיך אויף איהם אוים מיט זיין גאַנצען קערפּער און שטיקט איהם מיט אַלע כחות. ברומענדיג אונ־פערשטענדליכע ווערטער. ער הויבט זיך אויף.—קוקט זיך אַרום ווי

פערוואונדערט, פרובט אויפהויבן אברושעס האַנד, נאָכהער זיין פּוס. אַברוש ליגט אונבעוועגליך. מענדיל קריכט אַראָב פון בעט און טרייסעלט אַברושען, שרייט: אַברוש! אַברוש! אַברוש — האַ? האַ — אַברוש?! רייזעל! רייזעל! שטעהט אַ ווײילע אויף איין אָרט ווי אַ פארשטיינערטער. ווי ער וואָלט זיך איבערלעגען וואָס ס'איז געשעהן. הייבט אָן זינגען:

אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, פייגלאך פליהען!
אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, פערדלאך שפּרינגען!
אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע, גענזלאך, גענזלאך!

שטעהט אַ ווײילע שטאַרק פערטראכט, דער קאָפּ אַראָבגעהאַנגען. וואכט אויף, הייבט אָן זוכען און שרייען:

רייזעל? רייזעל! רייזעל! קוקט אונטער'ן בעט, אונטער די טאַפּטשאַנעס, געהט צו צו אַברושען און זוכט אונטער איהם. רופט רייזעל? ריי—זעל! רייזעל! געה אַרויס! געה ארויס, זאָג איך דיר. איך וועל ניט לאָזען די מאַמע זאָל דיר שלאָגען... געה ארויס זאָג איך דיר. די מאַמע איז ניטאָ — געה ארויס!

זינגט.

אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע—פערדלאך שפּרינגען!
אויפ'ן לאָנקע, אויפ'ן לאָנקע—פייגלאך פליה־ען!...

שמעקט די קליידער זיינע און פערקרימט זיך שטאַרק.

פוט־פוט־פוט־אַברוש, אברוש! הא—האַ! האַ—האַ—רייזעל, קום אהער, קום צו מיר, גיכער, גיכער! זעה ס'א שעהנער חתן איך בין! האַ־האַ, קום אהער! שלעפּט אַרויס פון אונטער'ן בעט זיין טשעמאָדאַן, וויל איהם עפענען, נאָר ער איז פערשלאָסען. פערמעסט זיך צום טשעמאָדאַן מיט כעס: „נו, עפען זיך!“ קלאפּט איהם מיט זיינע פּיס. געפינט ערגעץ אין אַ ווינקעל דעם האַק און פּרובט מיט איהם עפענען דעם טשעמאָדאן. געהט פּלוצלונג צו צו אַברושען. טאַטע! טאטע! שטעה אויף! חאַ—חאַ—שטעה אויף טאַטע! שטעה אויף אַברוש... אַ סך פערד, פערד האָב איך געבראכט. — פערד!..

טרעט אָב אין אַ זייט, זינגט.

אויפ׳ן לאַנקע, אויפ׳ן לאַנקע, פערדלאַך, פערד־לאַך!

פרופט נאָך אַמאָל עפענען דעם טשעמאָדאַן.

ע־ע־ע! האַרט איז רייזעל! האַ—האַ—האַ! לעגט צו דעם אויער צום לעכעל פון שלאָס און הערט. זאָג, דו ביזט האַרטען? האַ? האַרטען? עפען! עפען! זעה, איך גיב דיר אַ סך געלד, אַ סך געלד! נעמט ארויס פון קעשענע זיין טויסטערעל, שיט אויס די גאַנצע געלד אויפ׳ן דעק פון טשעמאָדאַן און קלינגט מיט זיי. הער רייזעל! אַ סך געלד גיב איך דיר, געה ארויס! עפען! עפען! עפען, מהוב—וועסט חרטה האָבען. נעהמט שנעל אַראָב דאָס געלד פון טשעמאָדאַן, בעהאַלט אין קעשענע, שפרינגט מיט די פיס אויפ׳ן דעק. האַ! האַ! האַ—האַ! קריכט אַראָב. צוהאַקט מיט׳ן האַק דעם דעק, רייסט אראָב דעם לייוועגד, און דורך דער לאָך קוקט ער אַריין אינווייניג. נו. וועסט שוין ארויסגעהן? נעמט ארויס אויינציגווייז די זאַכען פון טשעמאָדאַן. בעקוקט יעדער זאַך בעזונדער מיט גרויס כונה און לעגט אין אַ זייט. ביסלעכווייז ליידיגט ער אויס דעם גאַנצען טשעמאָדאַן. זוכט צווישען די מלבושים. רופט. רייזעל, וואו ביזטו? זאָג! וויינט. וואו ביזטו? קום צו מיר! ער קערט איבער דעם טשעמאָדאַן, טרייסעלט איהם און קוקט צו איז פון איהם גאָר ניט ארויסגעפאלען. שטעהט אַ ווײַלע אויף אַנ׳אָרט און האָפנונגסלאָז קוקט ער זיך אַרום. פאַנגט אָן ארומלויפען איבער׳ן צימער אין דער לענג און אין דער ברייט. שטעלט זיך אָב ביי אַברוש׳עס בעט און קוקט איהם אָן אַ ווײַלע. געהט פלוצלונג אַוועק פון איהם. שטעקט אריין די הענד אין די צופודעלטע האָר און טרייט ווי דער שמש ערב שבת: „אין שול אַ—ריין“! קוקט זיך צו צו זיינע זאַכען און בעמערקט, אַז זיי זענען צוריסען. מיט אַ וואונדערליכע שנעלקייט פאַנגט ער אָן צו רייסען פאַסען פון זיין אויבערשטען בגד, יעדען פאַס צורייסט ער אויף גאָר קליינע שטיקלאַך, ווי ווייט גאָר ער קען עס בעגרייפען — שמעקט יעדער שטיקעל און מיט עקעל שליידערט ער אַוועק, נעמט זיינע שבת׳דיגע זאַכען, פוצט זיי ארום. שמעקט פון זיי עטליכע מאָל, פוצט אַרום די שיך. ציהט ארויף די שבת־דיגע קליידער אויף די שמאַטעס וואָס עס הענגט אויף איהם. נעמט אַראָב

פון וואַנד זיין שבת'דיגע היטעל און טהוט זי אָן. דאָס אַלין ווערט געטאָן מיט א ווילדע שנעלקייט, אין אַ משונהדיגען אינטערעס. די אויבעריגע זאַכען לעגט ער צוריק אין טשעמאָדאן, שטעלט איהם אונטער'ן בעט, ברענגט אַלץ אין אָרדנונג, שמעקט זיינע הענד זיין פערקרימט זיך שטאַרק, געפינט אַ מעסער און הייבט אָן שאָבען די הויט פון זיינע הענד. געפינט אויף אַ פענסטער אַ שטיקעל שפיגעל־גלאָז, קוקט זיך אין דעם איין. שליידערט דאָס שטיקעל שפיגעל־גלאָז און לויפט אַרויס.

ר ײ ז ע ל און ב ע ר י ל חזיר

קומען אַריין.

ב ע ר י ל

די נבלה ימח שמו זאָל ער ווערען! ער איז ניטאָ. איך וועל איהם דעם שארבען אראָנעמען — א פייער אויף איהם! אברויש שלאָפט! נעהמט רייזלען פאר'ן האַנד. פיהרט זי דורך אַ פאָר מאָל איבער'ן קעלער, ווי צום טאַנצען. שיכעלאך אביסעל! פופע! ביזט דאָך א פופע — קאַק יא זדאָראָוו! דריקט איהר פעסט צו צו זיין ברוסט. וואָס האָט געזאָגט די „נבלה“ הא?...

ר ײ ז ע ל

ער האָט געזאָגט, אבער אבי איך גלויב איהם ניט, — ער האָט עס פון כעס געזאָגט, אודאי, פון כעס.

ב ע ר י ל

אָבער זאָג, וואָס האָסטו מורא?

ר ײ ז ע ל

אויף מיינע נאמנות; מיר ארט ניט וואָס ער האָט געזאָגט.

ב ע ר י ל

רייזעלע, וועסט חרטה האָבען אויב דו וועסט מיר ניט זאָגען.

ר ײ ז ע ל

ביזט, בעריל, א גרויסער עקשן.

ב ע ר י ל

פערמעסט זיך מיט'ן פינגער.

וועסט רייזעלע חרטה האָבען.

ר י י ז ע ל

אז איך וויל ניט דערצעהלען, מסתמא ווייס איך דאך פאר וואס.

ב ע ר י ל

מעהר רעד איך ניט. „בעריל“ האט פיינד גרויסע טענות מאכען.

ר י י ז ע ל

ער האט געזאגט, אז דו שינדסט אויף גע'פגר'טע פערד...

ב ע ר י ל

וואס?! ווער האט געזאגט?! וואו איז ער? איך וועל אין איהם קיין גאנץ גליד ניט לאזען! הא — הא, ער וועט מיר שוין גע־דענקען דעם גאנצען לעבען זיינעם. און דו האסט געגלויבט?

ר י י ז ע ל

וואס ביזטו אזוי אין כעס? כ'האב דאך דיר געזאגט, אז איך גלויב איהם ניט, אדרבה. איך האב איהם געזאגט, אז ער זאגט א ליגען. פון דיר, האב איך איהם געזאגט, שמעקט ווי פון אריסטא־אריסטאקראט...

ב ע ר י ל

ס'מאכט ניט אויס! כ'האב דאך דיר געזאגט, פופע, אז בעריל קען אליץ, וועסט נאך זעהן. רייזעל, א זייגער מיט א גאלדענער קייט — מיט א גאלדענער קייט וועל איך דיר קויפען.

ר י י ז ע ל

די מאמע — איי, איי, וועט זי טאנצען — זי וועט מיר די קאלטא־נעס מיינע אויסרייסען.

ב ע ר י ל

איך וועל קומען אהער. ניין—איך וועל בעסער ווארטען ביז זי וועט קומען, איך וועל צוגעהן צו איהר. איך וועל עס איהר אננעמען פאר'ן קאלנער און איך וועל עס איהר זאגען: „הער נאר ברײנע, בריינקע! אויב דו וועסט נאר פרובען נאך אמאל אויפהויבען א האנד אויף רייזלען — איז דא פון דיר א קאניעץ אויף אן ארט!“ דו, רייזעל, זאלסט נאר שווייגען — קוקען און שווייגען, ביזט מסכים?

ר י י ז ע ל

שווייגט.

ב ע ר י ל

ביזט מסכים? ניין? א, זאָג!

ר י י ז ע ל

פונדעסטוועגען איז זי דאָך מיינע א מאַמע.

ב ע ר י ל

און אז זי איז א מאַמע — איז וואָס? אזא מאַמע? שפּיי איהר אין צורה! „רייזעל איז מיינע" — וועל איך איהר זאָגען; בעריל קען אַלץ בעווייזען.

ר י י ז ע ל

קוקט איהם אָן, שמייכעלט.

איך בין דיינע?

ב ע ר י ל

דו האָסט גערעדט מיט'ן „פּגר"? ער האָט מיט דיר וואָס גערעדט. הער רייזעל: ראשית וועל איך איהם נעמען און כ'וועל צורייסען ווי אַ הערינג, איך וועל איהם זיין שארבען אראָבזעצען — הערסט וואָס איך זאָג דיר? און צווייטענס — רייזעל?! רייזעלע! דו ווייסט, אז איך בין בעריל חזיר? מיט מיר זאָלסטו ניט מאַכען קיין פונקעל־מונקעל, איך בין בעריל חזיר בִין איך.

ר י י ז ע ל

וואָס שרייסטו אזוי אויף מיר? וואָס סטראַשעסטו זיך אזוי?

ב ע ר י ל

רייזעלע...

ר י י ז ע ל

זאָגסט, אז דו וועסט שלאָגען מיין מאַמען — איך וויל ניט. אז דו זאָלסט שלאָגען מיין מאַמען. בערעלע... קום לאָמיר געהן א פּאָילקע; לאָמיר זיך לערנען טאַנצען ביז די מאַמע וועט קומען.

ב ע ר י ל

אָבער ענטפער מיר אויף דעם, וואָס כ'האָב דיר געפרעגט...

ר י י ז ע ל

וואָס ?

ב ע ר י ל

ווילסט אַ זייגער מיט אַ גאָלדענער קייט ?

ר י י ז ע ל

קאָקעטיש.

ראשית נעהם מיר אויף אַ קלייד, אויב דו ווילסט זיין אַ מאַלאַדיעץ;
זעה ווי די קלייד איז צוריסען — ס'פּאסט נאָר ניט צו די נייע שיך.

ב ע ר י ל

וואָס וועט זיין דאַנאָך ?

ר י י ז ע ל

דערנאָך וועל איך האָבען נייע שיך מיט אַ נייע קלייד...

ב ע ר י ל

מיט מיר שפּיל זיך ניט, בעט איך דיר — ווער ס'וויל זיך שפּילען
מיט בערלען וועט גוט ניט אָבשניידען !

ר י י ז ע ל

איך בין אַ שעהנע, הא ?

ב ע ר י ל

שווייגט. קוקט פערטראַכט אין איין פּונקט.

ר י י ז ע ל

טרעט אָב אין אַ זייט און זינגט פרעהליך.

אויפ'ן הויכען בארג, אויפ'ן גרינעם גראָז
זיצען פּאַנעס צוויי:
שעהנע בחורים מיט די פראקען —
קו—מען דאָרט צו זיי...
קומען דאָרט צו זיי !

ב ע ר י ל

זאָג, וואָס זינגסטו, הא ? רייזעל, הא ?

ר י י ז ע ל

זינגט.

און די פּאַ—נעם ליבען זיי, און די פּאַנעם...

ב ע ר י ל

געהט צו צו איהר.

זאָג מיר, רייזעל, וואָס זינגסטו אזוינס?

ר י י ז ע ל

דו הערסט דאָך, אז דאָרט אויף א בארג אין גראָז, לעבען וואַלד, מסתמא, זיצען שעהנע פּאַנעם און צו די פּאַנעם קומען קאַוואַליע־רען און זיי האָבען זיי ליעב — און גאָר!

גיט איהם אַ קלעפּעל איבער'ן פּלייצע.

ב ע ר י ל

מיט אַ ציטערנדיגע שטימע.

רייזעל, רייזעל! זאָג בעסער...

ר י י ז ע ל

הער בעריל: דו וועסט זאָגען מענדלען, אז ער זאָל ניט סמייען מעהר רעדען צו מיר?

ב ע ר י ל

וואָס ארט דיר? מעגסט זיך שוין פערלאָזען אויף מיר, אז איך וועל איהם זאָגען, וועט ער שוין האָבען צו געדענקען אויפ'ן גאַנ־צען לעבען!

ר י י ז ע ל

כ'האָב איהם פיינד. כ'קען ניט קוקען אויף איהם — טפוי — איך שפּיי אויף איהם. א שטיק פּגירה! איך לאָך ניט, בעריל, ער האָט מיר געזאָגט, אז איך זאָל מיט איהם חתונה האָבען — חאַ — חאַ — חאַ! זאָג איהם בעריל, ער זאָל בעסער ניט קריכען צו מיר.

ב ע ר י ל

פערלאָז זיך אויף מיר. איך וועל נאָך איהם פאר אלץ בעצאָהלען. איך וועל איהם נאָך בעווייזען ווער איז א שינדער. רייזעל! הערסט, דאָס לעצטע וואָרט.. הערסט — מיין לעצטען וואָרט... דו דאַרפסט ווייסען מיט וועמען דו מאכסט פונקעל־מונקעל.

ר י י ז ע ל

נעמט איהם ארום.

האסט עס מיך אזוי ליעב ?

ב ע ר י ל

קושט זי.

ר י י ז ע ל

בעריל, זאג מיר דעם אמת...

ב ע ר י ל

הערסט, איך שווער דיר... איך.. אז איך זאג... פערשטעהסט—אז בעריל זאגט.. גענוג !

ב ר י י נ ע

קומט אריין. טראגט צוויי קערב פיש אויף די הענד. קרעכצט. ווארפט א שארפען בליק צו רייזלען. שטעלט אוועק די קערב און בלייבט זיצען פערמאטערט.

ר י י ז ע ל

וואס איז דיר, מאמע ?

ב ר י י נ ע

שווייגט.

ר י י ז ע ל

וואס איז דיר ?

ב ר י י נ ע

אוועק פון מיר, משומדת !

ר י י ז ע ל

וואס איז, אז איך פרעג ?

ב ר י י נ ע

אוועק פון מיר ! איך צופלעט דיר באלד דיין קאפ מיט א שטיק האלץ... איך וועל זיך מיט יסורים ארום שלעפען אין די גאסען און זי וועט הוליען אין שטוב... כ'האב קיין כח ניט דיר צו קארמענען. וואס איז עס ?.. שיך ? נייע שיך ? !.. וואו האסטו זיי גענומען ? זאלסט מיר זיי שוין אויסטהאן ! די מינוט — זאלסטו זיי אויס-

יהאָן! און אויב ניט — נעהמט אַ שטעקען. טהו אוים משומדת!

ב ע ר י ל

געהט לאַנגזאם צו ברײנען. ציהט די װערטער.

ברײנע! איך הײס דיר אויפהערען, הערסט? איך בעריל חזיר הײסט, און פּרוב נאָר ניט פאָלגען!

ב ר י י נ ע

װער ביזטו עס, זאָג מיר! דו װעסט מיר א דעה זאָגען װאָס צו טהאָן מיט מײן טאָכטער, האַ? חזיר! חזאק! חזיר'איסקאַ!

ב ע ר י ל

מיט ישוב הדעת.

איך זאָג דיר נאָך אמאָל, אז דו זאָלסט צומאַכען דײן פּיסק. ברײנע! איך הײם!... און אויב נײט, װעל איך דיר איהם פערמאַכען!

ר י י ז ע ל

שלעפּט בערלען אין אַ זײט.

בעריל, בעריל הער אויף.

ב ע ר י ל

שטויסט איהר אָב.

אװעק פון מיר, רײזעל איז מײנע... מײנע איז זי, דו פערשטעהסט? האָסט אויף איהר קײן פראװ ניט! מײנע איז זי.

ב ר י י נ ע

דײנע איז רײזעל? חזיר! דײנע? ! גיט רײזלען אַ פּאַטש. מײנע איז רײזעל... זי איז מײנע — מײן טאָכטער! מײן טאָכטער, גיט איהר נאָך אַ פּאַטש. איך בין איהר מאַמע!..

ב ע ר י ל

שלײדערט ברײנען צו אברושען. אװעק פון מיר! איך זעץ דיר באַלד דעם שאַרבען דײנעם אראָב!

ב ר י י נ ע

געװאַלד! ער װיל מיר הרג'ענען! אבאַ! אבאַ! אברוש גנב! שטעה אויף גיכער! געה רוף פּאָליציע גיכער, אברוש גנב! רײסט איהם פאר זײנע האָר. אברוש א מיתה משונה אויף דיר, שטעה

אויף! געה רוף פאַליציע. דערשראָקען שפּרינגט אַב הינטערזיך. וואָס איז עס?! שמע ישראל! — אברוש! אבא! אבאַ! ער איז טוידט!... ער האָט גע׳חלשט... רופט מענשען, גיכער רופט מענ־שען! ראַטעוועט!..

ר י י ז ע ל

שטעהט פון ווייטען, ציטערט פון קעלט.

ב ע ר י ל

געהט צו צום בעט, פּרובט וועקען אַברושען.

אַבאַ! ר׳ אַבאַ! שאָקעלט איהם פאר׳ן האַנד. ער האָט גע׳חלשט! גיט וואַסער! גיט וואַסער!

ס׳ווערט אַ געטומעל אין שטוב.

א ש ט י מ ע

פון הינטער׳ן טיר.

אויפ׳ן לאַנקע, אויפ׳ן לאַנקע, פייגלאַך פליה—ען...

מ ע נ ד י ל

קומט אַריין. פון זיין פּנים רינט בלוט און ער ציטערט פון קעלט. די זאַכען זיינען אויף איהם צוריסען. מיט אַ שמייכעל קוקט ער אַלע־מען אַרום. די הויז־לייט קוקען איהם אָן פערוואונדערט און צושראָ־קען. פון גאַס הערט זיך שרייען קינדערשע קולות „אין קעלער איז ער, אין קעלער איז ער!“ מענדיל מאַכט משונה׳דיגע גרימאַסען. שמעקט אין לופט. פּוט־פּוט! פּוט־פּוט. שמעקט די הענד זיינע, פאַנגט אָן מיט די נעגעל צו רייסען די הויט פון די פינגער. פון די פינגער טריפט בלוט.

ר י י ז ע ל

ראַטעוועט! ראַטעוועט! ער איז משוגע!

מ ע נ ד י ל

געהט לאַנגזאַם צו אַברושעס בעט און זינגט.

מענ־דיל נב—לה... אברוש... מענדיל—נבלה... אויפ׳ן לאַנקע. אויפ׳ן לאַנקע...

ע נ ד ע.

די ערד

1907

פערזאנען:

עוזר, א גוטבעזיצער.

פאני }
נפתלי } זיינע קינדער.

מאשע

פייגעלע }
מאיר } א נאָהענטען גוטבעזיצערס קינדער

אננא

סאפיר

הויז־מיידיל

ערשטער אקט.

פריהלינג, ביי עוזר'ן אויפ'ן גוט. רעכטס זעהט זיך די פאָדערשטע זייט פון אַ גרויס הויז מיט אַ גאַנעק אין מי־טען. דער גאַנעק איז אַרומגעפלאָכטען מיט ווילדע טרו־קענע וויינטרויבען. פאר'ן שטוב איז צו דערקענען פאר אַ יאָהריגע בוימען. איינגעגראָבענע בענקלאך. אין היג־טערגרונד זעהט זיך אַ צוים פון שטאַכעטען און נעבען איהם וואקסען טאָפּאָליען. אויף יענער זייט זעהט זיך אַ ברייט פעלד, וועלכעס גרינט שוין. אין מיטען פעלד שלענ־געלט זיך אַ וועג. פוןביידע זייטען וועג — בוימער. דער וועג ווערט פערפאלען נעבען אַ וואלד, וואָס זעהט זיך פון ווייטען. לינקס — אַ ווינקעל פון אַ שפּייכלער. נעבען שפייכלער אַ ברונען מיט אַ הויבען זשוראווועל וואסער צו בעקומען. ניט ווייט פון ברונען — אַ הוידע אויף שטריק־לעך, צווישען צוויי סלופּעס.

פּאַני

אויף די באָרפוסע פיס שטעקשיך. צוגראָבט מיט אַ רידעל פליי־סיג די ערד פאר'ן שטוב. רופט:

מאַ—שע! מאַ—שע!

מאשע

דורכ'ן פענסטער.

וואָס ווילסטו?

פאני

קום, איך האָב שוין באלד א האלבען גאָרטען צוגראָבען. אננא וועט

מיר ברײנגען זוימען פון אזוינע בלומען, וואָס זענען נאָך קיין מאָל בײ אונז ניט געוואַקסען. דו געהסט ?

מ א ש ע

איך געה באלד!

פ א נ י

די ערד איז נאָך פוך־ווייך געבליבען פון די פאר־איאָהריגע בלומען. זעהסט, דער רידעל קריכט אליין אין דער ערד. א ריר מיט'ן פוס — און פארטיג!

מ א ש ע

מיט אַ בלאַסען פער'חלומ'טען געזיכט. קומט פון שטוב. לייכט געקליידעט.

פ א נ י

צו וואָס האָסטו אַנגעטהאָן אזא העלע בלוזע ? וועסט דאָך זי פערשמירען.

מ א ש ע

אננאַ וועט באלד קומען. ס'פאסט ניט. געה טהו זיך דו אויך אָן. ווי א דאָרפישע שיקסע זעהסטו אויס.

פ א נ י

אננאַ קען מיר גאָר ניט ? אין גימנאַזיום בין איך — וואָס ? זאָל זי נאָר קומען; בארוועס וועט זי ביי מיר געהן. שנעלער — ווארף אראָב דיין ווייסע בלוזע. נעהם א רידעל און קום העלף מיר גראָבען.

מ א ש ע

כ'וועל זיך איינקוקען ווי דו גראָבסט.

פ א נ י

פוילסט זיך ?

מ א ש ע

ס'ווילט זיך קוקען גלאט אין דער וועלט אריין.

פ א נ י

גראָבענדיג.

קוקען גלאַט אין דער וועלט אריין. אויך אנ'ארבייט; נאָר דו וועסט דאָרט א פייג וואָס זעהן. — די באַטשאַנעס האָסטו שוין געזעהן?

מ אַ ש ע

זיי זענען שוין דען פארהאן?

פ אַ נ י

אַט האָסטו דיר! געהסט אום, קוקסט, גלאָצסט אין דער וועלט אריין און האָסט נאָך די באַטשאַנעס ניט געזעהן. געה, אויף דעם קוה־שטאַל וועסטו זיי זעהן.

מ אַ ש ע

וויל געהן.

פ אַ נ י

געה ניט, געה ניט! קענסט איהם נאָך דערזעהן שטעהענדיג. איך האָב איהם געזעהן פליהענדיג. ער איז אזוי הויך געפלויגען! פריהער האָט ער זיך געדרעהט אויף איין אָרט און דערנאָך — גלייך זיך אראָבגעלאָזען צו אונז אויפ'ן זשעזשינעץ.

מ אַ ש ע

איינער איז געוועזן?

פ אַ נ י

נאָר איינער. די „זי", מסתמא, איז שפּעטער אָנגעקומען. ווייל נעכטען פארנאַכט האָב איך זיי שוין ביידען געזעהן פליהענדיג צום אָזיערע.

מ אַ ש ע

ווי גיך זיי האָבען זיך שוין דערוואוסט, וואו די אָזיערע איז!

פ אַ נ י

ביזט א נאַר; דאָס זענען דאָך די אייגענע וואָס זענען פאַר־אַ־יאָהרען ביי אונז געבאָרען געוואָרען. זיי ליגט נאָך אין מויל דער טעם פון די פאַר־אַ־יאָהריגע זשאַבעס.

מ א ש ע

דאָס זענען די יונגע קלערסטו?

פ א נ י

געוויס די יונגע. וועסט זעהן, ביי זיי זענען נאָך די שנאָבלען שווארצלאָך. די אַלטע פּאַלען אויפ׳ן וועג אין ים אריין און ווערען דערטרונקען. ווען זיי ציהען זיך אויפ׳ן ווינטער אין די ווארימע לענדער בעגעגענען זיי גרויסע ים׳ן, מוזען זיי אריבערפליהען; די יונגע פליהען איבער און די אַלטע פּאַלען איינציגווייז אין ים אַריין.

מ א ש ע

און די קראַנקע?

פ א נ י

די געזונדע פערפּיקען זיי פאר׳ן אוועקפליהען. געדענקסט, מאיר האָט געבראכט צו אונז א פערפּיקעטען באָטשאַן, קוים וואָס ער האָט געזשיפּעט.

מ א ש ע

זיי האָבען ליעב נאָר געזונטע?

פ א נ י

געוויס. זיי האָבען ליעב געזונטע, יונגע. ניטאָ ביי זיי קיין שפּיטע־לער פאר קראַנקע; ניטאָ ביי זיי קיין הייזער פאר אַלטע; ניטאָ ביי זיי קיין וועלדער פאר סוכאָטניקעס ווי דאָ ביי אונז. — כסדר יונג, פריש און געזונד... נו, נעהם זיך פאר דער ארבייט — גע־שווינד!

מ א ש ע

כ׳וועל זעהן הינטער׳ן שטוב. אפשר זענען דאָרט פאַראַן די באַ־טשאַנעס.

פ א נ י

אז מען זעהט צום ערשטען מאָל דעם באָטשאַן פליהענדיג האָט מען א פליהענדיג יאָהר: מען לעבט, מען שוועבט, מען איז פרעהליך. און אז מען זעהט איהם שטעהענדיג האָט מען א שטעהענדיג

יאָהר: איז דעם גאנצען יאָהר זויער אויפ'ן הארצען: איז מען פערשלאָפען און עס ווילט זיך געניצען. איז מען פער'חלומ'ט פונקט ווי דו, מיין שוועסטער. קום צו מיר, פערשלאָפענע נשמה, ווילסט דאך פאָהרען אין גימנאזיום. וואָס וועט פון דיר ווערען אין דער גרויסער שטאָדט, אז דאָ ביזטו אזוי?...

מ א ש ע

דו פערשטעהסט גאָר ניט. אין דער גרויסער שטאָדט, צווישען א פולע מענשען וועל איך לעבעדיגער זיין.

פ א נ י

און איך וועל דיר ניט לאָזען פאָהרען אין שטאָדט אריין. דאָ וועסטו פערבלייבען. נאָ דיר מיין רידעל און גראָב, און איך וועל זעהן צו זיי פאָהרען שוין.

מ א ש ע

גראָבט לאַנגזאם.

פ א נ י

שנעלער, שנעלער! איך וועל באלד ארויפקריכען אויפ'ן פלויט, די גאנצע געגענד וועל איך זעהן. קלעטערט אויפ'ן צוים. קום צו מיר מאשע!

מ א ש ע

וואָס זעהסטו דאָרט?

זי קריכט אויך אַרויף אויפ'ן צוים. זיי שטעהען ביידע אָנגע־שפּארט אָן אַ בוים.

פ א נ י

אפילו די אַזיערע זעהט מען דאָ שטעהענדיג.

מ א ש ע

וואו האָסטו זי?

פ א נ י

קוק גלייך — אָט — אָט — אָט! רעכטס פון וועג. דאָרט וואו דער הימעל לאָזט אראָב; — זעהסט עס בלאנקט ווייס?

מ א ש ע

איך זעה.

פ א נ י

זי איז בעלויכטעט פון דער זון און אין וואסער שפיגלען זיך אפ די ווייסע פריהלינגס וואלקען. הו—הא! הו—הא! מאשע! זעה, זעה! צוויי באטשאנעס פליהען אט—אט נעבען וואלד. זיי פערנעהמען זיך צום אזיערע! גיכער, גיכער — זיי לאזען זיך אראב!

מ א ש ע

איך זעה... איך זעה.. זיי לאזען זיך אראב. אט האט זיך שוין איינער אראבגעלאזען! אט שטעהט ער שוין. אט שטעהען זיי שוין ביידע...

פ א נ י

אבער פליהענדיג געזעהן! איצטער וועלען מיר ביידע אראבשפרינגען — האפ!

שפרינגט ארונטער מיטשלעפענדיג מאשע'ן.

ע ו ז ר

קומט ארויס.

פ א נ י

לויפט איהם אנטקעגען.

מיר האבען געזעהן פליהענדיגע באטשאנעס.

ע ו ז ר

בעקוקט די צוגראבענע ערד.

וועט זיין א מזל'דיג יאהר... וואס בעדארפט איהר זיך אליין מאטערען? איך וועל שיקען א פאר שקצים וועלען זיי עס מאכען אין א פערטיל שעה.

מ א ש ע

טאקי גוט!

פ א נ י

איך וועל אליין צוגראבען. באלד וועט אננא קומען וועל איך זי

איינשפּאַנען אַביסעל זי זאָל מיר העלפֿען... מיר טהוט באַנג וואָס איך בין איהר ניט געפֿאָהרען אַנטקעגען.

ע ו ז ר

נפתלי איז דאָך געפֿאָהרען.

פ א נ י

אָבער טאַליענקע — זעה ווי ער האָט זיך אַרויסגעריסען! קיינער האָט גאָר ניט געהערט ווי ער איז אויפגעשטאַנען. וואוהין געהסטו, טאטע?

ע ו ז ר

איך מוז געהן אין פעלד אריין. מען בראָנעוועט היינט דעם האָבער.

מ א ש ע

איך געה מיט דיר.

ע ו ז ר

ס'איז צו ווייט פאר דיר, מיין קינד.

מ א ש ע

איך געה. אַז אַננאַ וועט קומען וועסטו אונז, פאני, אָנזאָגען — גוט?

ע ו ז ר

זיי אין שטוב. איך געה ביז'ן ווינטמיל, ביי'ן אַנדערען בריקעל.

פ א נ י

זעהר גוט, מאשעלע, דאָרט נעבען בריקעל, אין גראָבען בעדאַרף שוין זיין געלער לאַטאַטש, — וועסטו אָנרייסען? כ'וועל אָנשטעלען אויף די פענסטער...

ע ו ז ר

קום, מיין קינד. ס'איז קיין צייט ניטאָ.

מ א ש ע

גיב מיר דיין שירץ מיט, וועל איך האָבען אין וואָס צו קלייבען...

זי נעהמט ביי פאני'ן דעם שירץ און טהוט איהם אָן, נאָכלויפענדיג עוזר'ן, פערשווינדט.

פ א נ י

הייבט ווידער אָן גראָבען זינגט:

דער פריה—לינג געהט!
און ער פער—שפרייט
זיין ליכט און צווי—בער
אויף א—לע ווע—גען—
ער שוועבט אין לופט
ער ווינקט און רופט
מיט טויזענד אוי—גען
און טוי—זענד קלאנ—גען.

פ י י ג ע ל ע

בעווייזט זיך אויף יענער זייט צוים. רופט:

קו—קו! קו—קו!

פ א נ י

קוקט זיך אַרום. מערקט פייגעלען.

הא—הא! דו ביזט עס? דיך בעדארף איך טאקי האָבען.

פ י י ג ע ל ע

קריכט איבער'ן צוים.

כ'האָב איצטער נאָר וואָס געהערט די קוקופקע רופען אין וואלד.

פ א נ י

אזוי פריה?

פ י י ג ע ל ע

כ'האָב זי אליין געזעהן. זי איז געשפרונגען פון בוים צו בוים — געשפילט אין בעהעלטעניש מיט די פייגעלאך, וואָס טהוט איהר עס פאני?... איך בין געקומען פרעגען אויב איהר וועט פערדינגען אייער אויבערשטיבעל פאר א זומער־פויגעל. אין שטאָדט, זאָגט מען, זענען שוין פאראַן אפילו סוכאָטניקעס.

פ א י י

אין וואלד איז ער שוין געקומען. ס'קלייבען זיך שוין אהער די

פגירות. אנגעהויבען צו אונז אויף צו טרעפען... און דו, פייגעלע, ווייזט זיי דעם וועג?

פ י י ג ע ל ע

ער איז געקומען צו אונז פרעגען. ביי אונז איז קיין ארט ניטא.

פ א נ י

ווילסטו איהם דעריבער אהער ברענגען צו פיהרען?

מ א י ר

קומט אָן פון נעבען ברונען.

פ א נ י

אַט איז מאיר! פון וואנען קומסטו?

מ א י ר

איך אקער היינט ניט ווייט פון אייערע פעלדער.

פ י י ג ע ל ע

פאני זאָגט, אז זיי וועלען זייער אויבערשטיבעל ניט פערדינגען.

פ א נ י

מאיר, פון וואָס פאר א בחור דערצעהלט זי עפּעס?

מ א י ר

ער איז היינט צו אונז געקומען גלייך פון באהן. מען האָט איהם גע־זאָגט, אז ביי אונז וועט ער א דירה געפינען.

פ א נ י

דו ביזט אויך געקומען צו אונז פרעגען. ווייסטו דען ניט וויפיעל מיר קרענקט וואָס זיי געפינען זיך אין אונזער געגענד? און דו קלערסט, אז כ'וועל זיי אין אונזער שטוב אריינלאָזען... מסתמא ליגט איהם שוין דער טויט אויפ'ן שפּיץ נאָז, אז ער האָט זיך אזוי פריה אראָבגעלאָזען אין וואלד אריין.

פ י י ג ע ל ע

ציהט זיך אוים.

א הויכער... א לאנגער... א שווארצער... א דארער...

פ א נ י

פון יאָהר צו יאָהר וואקסט צו א שטיק בית עולם הינטער'ן שטאָדט.

אין גיכען וועט זיך דער בית עולם ביז'ן וואלד פּערציהען. דעם וואלד האָבען זיי פּערפּעסטעט. הערסט, מאיר! איהר זאָלט צו זיך קיינעם ניט אריינלאָזען. כ'וויל ניט, אז ביי אייך זאָלען זיין געסט פון יענער וועלט. איך וועל צו אייך קיין מאָל ניט קומען. קיין מאָל ניט! כ'וועל אויסמיידען אייער שטוב. ווי יונג און שעהן דער וואלד זעהט איצטער אויס! מיט גאנצע בינט ליכט איז ער בעגאָסען.. און באלד וועלען זיי זיך אראָבלאָזען אהער — און קראָהען שווארצע וועלען אָנהויבען ארום וואלד ארומצוקריכען... ווייסט, מאיר, ווי כ'האָב א נאָמען געגעבען דעם וועג, וואָס פיהרט פון שטאָדט צום וואלד? דער מתים וועג!

פ י י ג ע ל ע

כא—כא—כא—דער מתים וועג! כ'וועל מיר גאָר הוידען אביסעל.

תוידעט זיך.

מ א י ר

רעד עס ניט, פאני — אלע מענשען ווילען לעבען.

פ א נ י

אלע מענשען ווילען לעבען. ס'איז שוין אָבער לאַנג צייט, אז מען זאָל ניט אויסמישען לעבען און טויט. אין אונזער געגענד, וויל איך, אז נאָר דאָס לעבען אליין זאָל הערשען — לעבען, לעבען — און לעבען! ס'טריקענט א צווייג ברעכט איהם דער ווינד אויס... דו אליין, מאיר, האָסט אין דיין גאָרטען ארומגעשניטען די טרוקענע צווייגען פון די עפּעל־ביימער — זעהסט, גאָר אַן אנדער פּנים האָט דער גאנצער גאָרטען בעקומען. נארישע מענשען! קליגער פון דער נאטור ווילען זיי זיין.

פ י י ג ע ל ע

הערט! הערט! די קוקופקע!

א ווײַלע הערען זיי זיך אלע איין.

מ א י ר

זאָג מיר פאני, פאר וואָס האָסטו אויסגעשריבען דיין פריינדין.. דו ביזט נעכטען צום וועג אויך ניט ארויסגעקומען. איך בין אפשר

ביז האלבע נאכט אליין אומגעגאנגען מיט'ן וועג, פון וואלד ביז צו דער קרומער ווערבע...

פ א נ י

צוליעב דעם ביזטו געקומען?

מ א י ר

צוליב דעם.

פ א נ י

שעהם זיך אויב צוליעב דעם ביזטו געקומען. זי איז מיין בעסטע פריינדין פון גימנאזיום. ס'האט זיך מיר פערבענקט נאך איהר. זי אליין האט מיר געשריבען, אז זי וויל אהער קומען.

מ א י ר

נעהמט איהר פאר'ן האנד.

איך מוז שוין באלד אוועקגעהן. איך האב געלאזען די אקסען מיט דער סאכע אין פעלד אליין... פאני, היינט ביי נאכט וועסטו קו־מען — יא? איך בין אליין אויף יענער זייט וואלד. ס'דוכט זיך מיר אויס, אז דו ביזט אזוי ווייט פון מיר.

פ א נ י

קוקט איהם מיט ליעבע אין די אויגען.

אין דיינע אויגען, מאיר, שפיגעלט זיך אב דער גאנצער פריהלינג: די הימלען, די גרינע פעלדער... דו געהסט אמאל, מאיר, צום אזיער־נע בעגינען ווען די זון געהט אויף? טוי—פייכטע שטראלען שפיג־לען זיך אין דיינע אויגען.. שטראלען, וואס באדען זיך אין פרישען וואסער. געה, מאיר, אקער דיין פעלד מיט די אקסען און איך וועל מיר מיט מיינע הענד די פריהלינגס ערד צוגראבען; כ'וועל דא בלומען פערזעהען.

פ י י ג ע ל ע

הוידעט זיך.

מאיר! די אקסען וועלען זיך אוועקשלעפען צום וואלד!

מ א י ר

יענעם פאס ערד, וואס קומט אויס געגען דער קרומער ווערבע,

האָב איך נעכטען אליין געזייהט.

פ אַ נ י

וועסט זעהן ווי געראָטען ס'וועט זיין. איבער'ן קאָפּ די הויך וועלען די תבואות אויסוואקסען! און איך וועל קומען שניידען. איך אליין, גוט? אונטער'ן שטוב קלינגט. אהא! זיי פאָהרען שוין! הערסט, מאיר, דאָס איז אונזער גלאָק — פרעהליך קלינגט ער, געסט פאָהרען! גאָר מיט אנ'אנדער וועג פאָהרען זיי. זיי זענען מיט'ן גרעבליע געקומען... די גרעבליע איז שוין אויך טרוקען!..

מ א י ר

איך מוז אוועקגעהן — פאני, ביי נאכט, יא?

אײלט לינקס.

פ אַ נ י

שרייט נאָך מאיר'ן.

ביי נאכט, מאיר, וועסטו צו אונז קומען — פייגעלע, בלייב דאָ.

זי שטעלט זיך אויף דעם צוים, קוקט אונגעדולדיג אַריבער.

פ י י ג ע ל ע

די פערד האָבען זיך צויאָגט.

פ אַ נ י

די פערד האָבען זיך צוטראָגען! זיי יאָגען זיך גלייך צום זשעזשיניץ! ער קען זיי ניט איינהאלטען. גלייך צום זשעזשיניץ! שוין... זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט. קום פייגעלע, לאָמיר זיי לויפען אנטקעגען.

זיי פערשווינדען ביידע נעבען שפייכלער לינקס. דאָס גלעקעל קלינגט נאָר נאָהענט הינטער'ן שטוב. ס'הילכט אַ געלעכטער. פאַני'ס שטימע: „האַלט פעסט די לייטשעס!"... שטיל. אויף יענעם זייט צוים בעווייזען זיך פ אַ נ י, נ פ ת ל י, אַ נ נ אַ און פ י י ג ע ל ע. קומען אַרויס נעבען ברונען.

א נ נ א

טונקעל בלאָנד, מיטעלער וואוקס. דאָס געזיכט מיעד.

אם ענדע בין איך ביי דיר, פאני.

פ א נ י

האסט זיך גוט דערשראָקען? ביזט נאָך קיין מאָל ניט געפאָרען ווען די פערד צוטראָגען זיך, — און איך — נאָר אזוי האָב איך ליעב צו פאָהרען. דער וואָגען קרעכצט — די רעדער ברעכען זיך אזש — און איך זיץ אויבען און שמייס די פערד! זעהסט, דאָס האָב איך פאר היינטיגען פריהמאָרגען צוגראָבען. דאָ וועל איך פארזעהען דיינע בלומען וואָס דו האָסט מיר געבראכט... קוקסט מיר אָן, אננאָ? ניט די אייגענע פאני, הא? טאַקע ניט די אייגענע. אין גימנאזיע האָב איך געוועלקט. און דאָ — דאָ וועסטו אויך אנ'אנדער מענש ווערען; קום אין שטוב, וועסטו זיך אביסעל אָברוהען.

א נ נ א

קוקט זיך אַרום.

מיר דוכט, אז דאָס לעבען קערט זיך צו מיר אום; אָדער עס קומט איצט צו מיר צום ערשטען מאָל.

זיי געהן ביידע אין שטוב. נ פ ת ל י און פ י י ג ע ל ע בלייבען.

ד ע ר ק ו ט ש ע ר

טראָגט איניגע פעקלעך זאַכען אין שטוב אַריין און געהט גלייך צוריק.

פ י י ג ע ל ע

צו נ פ ת ל ק ע ן.

הענסט טאקי ניט פאָהרען, שעם זיך! ביי מיר וואָלטען שוין די פערד איינגעשטאַנען.

נ פ ת ל י

באשר דער פארשלאָפענער קוטשער. ביי מיר — איך וואָלט פאר־דרעהט די לייצעס אויף די הענד און ביז'ן קארג די פערד זייערע קעפ פעריסען! די פערד האָבען זיך דערשראָקען. אויפ'ן בריקעל האָט זיך איינגעבראָכען א ברעט. ס'האָט א גרויסען קנאק גע־

געבען. אך האָבען זיי זיך געטראָגען! מיט די פעלדער גלייך צום זשעזשיניץ זענען זיי געפלויגען!

פ י י ג ע ל ע

זי האָט זיך געמוזט דערשרעקען?

נ פ ת ל י

זי האָט זיך אָנגעהאלטען פאר'ן קוטשער, און דער וואָגען — ברעז־דענג!... אז איך בין הײנט אויפגעשטאַנען איז נאָך קײנער אויף די פעלדער ניט געווען. נאָר וואָס די זון איז אויפגעגאַנגען.

פ י י ג ע ל ע

זי וועט דאָ לאַנג בלייבען אַננאַ ביי אייך?

נ פ ת ל י

דעם גאַנצען זומער. דער טאַטע וויל, אַז זי זאָל מיר לערנען. כ'וועל שוין אפילע מיט נאָך אָנלערנען. ס'וועט שוין זיין פאר מאַשע'ן אַן עסק.

פ י י ג ע ל ע

אומעדיג.

פאר וואָס האָסטו מיר ניט געזאָגט אַז דו פאָהרסט הײנט צום באַן? האָסט ניט געקענט פערפאָהרען צו אונז און מיר אויך נעה־מען?

נ פ ת ל י

האָסט דען געוואוסט אַז כ'פאָהר?

פ י י ג ע ל ע

זעהסטו אַז איך האָב געוואוסט, אַז זי קומט צופאָהרען.

נ פ ת ל י

גראָבט.

ביזט אַ נאַר. דאָס איז זי געקומען צו פאַני'ן. אין אייך אהן עלטערען איז זי.

פ י י ג ע ל ע

אהן טאַטע מאַמע?

נ פ ת ל י

שליידערט פלוצלונג דעם רידעל.

דורע! וואָלסט דען אזוי פריה וועלען פאָהרען צום באַן? כ׳וואָלט נאָך געקענט פערשפעטיגען. קום אויף אונזערע פעלדער, מיר וועלען אויפזוכען מאַשען.

פ י י ג ע ל ע

אומעדיג.

כ׳האָב היינט געזעהן צום ערשטען מאָל דעם באַטשאַן שטעהענדיג. ער איז געשטאַנען אויף איין פוס.

נ פ ת ל י

דו האָסט געוואָלט דוקא, אז איך זאָל דיר נעהמען צום באַן. כ׳האָב זיך געשעמט פאַר דיין טאַטען. פלוצלונג צופאָהרען מיט די פערד! דער קוטשער וואָלט אויך ניט וועלען, מען דאַרף די פערד האָבען. קום, פייגעלע! לאָמיר זעהען וואָס וועט גיכער אריבערשפרינגען דעם פלייט!

ער לויפט זיך פערנאַנדער און מיט איין שפרונג איז ער אויף יענער זייט צוים.

פ י י ג ע ל ע

געהט צו צום צוים און בלייבט שטעהן אומעדיג און שטיל.

נ פ ת ל י

נו, שפרינג אריבער!

פ י י ג ע ל ע

איך קען ניט שפרינגען.

נ פ ת ל י

קום, איך וועל דיר אריבערנעהמען.

פ י י ג ע ל ע

שווייגט.

נ פ ת ל י

קריכט אַריבער צוריק.

פ י י ג ע ל ע

ביזט ברוגז ? — זאג! מיר וועלען היינט ביידע פאהרען רייטענ־דיג אויף אונזערע קאטשענאוועטע פערד. גוט?... פארביי אייער שטוב וועלען מיר פאהרען, פארנאכט...

פ י י ג ע ל ע

פערביי אונזער שטוב — נעבען אונזערע פענסטער, אז אלע זא־לען זעהן ?

נ פ ת ל י

אז אלע זאלען זעהן!

פ י י ג ע ל ע

און דאנאך נעבען אייערע פענסטער אויך?

נ פ ת ל י

נעבען אונזערע פענסטער אויך!

פ י י ג ע ל ע

אז אלע זאלען זעהן ?

נ פ ת ל י

אז אלע זאלען זעהן!

פ י י ג ע ל ע

איצטער יאג מיר —א פייג וועסטו מיר כאפען!

שפרינגט אריבער דעם צוים פלינק ווי א קאטץ און ווערט פער־שוואונדען.

נ פ ת ל י

שרייט.

פון מיר וועסטו ניט אנטלויפען!

פערשווינדט נאך איהר.

פ א נ י געהט ארויס פון שטוב. נאך איהר **א נ נ א.**

פ א נ י

די ביכער זאגסטו האבען דיר דערעסען.. ווען דו וואלסט זיי קיין מאל ניט ליעב האבען וואלטען זיי דיר קיין מאל ניט דערעסען. איך האב זיי קיין מאל ניט ליעב געהאט. געדענקסט אננא, ווי מיר

האָבען זיך געגרייט צום לעצטען עקזאמען? די נעכט מיט די שוואַרצע קאַפּע?

א נ נ א

ביי מיר איז עס געווען די בעסטע צייט, פאַני. די בעסטע צייט פאַר מיין גאַנצען לעבען. אין האַרצען איז נאָך גלויבען געווען. ס'איז נאָך א פונק האָפנונג פאַראויס געווען. קיין בעסערע צייטען קומען ניט און יענע קערען זיך צוריק ניט אום.. עס ווערט נמאס צו האָפען — וואָס איז דאָס האָפען בעת דו שפּירסט אַז אונטער דיינע פיס איז קיין באָדען ניטאָ?

זי זעצט זיך אויף אַ בענקעל. קוקט זיך אַרום.

פ א נ י

דאגה ניט! דאָ, ביי אונז וועסטו דערשפּירען אַ באָדען אונטער דיינע פיס. וועסט פערגעסען דיינע ביכער מיט די נאַרישקייטען. קלאַפּט מיט'ן פוס אָן דער ערד. אָט איז מיין באָדען!... די אַמאָליגע מענשען, וואָס זענען געשטאַנען פעסט אויף דער ערד האָבען קיין מאָל ניט געוואוסט פון הענגען אין לופטען. אננאָ! איך בעדאַרף גאָר ניט. הערסט? גאָר ניט! כ'האָב געלערענט אין גימנאַזיע — דער טאַטע האָט עס געוואָלט; ער האָט געמיינט אַז ס'וועט זיין אַ מעלה צו אַ שידוך. איך בעדאַרף עס ניט. מיין חתן וועט קיין דיפּלאָם פון אויסגעטריקענטע לעהרער ביי מיר ניט פאָדערען. איך פאַר זיך אליין — דאַרף קיין דיפּלאָמען ניט האָבען... וואָס האָסטו זיך אַזוי פערקלערט? דיינע ביכער מיט די קליינע אותיו'לאַך וועלען דעם מענשען פון זינען אַראָבפיהרען, ווייל פון וועג האָבען זיי איהם שוין לאַנג אַראָבגעפיהרט. דערפאַר וואָס איך האָב געוואָלט זיין געזונד און מונטער האָבען מיר מיינע לעהרער מיט צווייעלאַך געשראָקען. — געדענקסטו מיינע צווייען?

א נ נ א

נעהמט אַרום פאַני'ן.

פאַר וואָס בין איך אַזוי צוגעבונדען צו דיר? מיר זענען דאָך אַזוי ניט קיין פּאָר. געדענקסט, ווי דו פלעגסט זיך שטענדיג קריי-

געזן מיט מיר — און דאָך, דעם טאָג, וואָס איך האָב דערהאַלטעז דיין בריעף, אז איך זאָל קומעז, איז פאַר מיר געוועז א יום טוב. אין דיר איז עפּעס פּערבאָרגענעס פאַרהאַן צו וועלכעס עס ציהט מיך און אין וואָס איך גלויב. ווירקליך כ׳פלעג דיך גאַנץ אָפּט אין חלום זעהן. איך פלעג טרוימען, אז מירביידע געהן אום איבער די פעלדער — מיר ביידע און מעהר קיינער ניט... אָבער ניט די פעל־דער האָב איך געזעהען. די געגענד דאָ איז נאָך פיעל שעהנער, ווי איך האָב מיר פאַרגעשטעלט... אפשר איז נאָך פאַרהאַן אין לעבען עפּעס וואַרימעס און איך האָב עס ניט געמערקט...

פ אַ נ י

האַ—האַ—האַ! וואו איז עס דיין לעבען — דאָרט, אין שטאָדט? זונען, ברענענדיגע, ליכטיגע שווימען אום אין לופטען און בע־לויכטען אַלע װעגען. בעװייזט צום וואַלד. אפשר דאָרט מיינסטו איז פאַרהאַן לעבען?

אַ נ נ אַ

דאָרט אין וואַלד? קומען נאָך איצטער אויף אהער שווינדזיכטיגע יעדען זומער?

פ אַ נ י

איצט איז נאָך דאָרט אויך פאַרהאַן לעבען, ס׳איז נאָך אָנהייב פרילינג... איך געה ניט אין יענעם וואַלד. אָט זעהסט, דאָרט הינ־טערען שטוב דאָרט וואַקסט א יונגער וועלדעל, אהין געה איך. פאַר מיר איז עס גענוג. פאַר מיר זענען די פרייע וועלדער אויך גענוג.

אַ נ נ אַ

ווי שעהן ער זעהט איצט אויס, דער וואַלד, פון ווייטען!

פ אַ נ י

דער פריהלינג האָט אומעדום זיינע פליגעל פערשפּרייט, און דאָך זעהט מיר אויס, אז יענעם וואַלד האָט ער אויסגעמיטען. די ערד איז דערבאַרימדיג און דער וואַלד גרינט אויך. ער גרינט אָבער נור לפנים װעגען...

א נ נ א

צווישען אזוינע קראנקע געפינען זיך די אינטערעסאנטעסטע מענשען. א מענש, ווען ער קלערט שוין אין דער שטיל וועגען טויט, ווערט ער ריינער. די נשמה זיינע טיעפער און שטילער.

פ א נ י

כ'וועל עס דיר ארויסשלאָגען פון קאָפּ. מאַ—רוסיא! מארו־סיא! טראָג ארויס אהער א גלאָז מילך און אויפ'ן טיש ליגען פּעקעלאך קליינע — ברענג עס אויך ארויס! איצטער וועל איך דאַ מאכען בייטען און דו זיץ און קוק. כ'וועל דאַ דיינע בלומען פערזעהען; דיין מתנה פון שטאָדט. ביי מיר וועלען זיי גאָר אנ'אנדער פּנים האָבען... באלד וועט מיין ליבלינג קומען, מיין מאַשעלע. זי וועט דיר געפעלען זיין. זי איז אזא פער'חלום'טע נשמה, ווי דו. באלד וועט דער טאַטע מיינער קומען; ער איז אין פעלד, זעהר פערנומען.

א נ נ א

מיר וועלען פונדעסטוועגען געהן שפּאצירען אין וואלד.

פ א נ י

איך וועל דיר בעווייזען שעהנערע ערטער. ניט ווייט פון אונז איז פאַרהאַן א אָזיערע. דער איינציגער אָרט, וואו זייער פוס קומט ניט, איז די אָזיערע. דאָקטוירים, ווייזט אויס, האָבען זיי אָנגע־זאָגט, אז פון פייכקייט זאָלען זיי זיך היטען. דאָס וואַסער איז דאָרטען — קלאָר — קריסטאָל!

ה ו י ז מ י י ד ע ל

טראָגט אָרויס אַ גלאָז מילך און איניגע פּעקעלאך, אין פּאַפּיר געוויקעלט.

א נ נ א

נעהמט די מילך.

איך קוק מיר ארום, ווי ס'איז דאָ פריש און איבעראל גרינט שוין.

ה ו י ז ־ מ י י ד ע ל

געהט צוריק אין שטוב.

פ א נ י

אויפבינדענדיג די פעקלאך.

דער פריהלינג ארבייט שנעלער, ווי דעם מענשענס פאנטאזיע. אפילו שנעלער פאר דער פאנטאזיע פון אונזער מאטעמאטיק. — געדענקסט איהם נאך? יעדען אויגענבליק וועסטו וואס נייעס ארום זיך מערקען: דא איז, גאר אויף א טרוקענע צווייג א קנאספע ארויסגעשפרונגען... דארטען, אויף א פעך־שווארצע שטיק ערד האבען זיך פלוצלונג גרעזעלאך מיט זייערע קעפעלאך ארויסגעשלייכט... לייבענצייינדלאך האסטו מיר געבראכט!

א נ נ א

רוכט זיך אז יא.

פ א נ י

ביז זיי וועלען אויסוואקסען, וועט שוין זיין מיט לייבענצייינדלאך אונזערע פעלדער בעדעקט. זיי וואקסען ביי אונז אויך, אבער קליינינקע, גאר ווילדענקע. קלייבט זיך צווישען די זוימען. שטיפמיטערכען!... ביי אונז אין קליעווער זענען זיי פול — אבער אויך נאר קליינענקע — מיט גאנץ קליינע אננא'ס אויגעלאך... פערגעס־מירניט! דאס אויך געבראכט... וואלסטו זעהן דארט ארום אזיערע הימעל־בלאה ווערט פון זיי די גאנצע געגענד. ווי א זוים וואקסען זיי ארום דעם ברעג מיליאנען ווייז... מארגאריטען, אויך ביי אונז אויף די פעלדער פארהאן, נאר אויך גאר קליינענקע, גאר ווילדענקע... אלץ וועלען מיר פערזעהען. אלץ וועט נאך הויך אונטער אונזער פענסטער וואקסען... ניעלקען! מסתמא זענען דא פון אלע פארבען פארהאן — ווייסט ניט, אננא? איך ליעב, ווען בונט־רויטע און שנע־ווייסע ניעלקען וואקסען צוזאמען — שפעט, אבער שפעט וועלען זיי אויפבליהען — אסטרא און געארגינא! ווי גראסארטיג! אבער שוין גאר שפעט, נאכ'ן זומער וועלען זיי ביי מיר בליהען.. זונענרויזען! כא־כא־כא, דאס האסטו מיר אויך געבראכט?... אפילו זונענרויזען האט זי ניט פערגעסען מיר צו ברענגען.. אבער גאר אומזיסט. פיהרט אננע'ן

צום ברונען און בעווייזט איהר אויף יענעם זייט צוים. דאָרט האָב איך אפשר א מאָרג ערד מיט זונענרויזען פערזעהט. דער פּאַפּאַ איז געוועזן ברוגז... וועסטו זעהן, ווי זיי וועלען אויסוואַקסען. וועסטו זעהן, ווי הויך און שטאָלץ זיי וועלען אויסזעהן. איבער־הויפּט ווען זיי וואַקסען אויף א גרויסען פרייען פּלאַץ — ווי זונען, גרויסע און קליינע, זעהען זיי אויס.

א נ נ א

נעהמט אַרום פאַני׳ן.

אך פאני! ס׳הויבט אָן מיין הארץ ברייטער צו ווערען הערענדיג דיינע ווערטער און קוקענדיג אויף דיין אויסזעהן. עפּעס וואַקסט אין מיין הארצען, נאָר איך ווייס נאָך דערווייל ניט וואָס. וואַקסט עס אין מיר אויס נאָך שטאַרקער דער האס צום לעבען, שפּירענדיג, אז איך וועל פאַלען...

פ א נ י

אננאַ! דו ווילסט זיך שוין מיט מיר קריגען? וואָס פאַר א שטרייט? מיט׳ן לעבען? מיט׳ן לעבען דאַרף מען ניט מלחמה האַלטען. דאָס לעבען איז א טרייע מוטער מיט א היים צאַפּעלדיגע ברוסט. די ערד, אננא, דאָס איז די ברוסט פון לעבען! וואו עס געפינט זיך גענוג חיונה, גענוג פייער פאַר אַלעמען. אננאַ! דריקט זי צו זיך. איך וועל דיר דיינע נאַרישקייטען פון קאָפּ ארויס־שלאָגען. אָט נעהם א רידעל און גראָב אַביסעל די ערד. גראָב. וועסטו זעהן, וואָס פאַר א בלומען ס׳וועלען אויף דעם אָרט אויס־וואַקסען. פאַרנאַכט וועט קומען מאַיר. מיר וועלען געהן צום אַזיע־רע. היינט מסתמא וועט דאָס גאַנצע וואַסער בלאָה זיין.

א נ נ א

גראָבט אָבער ניט געלונגען.

פ א נ י

טיפער גראָב! שטאַרקער שטעל די פוס אויפ׳ן רידעל. איך וועל דיר נאָך אויסלערנען רייטען אויף אונזערע קאַשטאַנעוואַטע פערד. איצטער ביזטו ביי מיר.

אננא

ווער איז עס מאיר?

פאני

טיפער גראָב, טיפער גראָב! אַך, דו קענסט ניט, זעץ זיך אויפ׳ן באַנק און קוק זיך איין, ווי איך טהו. איך וועל דיר נאָך אָנהויבען שטעלען צווייעלאַך. אין גימנאזיע האָסטו פינפען בעקומען, איצט זעה, אז ביי מיר זאָלסטו א פינף בעקומען. זעהסט, ווי דער רידעל פּאָלגט זיך ביי מיר — די ערד אליין לאַכט — מערקסט ניט, ווי די ערד אליין לאכט און קלייבט נחת?

אננא

כ׳וועל עס אפשר מיט דער צייט אָנהויבען צו מערקען. דערווייל, שוועסטערשו, וואָלט זיך מיר וועלען..

פאני

גראָבענדיג.

וואָס וואָלסטו וועלען — הא? גאר ניט וועסטו ביי מיר וועלען. ווייט, הינטער׳ן שטוב, אויף אונזערע פעלדער וועלען מיר צוזא־מען טראָגען טרוקענע צווייגען, און מיר וועלען אָנלעגען א גרוי־סען, גרויסען פייער. און דיינע ביכעלאך, און דיינע נארישקיי־טען וועלען מיר אויפ׳ן פייער לעגען; פערברענען, ווי דער טאַטע פערברענט יעדען יאָהר פאר פּסח דעם חמץ פון שטוב ארויס. קוק זיך איין, ווי די ערד שמייכעלט פון פערגעניגען.. פרישע בלומען וועלען מיר זעהען... פרישע בלומען וועלען אויסוואקסען. זי רעדט ווי צו דער ערד, גראָבענדיג אַלץ מיט מעהר חשק. פרישע זוי־מען, נייע זוימען האָט מען מיר געבראכט... פרישע זוימען וועל איך היינטיגס מאָל פערזעהען, נייע בלומען וועלען אויף דיר היינטיגס מאָל וואקסען.

גראָבט נאָך פלייסיגער.

אננא

זיצט פערגאַפט, קוקט צו פאני׳ס אַרבייט.

פ א נ י

גראָבט, רעדענדיק צו זיך אַליין:

פרישע בלומען... נייע בלומען...

צווייטער אקט.

ביי עוזר'ן אין שטוב. א גרויסער צימער צוגעקליבען אויפגעפאַנגען. רעכטס צוויי טירען אין צוויי צימערען אריין. לינקס פענסטער און א טיר אויף דער ווערענדע ארויס. אין דעם הינטערגרונד א טיר אויפ'ן אויבערשטיבעל. די פענסטער און טיר זענען אָפען. דורך זיי זעהט זיך דאָס פעלד, בוימער. פארנאַכט.

אננא

ליגט אויף א זאָפע נעבען פענסטער.

מאשע

קומט אריין, לייכט געקליידעט, מיט א בוך אין דער האַנד. מע־קענדיג אננע'ן, געהט זי צו צו איהר אויף די שפיץ פינגער און שטעהט א ווײַלע נעבען איהר געלעגער. זי לאָזט זיך שטיל אראָב אויף די קניה און קוסט אננע'ן אויפ'ן שטערן.

אננא

דריקט צו זיך מאַשע'ן.

האָסט געמיינט, מאשעלע, אז איך שלאָף?

מאשע

כ'האָב געמיינט, אז איהר שלאָפט, ווייל איך האָב געהערט, ווי איהר האָט גערעדט א גאנצע נאכט מיט פאני'ן.

אננא

ווי אזוי האָסטו עס געהערט?

מאשע

מען הערט אין צימער, אז מען רעדט אויבען.

א נ נ א

וואָס האָסטו געהערט?

מ אָ ש ע

כ׳ווייס נאָר אז אפשר ביז גרויסען טאָג האָט איהר ניט געשלאָפען.

א נ נ א

דו שלאָפסט אויך ניט ביי נאַכט?

מ אָ ש ע

ניין. איך קען ניט שלאָפען. אלע ביי אונז אין שטוב שלאָפען; ביי נאַכט, נאָר איך אליין...

א נ נ א

פאַר וואָס קענסטו ניט שלאָפען?

מ אָ ש ע

שטיל און קינדעריש.

איהר, אננא, בעדאַרפט דען מיר פרעגען?... איהר פערשטעהט אליין ניט?

א נ נ א

פון וואַנען זאָל איך וויסען?

מ אָ ש ע

איהר ווייסט...

א נ נ א

וואָס קען איך וויסען, פאַר וואָס דו שלאָפסט ניט?

מ אָ ש ע

אייך איז דאָך נאָך אומעדיגער פון מיר.

א נ נ א

פון אומעד קענסטו ניט שלאָפען?

מ אָ ש ע

כ׳וואָלט שוין וועלען דערלעבען, דער זומער זאָל אוועקגעהן, וואָלט איך צוזאַמען מיט אייך פאָהרען אין דער שטאָדט אריין. זאָגט מיר, אננא, וועט מיר אין שטאָדט זיין בעסער?

א נ נ א

שווייגט.

מ א ש ע

פאר וואָס ענטפערט איהר מיר ניט, אז איך פרעג אייך? מיר דוכט זיך, אננא, אז איהר הערט זיך קיינמאָל ניט איין, וואָס איך רעד צו אייך.

א נ נ א

פאָהר ניט אין שטאָדט אריין. בלייב דאָ — מיט דיין שוועסטער, מיט פאני'ן. לערען זיך פון איהר. זעהסט, איהר איז קיין מאָל ניט אומעדיג. פאָהר ניט אין שטאָדט אריין.

מ א ש ע

גאַנץ שטיל.

כ'האָב געמיינט... ניט דאָס האָט איהר מיר בעדארפט זאָגען.

א נ נ א

דיר איז אומעדיג. נאַריש קינד, א מיידעל פון זעכצעהן יאָהר דארף ניט זיין אומעדיג.

מ א ש ע

כ'האָב ניט מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדען. איך לעז די ביכלאך; איך זיך דאָרט... און אז דאָס ביכעל ענדיגט זיך ווערט מיר אזוי אומעדיג, ס'כאַפּט אויף אָן א שרעק. נישטאָ מיט וועמען א וואָרט אויסצורעדען. איהר געהט שטענדיג אום אליין און מיך מיידט איהר אויס...

א נ נ א

כ'וויל דיר ניט אויסמיידען, מאשעלע.

מ א ש ע

ווי אויף א קליין קינד קוקט איהר אויף מיר. מיט מיר רעדט איהר שטענדיג אנדערש; ניט דאָס, וואָס איך וויל.

א נ נ א

פאר וואָס דערווייטערסטו זיך אזוי פון פאני'ן?

מ א ש ע

אז פאני איז גאר מ׳שוגע; זי וועט שוין אין גיכען אנהויבען נאכ־צולויפען די פויערים אין דארף.

א נ נ א

אך, פאני, פאני! פאלג זיך פאני׳ן. פאלג וואס זי הייסט. וואריף דיינע ביכער. לעז זיי ניט מעהר. פאלג זיך פאני׳ן. זי האט דאך דיר אזוי ליעב! קוק זיך איין אויף איהר, מאשעלע, וועט דיר קיין מאל אומעדיג ניט זיין.

מ א ש ע

איהר קול ציטערט.

איך האב געמיינט, אז איהר וועט מיר עפעס אנדעריש זאגען. אזוינס, וואס מיר וועט ווערען... איהר הערט זיך גאר ניט איין, וואס כ׳רעד צו אייך.

א נ נ א

קוקט זיך ארום צושטריימ.

בלייב, מאשעלע, דא. איך וועל שוין אויך מעהר אין שטאדט אריין ניט פאהרען...

מ א ש ע

איהר וועט שוין בלייבען דא אויפ׳ן גאנצען ווינטער? איהר לאכט.

א נ נ א

כ׳לאך ניט, מאשעלע. איך וועל בלייבען דא. קוקסט מיר אן, גלויבסט ניט? כ׳וועל די שטאדט מעהר ניט זעהן. כ׳וועל דא בלייבען. און דו בלייב אויך דא מיט דיין שוועסטער...

מ א ש ע

און איהר וועט מיר לערנען? ביי אייך וואלט איך אזוי פיעל געלערענט!

א נ נ א

יא. וועסט לערנען אויב דו וועסט וועלען.

מ א ש ע

נא קומט מיט מיר איצטער שפאצירען — קומט, אננא!

א נ נ א

געה דיר אליין, מאשעלע. איך וויל איצטער זיין אין שטוב.

מ א ש ע

שלעפּט איהר פאר'ן האַנד.

קומט, קומט!

פ א נ י

בארוועס מיט אַ ווייס טיכעל אויפ'ן קאָפּ קומט אַריין, מערקענדיג אַננאַ'ן.

אַט איז זי גאָר דאָ! אבי איך געה אום און שריי, און רוף.

מ א ש ע

געה איך אליין אוועק.

פ א נ י

וואוהין געהסטו, מאשע?

מ א ש ע

ענטפערט ניט און געהט ארויס.

א נ נ א

קום צו מיר פאני. ביזט שוין לאנג אזוי שעהן ניט געווען ווי איצטער.

פ א נ י

זעצט זיך נעבען אַ נ נ ע ' ן און שווייגט אַ לאַנגע צייט.

כ'האָב פאר דיר קיין ווערטער ניט אננא. כ'וואָלט נאָך אפשר געפּרובט מיין גאנץ הארץ עפענען פאר דיר, אפשר וואָלסטו דאָרט געפונען אזוינס וואָס כ'קען פאר דיר ניט אויסרעדען.

א נ נ א

דוכט זיך, אז אלץ איז אומזיסט. כ'האָב אפשר ניט בעדארפט קומען אהער; דיר עגמת־נפש צו פערשאפען; האָסט עס ניט פער־דיענט. אין דיינע פענסטער דארף שטענדיג די זון אריינלייכטען.

פ א נ י

איך פערשטעה ניט...

א נ נ א

איך זאָג, אַז אין דיינע פענסטער דאַרף שטענדיק די זון אַריינ־שיינען. וואָס איז מיט מיר? כ׳ווייס אַליין ניט. אָהן טאַטע מאַ־מע האָב איך מיין יוגענד דורכגעמאַכט; און אָהן אַ פונק האָפנונג ביז צום פינסטערען אַבגרונד דערגאַנגגען.. מיינע האָפנונגען האָבען זיך ביסלעכוויז געלאָשען — אין מיין אייגענעם האַרצען בעגראָ־בען געוואָרען... כ׳וויל שווייגען — פאַני.

פ א נ י

און איך וואָלט פאַר דיר מיין האַרץ געעפענט.

א נ נ א

אַלץ איינס!

פ א נ י

ניט אַלץ איינס... אין מיר האָט אַלץ אַן אָבקלאַנג. אַלץ בעוועגט מיין בלוט און כ׳קען ניט זיין אומעדיג... אין מיר לעבט די מוטער ערד. אין מיר לעבט איהר רוהיגקייט און איהר פייער...

א נ נ א

מיט דעם וועג, ווינש איך דיר, זאָלסט געהן דיין גאַנצען לעבען. כ׳ווינש עס דיר פון מיין טיפען האַרצען.

פ א נ י

כ׳קען עס דיר גלויבען. טויזענד וועגען נייע וועל איך פאַר זיך אויסטרעטען. יעדערער טרעט אַליין פאַר זיך אַ וועג — סיי צום לע־בען סיי צום טויט. געקומען ביזטו צו מ י ר און אין דער שטיל האָסטו זיך צוגעהערט ווי דער טויט שפּאַצירט אום אין וואַלד... אין שטאָדט האָט אונז ביידען איין געפיהל געשטיקט: אַלץ אַרום וועלקט — ביי דעם ביזטו געבליבען.

א נ נ א

ביזט גערעכט ביי דעם געדאַנק בין איך געבליבען. כ׳האָב ניט בעדאַרפט קומען צו דיר.

פ א נ י

האָסט יאָ געדאַרפט קומען! איך אַליין האָב דיר געשריבען, אַז די

זאָלסט קומען. איך האָב געוואָלט, אַז דיין נעכטען זאָלסטו ד אָ ר ט לאָזען און צוזאַמען מיט דער גאַנצער נאַטור זאָלסטו אויפּסניי ביי אונז אויפּבליהען. אין אנהייב פריהלינג ביזטו אהער געקומען. די גאַנצע נאַטור האָט אויסגעזעהען, ווי אַ יונג פריש קינד, וואָס האַלט שטענדיג אין איין לאַכען — און איצט זעה, וואָס ארום טהוט זיך! האָסט אפילו ניט געמערקט, ווי די זאַנגען אויף די פעלדער זענען פול געוואָרען. האָסט אפילו ניט געמערקט, ווי די בלומען הינטער די פענסטער זענען אויסגעוואַקסען.

א נ נ אָ

איך בין, מיין טייערע, געוועזן פערנומען מיט די בלומען, וואָס זיין אונבעוואוסטע האַנד האָט אין מיין הארצען געפלאַנצט... דיר איז, פאַני, שווער צו טראָגען מיך ווייטער אין דיין הארצען — בעפריי זיך פון מיר...

פ אַ נ י

אויף אלץ קומט אַ צייט. אננא, ס'איז נאָך קיין איין עפּעל ניט געבליבען הענגען אויפ'ן בוים ביז'ן נייעם פריהלינג.

א נ נ אָ

ביזט גערעכט. דער אָסיען־ווינד רייסט זיי אראָב.. מען געהט! דיין פּאַפּאַ געהט...

זי געהט שנעל אַריין אין צימער רעכטס און פּע־מאַכט די טיר הינטער זיך.

פ אַ נ י

געהט ארויף אויבען.

ע ו ז ר און מ א י ר קומען אַריין.

ע ו ז ר

וואָס עס פאַלט אריין אין מיינע הענד בעקומט גאָר אַנ'אנדער פּנים. איך וואָלט דאָרט, אויף יענעם זייט וועג, געפלאַנצט וואַלד. סאָסנע וואָלט איך געזעהט. דער וועג וואָלט אַזוי זאַמדיג ניט געוועזן.

מ א י ר

ס׳וואָלט ניט לאָזען דעם ווינד פערטראָגען דעם זאמד.

ע ו ז ר

געוויס. ס׳איז דאָך דאָרט קיין מאָל ניט צו דערקענען, אויב א פוהר איז דורכגעפאָהרען. זאָל מען דאָרט געהן צו פאָהרען אין א שעה ארום איז שוין קיין שליאד ניטאָ. מיט משאות איז ניט דורכצו־קריכען. וואלד איז וואלד. ס׳לויפען אריבער די עטליכע יאָהר און דער וואלד וואקסט. א וואלד איז א מעלקעדיגע קוה.

נ פ ת ל י

לויפט אריין אין שטוב.

צווישען אונזערע פעלדער שפּאצירט ארום דעם מלאך המות׳ס אייניקעל!

ע ו ז ר

וואָס פּלוידערסטו?!

נ פ ת ל י

פאני האָט איהם אזוי א נאָמען געגעבען.

ע ו ז ר

פאני ווייסט אויך ניט, וואָס זי רעדט. א קראנקער מענש — וואָס ווילסטו? ער זוכט וואו פרישער איז — נארישער יונג!

נ פ ת ל י

ער האָט טאקי אויסגעשמעקט, אז ביי אונז איז פרישער.

מ א י ר

פון וואנען געהסטו?

נ פ ת ל י

איך געה פון די פעלדער.

מ א י ר

נעבען אונזערע פעלדער ביזטו געווען?

נ פ ת ל י

איך בין נאָר ביז אייער מעזשע צוגעגאנגען.

מ א י ר

מעהר ניט, ווי ביז צו דער מעזשע? און האסט דארט קיינעם ניט געזעהן?...

נ פ ת ל י

איך געה היינט נעכטיגען אין פעלד, מיט די פערד.

ע ו ז ר

מען וועט אויף די פערד אהן דיר אויך אכטונג געבען. האסט אין דער היים וואו צו שלאפען.

נ פ ת ל י

האלט זיך איין ניט צו לאכען.

אך, טאטע, דו פערשטעהסט שוין גאר ניט. מאיר געהט אויך אלע נאכט אין פעלד אריין נעכטיגען.

מ א י ר

כאפט איהם פאר'ן האנד.

כ'וועל דיר באלד ארויסווארפען דורכ'ן פענסטער.

נ פ ת ל י

ברעכט אויס מיט א געלעכטער.

ע ו ז ר

שטענדיג געלאכט, שטענדיג געכיכעט זיך איבער דער מאס.

נ פ ת ל י

איך לאך דען פון דיר? איך לאך, ווייל ס'לאכט זיך — זאג, מען טאר ניט לאכען?

ע ו ז ר

וואו איז זי — מאשע? דאס איז א קינד. זי האב איך ליעב. און דאס איז ניט מעהר, ווי הו—הא! הו—הא! וואו האט זיך עס אויסגעלערענט? ווער בעט זיי זאלען מיר גאנצענע טעג אומ־קריכען צווישען די פעלדער? כ'האב גענוג פאראבקעס, זיי וועלען אליין אהן אייך אלץ אויפטהאן. פיעליען דעם ליאן — א קאַ־טארזשנע ארבייט — רבי פאני איז דא! און די פויערטעס, וואס מעלקען די קיה קענען עס גאר ניט מאכען. באלד וועט זיך אנהוי־

בעז שניט־צייט, וועסטו עפּעס זעהן — מיט שוויים וועט זיך עס בעגיסען; שווארץ ווי די ערד וועט עס ווערען!... כ'האָב דאָס גע־האלטען אין גימנאַזיע. אַט דאָס שניידט זיך שוין א פּ א נ י מיט אלע פינטעלאך. ס'איז פאראן א בעט, קישענס אין דער היים און ער — אין פעלד אריין; לערנען זיך פון די פּויערים שעהנע מידות.

פּ א נ י

איהר קול הינטער'ן פענסטער.

מאשע! מא—שע!

ע ו ז ר

נאָר קיין אידיש קול האָט עס ניט.

פּ א נ י

אין פענסטער.

מאשע איז ניטאָ?

ע ו ז ר

מיין קינד! דו פערשרייסט מיר מיין קאָפּ.

פּ א נ י

לאַכט אַריין אין שטוב.

איך זאָל וויינען ווילסטו? איך האָב ניט אויף וואָס קוקענדיג צו וויינען.

קריכט אַריין דורכ'ן פענסטער אין שטוב אַריין. שרייט.

היט זיך!

ע ו ז ר

משוגע ביזטו, מיין קינד! האָסט קיין אנדער וועג ניט?

פּ א נ י

אויב דו ווילסט, טאַטע איך זאָל נאָך אביסעל וואקסען, וועל איך צוריק דורכ'ן פענסטער ארויסקריכען.

שפּרינגט אַרויס.

ע ו ז ר

שפּרינגט אויף פאַר כעס.

פ א נ י

לויפט אריין דורכ'ן טיר.

ע ו ז ר

וואס ווילדעוועסטו אזוי ?

נ פ ת ל י

געהט ארויס.

ע ו ז ר

שרייט איהם נאך.

הער, נפתלי, זאלסט מיר היינטיגע נאכט דא אין שטוב נעכטיגען!

פ א נ י

נעהמט ארום עוזר'ן.

זיי ניט אין כעס, טאטע, זיי ניט אין כעס.

ע ו ז ר

וואו איז די גימנאזיע דיינע ?

פ א נ י

אין שטאדט טאטע. כ'האב זי דארט געלאזען. דו אליין ביזט שולדיג, וואס איך לאך אזוי פיעל. איך בין דאך דיינע א טאכטער. זאג, דו ביזט אין דער יוגענד ניט געוועזן געראטען אין מאיר'ן ?..

מ א י ר

ווינקט פערשעמט.

פ א נ י

מיינסט, טאטע, איך געדענק ניט, ווי דו ביזט געוועזן מיט עטליכע יאהר צוריק ? דיין געלעכטער האט שטענדיג געקלונגען איבער די פעלדער.

ע ו ז ר

יעמאלט, מיין קינד, האט נאך דיין מאמע געלעבט.

מ א י ר

איך וועל אביסעל ארומקוקען אייער גארטען.

געהט ארויס.

ע ו ז ר

כ'האָב געלאכט אמאָל, מיין קינד; אָבער מעהר ניט.

פ אַ נ י

גוט וואָס כ'האָב דיך איצטער געטראָפען. ווען דו וואָלסט געווען א גוטער טאַטע... איך וויל, דו זאָלסט אבקויפען דעם שטאָטישען וואלד.

ע ו ז ר

דאָס איז דען פאר מיינע כחות? — אוצרות בעדארף מען דאך צו איהם האָבען.

פ א נ י

זוך שותפים.

ע ו ז ר

דער וואלד האלט דאך אויף דאָס לעבען פון אזוי פיעל מענשען.

פ א נ י

האָסט מורא דער בית־עולם הינטער'ן שטאָדט זאָל, חלילה, ניט קלענער ווערען?

ע ו ז ר

לאָז מיך צורוק. רעדסט נארישקייטען.

פ א נ י

אונזער שטוב איז אין געפאהר.

ע ו ז ר

קוקט זי אָן.

וואָס פלוידערסטו?

פ א נ י

זיי וועלען דאָ אלע ווערען פערפעסטעט. זיי האָבען דאָ די גאנצע געגענד פערפינסטערט. ס'איז זיי ווייניג דער וואלד, האָבען זיי שוין אָנגעהויבען אומצוקריכען צווישען אונזערע פעלדער אויך. יעדער בוים אין וואלד איז א לעבעדיגע מצבה. טאַטע, איך בעט דיר; דו וועסט דעם וואלד אבקויפען און נאָך היינטיגען ווינטער

וועט מען איהם אויסהאקען. דאנאך וועט מען דעם אָרט צואקערען.
די פּיעניעס אויסגראבען מיט די וואָרצלען — פרייע פעלדער!

ע ו ז ר

געה, דו פלוידערסט שוין און ווייסט אליין ניט וואָס.

פּ א נ י

מיט מאיר'ן צוזאמען וועסטו דעם וואלד אבקויפען. נעהמט איהם אָרום.
האָסט עפּעס ליעב מאיר'ן? קוק איהם נאָר אָן; אָט געהט ער אום
צווישען די זונענרויזען.

ע ו ז ר

מיין קינד. דו האָסט גאָר קיין שכל ניט, האָסט זיך געמעגט אבי־
סעל אָבלערנען פון אננע'ן — כאָטש דו מיינסט, אז דו ביזט שוין
גאָר די חכמה. אָהן טאַטע מאַמע, און זעה, ווי ס'האָט זיך אויס־
געהאָדעוועט. א צירונג פאר גאָט און פאר לייטען. גאָט וועט גע־
בען, סוף זומער, אז זי וועט פאָהרען אין שטאָדט אריין, וועל איך
איהר, בלי נדר, מיטגעבען מאשע'ן. זאָל זי זיך לערנען פון איהר.

פּ א נ י

וועסט עס ניט טהאָן, טאַטע! וועסט מאשע'ן מיט איהר ניט
שיקען. איך בעט דיר, אז דו זאָלסט וועגען דעם ניט טראכטען.
מאשע מוז דאָ בלייבען. כ'ווייס, אז דו ווילסט דיינע קינדער גוטס
טהאָן. זאָלסט אבער דיינע קינדער אין שטאָדט אריין ניט פער־
טרייבען. דאָ איז גאָטס וועלט! אָט דאָ צווישען די רויזען געהט
איצט אום א קינד פון דער ליעבער נאַטור. ער געהער ניט צו יע־
נע... איך בעט דיר טאַטע, קויף אב דעם וואלד און זאָל מען איהם
אויסהאקען, די בוימער בעטען זיך, מען זאָל זיי בעפרייען פון דעם
טרויער, וואָס הענגט איבער זיי. דער וועג פון וואלד אין שטאָדט
אריין וויינט, אז מען זאָל איהם בעפרייען. בעפריי איהם, טאַטע.
אויפ'ן וועג זאָל זיך געזאנג הערען, ווי ביי אונז אויף די פעלדער...

ע ו ז ר

אַזאַ וואלד צוהאקען איז ניט היימלאך. פאר אַזאַ זאך קען מען בע־
שטראָפט ווערען, מיין קינד אַזאַ וואלד צוהאקען איז ניט היימלאך.

פ א נ י

די גאנצע געגענד וועט אויפבליהען אויף דאָס ניי...

ע ו ז ר

עט, לאָז מיך צורוה!

פ א נ י

זיץ נאָך אביסעלע, פּאפּא, איך וויל דיר זאָגען...

ע ו ז ר

און איך וויל ד י ר זאָגען, מיין קינד, אז דו זאָלסט אָנטהאָן שיך און זאָקען און אומגעהן ווי א מענש — איך פערטראָג עס ניט!

פ א נ י

צו דען ווייסטו ניט, אז אזוי איז בעסער?

ע ו ז ר

ס'איז א חרפּה.

פ א נ י

פאר וועמען?

ע ו ז ר

פאר זיך אליין איז א חרפּה.

פ א נ י

איך מיט זיך אליין בין שוין דורכגעקומען.

ע ו ז ר

ניין, מיין קינד, דיין טאַטע לאכט שוין ניט אויפ'ן קול.

געהט אַרויס.

פ א נ י

שרייט איהם נאָך.

איך הויב אָן ווידער צו לאַכען!

זי בלייבט אַליין שטעהן נעבען פענסטער. מיט אַ צופרידענעם קינדערשען שמייכעל אויף איהר פּנים. ווינקט מיט'ן האַנד, ווי אַ ציי־

כען, אַז מען זאָל קומען. שרייט „מאַ—שע! מאַ—שע“! ס׳ווערט פינסטערער.

מ א י ר

קומט אַריין.

פ אַ נ י

האָסט ניט געזעהן, אין וועלכער זייט דער טאַטע איז אוועק?

מ א י ר

צום זשעזשיניץ. וואָרום וואָס?

פ אַ נ י

גאָר ניט. גאָר ניט. כ׳וויל מיר זאָלען ביידע פאָהרען רייטען אויף אונזערע קאַשטאַנגעוואַטע פערד. מיך ציהט צום אָזיערע. כ׳מוז יעדען טאָג זיך אַליין אָנקוקען אין איהר קלאָרען וואַסער. ווייסט גאָר ניט ווי שעהן דו האָסט אויסגעזעהען צווישען די רויזען. די לעצטע שטראַלען פון דער זון האָבען זייערע שפּיצען בעגאָלדעט און זיי האָבען אויסגעזעהן ווי הויכע שטאָלצע פּרינצען מיט גאָלדענע קרוינען... דו האָסט הויכער און שטאָלצער פון זיי אַלעמען אויסגעזעהן. קוקט איהם גלייך אין די אויגען אַריין. אַ גרינער פריי־שער וואַלד שפּיגעלט זיך אין דיינע אויגען אָב.

מ א י ר

און אין דיינע אויגען שפּיגלען זיך אָב די זונען־רויזען.

פ אַ נ י

און וואָס נאָך?

מ א י ר

ווייטע, ווייטע, פעלדער. מיט הויכע, הויכע תבואות און שווערע פולע זאַנגען שטעהן אונטער דער זון אין אַ ברענענדיגען תמוז־טאָג...

פ אַ נ י

און אויף דער מעזשע צווישען די פעלדער געהן אַ שורה יונגע מענ־שען און זינגען הויך און לאַכען. ס׳קלינגט אַרום און אַרום איבער די פעלדער דאָס געלעכטער. פאַלט אין זייגע אָרעם. די שטיק ערד,

מאיר, וואָס ליגט אויף יענער זייט אַזיערע וועלען מיר ארומפלאַנ־צען מיט טאָפּאָליען. הויכע, הויכע טאָפּאָליען וועלען דאָרט וואַק־סען. הויכע, געזונדע מענשען וועלען דאָרט וואַקסען... יאָ, מאיר? נפתלי און פייגעלע... יאָ, מאיר? הויך, הויך וועלען זיי נאָך וואַק־סען. שטאַרקער, שטאַרקער וועלען זיי נאָך ווערען...

מ א י ר

דו בעדאַרפסט זיך נאָך אויסלערנען גוט אַקערען. די סאָכע בעדאַרף זיך אליין געהן — דו בעדאַרפסט נאָר צוהאַלטען פאַר א הענטעל. זי טרעפט זיך שוין איהר וועג... געהסט און פייפסט און די גליבעס ערד לעגען זיך, לעגען זיך אָן א זייט. אייערע באָטשאַנעס קומען שטענדיג צו אונז אויף די פעלדער. ווען איך אַקער געהן זיי מיר פון הינטען נאָך און כאַפּען די זשאַבעס וואָס שפּרינגען אַרוּ׳ם נעבען דער סאָכע...

פ אַ נ י

דו הערסט אמאָל, מאיר, ווי די ערד זינגט? האָסט נאָך קיין מאָל ניט געהערט? די ערד זינגט און די ערד וויינט... היינט מאיר דוכט זיך מיר אז די ערד וויינט אין דער שטיל... מיר וועלען באלד פאַ־רען. איך וועל נאָר געהן אננעס בלומען בעגיסען. ווען ניט איך וואָלטען זיי שוין לאַנג פערוועלקט געוואָרען. זי געהט צום פענס־טער. זי מערקט וואָס דורכ׳ן פענסטער. דערשראָקען. מאיר, מאיר! זעה נאָר דאָרטען, ווער געהט עס אום צווישען אונזערע פעלדער?

מ א י ר

קוקט אין פענסטער.

זעהסט דען ניט? — דאָס איז דאָך אננאַ מיט איהם.

פ אַ נ י

אַך, אננאַ! צווישען אונזער פעלדער געהט זי אום מיט איהם. צווי־שען אונזערע פעלדער. אננאַ, אליץ אומזיסט!... שלעכט, שלעכט וואָס אין דער נאַטור זענען צוויי הענד פאַרהאַן; איינע בויט און די אנדערע צושטערט... איינע פלאַנצט און די אנדערע רייסט אויס. וועלכע האַנד איז שטאַרקער? איך שפיר עס... אויף אונזערע

פעלדער וועט זיך נאָך עפּעס אָפּשפּילען, און אפשר גאָר נאָהענט פון אונזערע פענסטער... דאָך דעם גאנצען לעבען מיינעם וועל איך פלאנצען, פלאנצען!... מיר פאַהרען באלד, מאיר! דאָס איינציגע וואָס שרעקט אזוי מיין הארץ איז מאַשע... אלץ ארום איז דאָ פעסט איינגעפלאנצט נאָר זי איינע בלאָנדזשעט אום...

מ א י ר

דעם גאנצען טאָג בעהאלט זי זיך ערגעץ.

פ א נ י

צו אנגען ציהט איהר. ווי רייס איך אָב פון איהר מאשען?...

מ א י ר

ביזט דאָך א חכמה, צו וואס האָסט זי אויסגעשריבען אהער? קריכט אום א פער'חלומ'טע ווי פון יענער וועלט, נאָר אז קיינער זעהט ניט כאפּט זי דעם שווארצען און לויפט מיט איהם אום...

פ א נ י

ווייסט ניט, מאיר! כ'האָב געמיינט אז דאָ וועט זיך פאר איהר אַנ'אנדער וועלט עפענען. זי האָט שטענדיג געדורשט נאָך לעבען. און כ'האָב געמיינט אז ביי אונז וועט זי אלץ געפינען.

מ א י ר

דעם וואָלף ציהט שטענדיג צוריק אין וואלד אריין.

פ א נ י

מאשע איז אזוי צוגעבונדען צו איהר. ווי רייסט מען זי אָב פון איהר?...

מ א י ר

זיי איהר משלח צוריק אין שטאָדט אריין, זאָג איהר.. מען קען געפינען וואָס איהר צו זאָגען...

מ א ש ע

קומט אַריין מיט אַ בוך אין האַנד. דאָס געזיכט בלאס, פערנעהמט זיך צום צימער רעכטס.

פ א נ י

אָט איז מאַשע! מיר וואַרטען מאַשעלע אויף דיר — וועסט פאָר־רען מיט אונז שפּאַצירען?

מ א ש ע

כ׳שפּאַציר גענוג.

פ א נ י

דו וועסט גערן מיט אונז, יאָ? איך וויל, מיין קינד, אַז דו זאָלסט גערן מיט אונז.

מ א ש ע

וויל זיך בעפרייען.

לאָז מיר אַליין — לאָז מיך! איך בעדאַרף קיינעם ניט האָבען.

פ א נ י

קושט זי.

מיט אונז, מאַשעלע, וועסטו גערן. נעהמט ביי איהר דעם בוך פון דער האַנד. וואַרף דעם בוך, גענוג דיר, קום, מיר וועלען פאָהרען ריי־טענדיג.

מ א ש ע

גערן דיר צו דיינע פויערים, גערן דיר! לאָז מיר, כ׳וויל אַליין בלייבען אין שטוב. איך קען מיט קיין פויערים ניט אומיאָגען זיך.

פ א נ י

מאַשעלע מיין קינד... גערן ניט מיט אַנגען. זי רעדט מיט דיר אמאָל — גערן ניט מיט איהר... אננאַ נעהמט אין וואַלד אַריין אויך...

מ א ש ע

טאָ מיט וועמען זאָל איך אומגעהן — מיט דיר?... כ׳קען מיט דיר ניט רעדען. פערשטעהסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר... האָסט אַליז פערגעסען... מיט אַנגען וועל איך גערן און וואָס זי וועט מיר זאָ־גען וועל איך הערען... אפילו ווען זי שווייגט פערשטעה איך אַלץ. אַלץ פערשטעה איך. גערן זיך וואָהין דו ווילסט. —

פ א נ י

דריקט איהר צו זיך.

הער זיך איין, מיין קינד, כ׳וויל דו זאָלסט מונטערער ווערען. כ׳וויל דו זאָלסט ווערען אביסעל פרעהליכער... קוק זיך ניט איין אויף אננען — קוק ניט, וואָס זי טהוט...

מ א ש ע

רייסט זיך אַרויס.

מיט אננען וועל איך געהן, וועל איך לעבעדיג זיין.

פ א נ י

שליידערט דעם בוך.

מאיר, מיר פאָהרען !... דעם בעסטען פערד וועל איך זאָטלען און קיינער וועט אונז ניט איבעריאָגען...

געהט שנעל אַרויס.

מ א י ר

קום מיט, מאשע. קום, כוועל דיך אויפ׳ן בעסטען פערד אויפזעצען. ווילסט גאָר ניט ענטפערען ?

געהט אַרויס.

מ א ש ע

הויבט אויף דעם בוך פון דער ערד. קוקט אין איהם אַ צייט. לעגט איהם אַוועק נעבען זיך. קוקט זיך אַרום צושטריוט. רעדט האַלב וויי־נענדיג.

שטענדיג אליין...

קוקט אין פענסטער. זי מערקט ווענען. זי געהט שנעל אַריין רעכטס און פערשליסט די טיר הינטער זיך. ס׳ווערט פינסטערער.

א נ נ ע

קומט אַריין. קוקט אויב אימעצער איז אין שטוב פאַרהאַן. זי געהט צו צום פענסטער, רופט.

סאפיר ! איהר קענט אריינגעהן, קיינער איז ניטאָ.

ס א פ י ר

אַ ברונעט. מיט שווארצע איינגעפאלענע אויגען. הויך און דאַר קומט אַריין.

פאני בעגיסט יעדען פריהמאָרגען און ביי זונאונטערגאנג מיינ[illegible]

בלומען זיי זאָלען וואקסען... איהר זעהט, אנטקעגען יענעם פענס־טער, דאָרט זענען מיינע בלומען.. פרעמדע בלומען!

ס אָ פּ י ר

אפשר ניט קיין פרעמדע.

א נ נ א

פאר אייערט:וועגען וואקסען נאָך אפשר ערגעץ וואו בלומען, אבער פאר מיר... איהר וועט געזונד ווערען; פאר אייך וועט זיך נאָך אָנהויבען א נייע לעבען. זי זעצט זיך אויף דער זאָפע און קוקט טרויע־ריג אין פענסטער. אך בלומען מיינע, בלומען מיינע! וואקסען דורך פאני'ס ברכה. פאני האָט אייך געבענשט אבער ניט איך.

ס אָ פּ י ר

זעצט זיך נעבען אַננע'ן.

ווען איך וואָלט געווען געזונד, וואָלט אפשר די האָפנונג זיך שוין לאנג פון מיר אויסגעלאכט. ס'קען זיין, אז ווען דער רופא וועט מיר זאָגען: איהר זענט שוין פּ אָ ל ק אָ ם געזונד, וועט זיך דער לעצטער פונק פון מיין הארצען אויסלעשען... זייענדיג קראנק דוכט זיך, אז דאָס ל ע ב ע ן איז שעהן; עס שווימען אום פיי־ערלעך ליכטיגע אין לופטען, ס'איז פאראַן א כשוף וואָס צויבערט נאָך פון ווייטען... ברענגט אין בעוועגונג אלע גלידער און ס'געהט זיך נאָך פאָרווערטס...

א נ נ א

אָבער ניט ביי אלעמען האלט זיך דאָס גאנצע לעבען דער מאמעס מילך אויף די ליפּען. ביי מיר האָט זיי די בייזע האנד נאָך גאָר אין דער יוגענד אָבגעווישט. און די האנד וואָס האָט מיך געפיהרט געדענק איך ניט — ניין איך געדענק זי ניט... איך בין אליין, גאנץ אליין געגאנגען און אין א קורצע צייט האָב איך אלץ דורכגעמאכט. און וואָס ווייטער האָט אלץ שטארקער געקלונגען אין מיינע אויע־רען די פראגע: וואוהין? וואָס ווייטער?... וויפיעל איז דער שיעור? ביז איך בין אין אייער וואלד געקומען... איהר ווייסט, אז אייער וואלד, אין וועלכען איך גנב'ע זיך אריין אמאָל, פאני

זאָל ניט וויסען, ער האָט מיר זעהר פיעל פערענטפערט. דאָ ביי איך אין וואלד שוועבט אום אן ענטפער אויף אלע פראגען וואָס האָבען מיר מיין מח געעגבערט. זי נויגט זיך צו איהם. אן עלענד ארום. קאַלט ארום, סאפיר. א אָסיען־נאכט ארום... דריקט זיך צו יענעמס ברוסט — עס ציטערט. מען וואַרימט זיך כלומר׳שט...

ס א פ י ר

טוליעט זיך צו איהר.

רעדט עס ניט, אננא... צייטענווייז דוכט זיך, אז דאָס הארץ דיינס בענקט, רייסט זיך צו אזוינס וואָס דיין נשמה פעלט נאָך; דיין נשמה איז נאָך ניט גאנץ. דאָס הארץ וועט אזוי לאנג בענקען ביז די נשמה וועט גאנץ ווערען. ס׳ווילט זיך גלויבען, אז מ א ר ג ע ן וועט וואָס נייעס געשעהן; וואַרימער וועט די זון לייכטען—

א נ נ א

איך האָב שטענדיג געלעבט אין מיין נ ע כ ט ע ן צוליב ה י י נ ט. און היינט צוליב מ אָ ר ג ע ן — סאפיר! ס׳איז קיין „מאָרגען" ניטאָ!... ניטאָ סאפיר! ס׳אליגען! ס׳איז ניט מעהר ווי א לאנגער, לאנגער, פינסטערער און קאַלטער היינט....

ס א פ י ר

רעדט ניט אזוי; ס׳איז שרעקליך.

א נ נ א

אייערע מענשען דאָ אין וואלד ווייסען ניט, אז גאָר ניט ווייט פון דאַנען איז פאַרהאַן א גרויסע אַזיערע. פאני האָט מיך געפירט אה׳ין ווייזען ווי דער בלאָהער הימעל שפּיגעלט זיך אין איהר קלאָרען וואסער. און איך האָב דאָרט עפּעס אנדערש געפונען. דאָרט ליגט אן ענטפער פאַר אייך אַלעמען. — א פולער וואלד אויסגעלאָשענע, ארומגעבערענטע האַלאָוועשקעס; צאנקען טרוקענע קנייטען, וואָס וואַרטען זיי נאָך פון לעבען? צום אַזיערע זאָלען זיי געהן!...

ס א פ י ר

אייערע ווערטער גיסען זיך מיר ווי א קאַלטער אָסיען רעגען אויף מיין צעוועטאָגט לייב...

א נ נ א

אויסגעלאָשען האָבען זיך אלע פייערלעך... אין אָנהויב פריהלינג בין איך אהער געקומען — דאָס איז מיין לעצטער וועג געוועזען. ווייטער וואוהין צו געהן — ניטאָ. טראַפּעגוויייז האָב איך דעם קאַלטען גיפט געטרונקען... נאָר וועמען מיידט עס דאָן אויס. איין מאָל פאר אלע מאָל מוז מען דאָך זיך אין אלץ ענטוישען. דער אונטערשייד איז נאָר אין דעם, וואָס איינער לעבט פארנאַרעשט ביז זיין קערפּער ווערט צוקנייטשט און צובראָכען פאר עלטער, און דער אנדערער דערזעהט דעם אמת נאָך פון פריהמאָרגען. סוף — כל — סוף בלייבען אלע ליגען אין אונמאכט און גאנץ זיכער קריצט דער יאוש אוים זיין צייכען אויף זייער שטערען. הונדערט וועגען פיהרען צום טויט און איינער בלויז פיהרט צום לעבען. וואו איז ער אָבער דער איינער? זי הויבט זיך פּלוצלונג אויף שטעלט זיך ביים פענסטער. אָט זעהט זי זיך פון ראנען די אָזיערע...

ס א פ י ר

אייערע ווערטער שרעקען מיך פּונקט ווי דער בית־עולם וואָס זעהט זיך געהענדיג פון וואלד אין שטאָדט אריין...

א נ נ א

ניטאָ זיך פאר׳ן בית־עולם וואָס צו שרעקען.. דער אמת איז ניט שרעקליך... איהר זעהט דאָרט, אויפ׳ן וועג צום אָזיערע, צוויי רייטערם?

ס א פ י ר

קוקט אין פענסטער.

יאָ איך זעה. א גאנצען וואָלקען שטויב לאָזען זיי נאָך זיך.

א נ נ א

דאָרט פאָהרט פאני און מאיר...

זיי קוקען ביידע אַ צייט אין פענסטער.

א נ נ א

זי וויל איהם איבעריאָגען... קומט סאפיר! כ׳וויל נאָך היינט זיין ביי אייך איין מאָל אין וואלד — קומט!

געהט אַרויס מיט אַ נערוועזע שנעלקייט.

ס אַ פ י ר

ניין. אין וואלד האָב איך גאָר ניט וואָס צו מאכען.. יאָ! ס'וועט זיין געננוג פאר מיר.

געהט נאָך שטיל אננא'ן, דער קאָפּ אראָבגעלאָזען. ס'פאלט צו די נאַכט.

מ אַ ש ע

געהט אַרויס פון איהר צימער שטאַרק צוטראָגען. קוקט אַ ווײַלע אין פענסטער. זי פאלט אויף דער זאָפע און וויינט זיך פאַנאַנדער אין דער שטיל.

דריטער אקט.

די שטוב פון צווייטען אַקט. שפעט ביי נאַכט. די טיר און פענסטער זענען אָפען. אויפ'ן גאַס בליצט. רעכטס, פון מאַ־שעס צימער שלאָגט אַ פּאַס ליכט

עוזר

קומט אַרויס פון ליכטיגען צימער. קוקט אין פענסטער.

אויף דער גאס וועט מסתמא באלד ווערען א ווינד. די כמארעס ווערען שטארקער.

מאשע

רעדט אינ'ם ליכטיגען צימער.

צינד דארט, טאטע, אָן דעם לאָמפּ, וועט מען ניט זעהען ווי עס בליצט.

עוזר

כ'וואָלט די לאָדען צוגעמאכט נאָר כ'וויל הערען אויב די קינדער געהן שוין... אין גיכען וועט עס אינגאנצען פון זינען אראָב.

מאשע

מיר איז בעסער, טאטע, כ'וויל ארויסגעהן לעגען זיך אין שטוב.

עוזר

ווארט אביסעל. כ'וועל דעם הענגלאָמפּ אָנצינדען.

מאשע

קום שוין בעסער צו מיר, צינד ניט. קום, איך שרעק זיך ווידער.

עוזר

ער געהט אַריין צו מאַשען. און קומט אין אַ ווײַלע אַרום צוריק. טראָגט אין איין האַנד אַ לאָמפּ און אין דער אַנדערער אַ קישען. ער שטעלט דעם לאָמפּ אויפ'ן טיש און די קישען לעגט ער אויף דער זאָפע.

מאשע

בעווייזט זיך אין טיר פון איהר צימער. בלאַס. די האָר צו־לאָזען.

אט בין איך שוין טאטע.

עוזר

פיהרט זי צום זאָפע, זי לעגט זיך. ער זעצט זיך נעבען איהר.

עס בליצט אויף דער גאס. ס'וועט זיך מסתמא באַלד אויסרייסען א שלאקס־רעגען. כ'וואָלט וועלען אז דער רעגען זאָל זי גוט אויסצוואַגען. אזוי שפּעט, אזוי שפּעט!

מאשע

זיי זענען געפאָהרען צי געגאנגען?

עוזר

פרעגּ עס מיר ניט, מיין קינד. בעסער פרעג עס ניט. כ'וויל עס גאָר ניט הערען. אין אַ ווײַלע אַרום — טאַפּט מאַשען איהר קאָפּ. דיר איז בעסער? איך זעה מיין קינד, אז דיר איז בעסער. גאָט וועט געבען. ווינטער צו, וועל איך דיך שיקען אין שטאָדט אריין. ווילסט פאָהרען, מיין קינד, אין א גרויסער שטאָדט?

מאשע

טהו א קוק, טאַטע, אין פענסטער, אפשר געהען זיי שוין.

עוזר

מען זעהט גאָר נים. זיי וועלען קומען, זיי וועלען קומען. די כמארע מיט'ן רעגען וועט זיי שוין ברענגען צוטרייבען. אננע פלעגט דאָך קיין מאָל אזוי שפּעט ניט ארומשלעפּען זיך... כ'וועל נאָר ארויסגעהן אויף דער גאס א קוק טהאָן.

מאשע

לאָז מיר ניט אליין.

עוזר

האָסט זיך דאָך קיין מאָל אזוי ניט געשראָקען. זעה ווי דו בייזט בלאס און צושראָקען... דערצעהל מיר מיין קינד, וואָס איז דאָ געשעהען? איז דאָ געשעהן עפּעס אזוינס? ווייסט וואָס?

מאשע

זעה, טאַטע צו זיי געהן נאָך נים.

עוזר

האט וואס געטראפען און איך וויים גאר ניט?

פייגעלע

שטעקט אריין דעם קאפ דורכ'ן פענסטער אין שטוב אריין.

מאשע

מערקט פייגעלען און דערשרעקט זיך.

ווער איז דארט טאטע? אין פענסטער!

עוזר

דו פייגעלע? אזוי שפעט אין אונזער געגענד?

פייגעלע

מאיר און פאני זענען געקומען צו אונז רייטענדיג. זיי האבען געברו־פען אונזערע פאראבקעס.

עוזר

גאט מיינער! וואס איז דא אזוינס?... אייערע פאראבקעס געברו־פען? נאך וואס?

פייגעלע

איך וויים גאר ניט...

עוזר

דו, פייגעלע, קום אריין, זיץ אין שטוב מיט מאשען. איך קום באלד צוריק. איך געה נאר ארוים איבער'ן הויף. אפשר וועל איך דארט וואס דערגעהן. א נאכט, א נאכט אביסעל!...

ער געהט ארוים.

פייגעלע

קומט אריין, זי זעצט זיך נעבען מאשען.

עוזר

שטעקט אריין דעם קאפ אין פענסטער.

טאמער, קינדער, וועט ווערען א בורע זאלט איהר צומאכען די פענסטער אויף די קייטלאך. דער ווינד הויבט אן נעהמען פון צפון— ס'וועט וואס אויסרייסען.

פערשווינדט.

מ אַ ש ע

שוין לאַנג אַז זיי זענען געווען ביי אייך?

פ י י ג ע ל ע

דו ווייסט אויף וועלכען בוים מען האָט איהם געפונען?

מ אַ ש ע

וועמען געפונען?

פ י י ג ע ל ע

ווייסט גאָר ניט? אבי כ׳האָב געמיינט אַז איהר אַלע ווייסט שוין. דעם שוואַרצען האָט מען געפונען הענגענדיג אויף דער ברעזענע וואָס שטעהט דאָרט אליין ווייט פון וואַלד — אויף דעם וועג וואָס פיהרט צו אונזערע קאָרענס.

מ אַ ש ע

ציטערט.

פ י י ג ע ל ע

וואָס איז דיר מאשעלע?

מ אַ ש ע

מיר איז גאָר ניט פייגעלע. מיר איז גאָר ניט. איך שרעק זיך נאָר שטאַרק.

פ י י ג ע ל ע

דיך שרעקט וואָס כ׳האָב דיר דערצעהלט? פאַר וואָס איז זיך פאַרהאַן צו שרעקען? ער ליגט נעבען וואַלד. מען האָט איהם געלעגט נעבען דעם גרויסען וועג, דאָרט וואו ס׳איז אַמאָל געווען דער הויכער באַרג מורעשקעס. מען זאָגט, אַז מען ווייסט גאָר ניט פון וואַנען ער איז.

מ אַ ש ע

זעץ זיך נאָהענטער צו מיר.. האָסט גאָר קיין מורא ניט?

פ י י ג ע ל ע

איך? גאָר ניט! אָט בין איך איצטער אליין געקומען אַהער. מען זאָגט אַז ער האָט זיך אפשר אויף נאָך אַן אָרשין אויסגעצויגען. ער

איז געהאנגען א שווארצער אויף דער ווייסער ברעזענע. א געוואלד וואָס פאַר א צונג ער האָט ארויסגעשטעקט!..

מ אַ ש ע

שפּרינגט אראָב פון געלעגער, בעוויזט מיט שרעק צום זאַפּע.

אָט דאָ אויף דעם אָרט איז ער געזעסען!...

פ י י ג ע ל ע

שפּרינגט אויך אראָב.

וואו זיצט ער דיר? ביזט גאָר א נאַר. ער ליגט אין וואלד. ער ט'שוין ניט קומען...

מ אַ ש ע

שטעהט אין מיטען צימער צושטרויט.

אלץ וויים איך. כ'האָב זיך אין צימער פערשלאָסען... מאך צו דעם פענסטער — כ'האָב מורא ווען ס'בליצט.

פ י י ג ע ל ע

וואָס ווייסטו? זאָג, וואָס ווייסטו?

מ אַ ש ע

מאך צו די פענסטער!

ס'הערט זיך נעבען שטוב דאָס הירזשען פון פערד.

פ י י ג ע ל ע

אָט איז מען צוגעפאָהרען צום שטוב!

אין שטוב לויפט אַריין פ אַ נ י מיט'ן בייטש אין האַנד נאָך איהר מ א י ר.

פ אַ נ י

אַזוי האָט עס געמוזט זיין! אַזאַ אָנהויב מוז אַזאַ סוף האָבען... וואָס איז מיט דיר מאַשע? ווי זי זעהט אוים! וואו איז דער פּאַפּאַ?

מ א י ר

זי שרעקט זיך?

פ י י ג ע ל ע

זי שרעקט זיך זעהר.

פ א נ י

לעג זיך אויפ'ן זאפע. וואס שטעהסטו אזוי אויפ'ן מיטען שטוב?

מ א שע

כ'וועל אויפ'ן זאפע ניט ליגען.. פאני, איך וויים אלץ, כ'וויים אלע־דינג.

פ א נ י

גלעט זי.

זאג מיר, וואס וויסטו? זאג מיר וואו איז אננע? וואוהין איז זי געגאנגען... האסטו וואס געהערט?...

מ א ש ע

שטעהט אראבגעלאזען דעם קאפ.

פ א נ י

זי האט היץ. לעג זיך אין בעט. פייגעלע, דו וועסט נעבען איהר זיי־צען. כ'וועל דעם לאמפ אויך אהין טראגען.

זי פיהרט מאשע'ן אין צימער אריין. פ י י ג ע ל ע טראגט נאך דעם לאמפ.

מ א י ר

ס'וועט זיך באלד וואס צושפילען אויף דער גאס.

פ א נ י

צוריק פון צימער.

מיט'ן קינד איז עפעס ניט גאנץ היימליך... היינטיגע נאכט וועט וואס געשעהן. ס'מוז וואס געשעהן. אזוי קען עס שוין מעהר ניט בלייבען. ווען איך פאהר אין פעלד; ווען איך געה אויפ'ן וועג ווינקט צו מיר יעדער בוים — יעדעס גרעזעל רעדט און בעט, אז איך זאל זיי בעפרייען. וועסטו מיט מיר געהן, מאיר?

מ א י ר

איך וועל געהן.

פ א נ י

עס בליצט שטארקער.

פ י י ג ע ל ע

איהר קלינגענדיגער געלעכטער פון צימער.

דו ווייסט, אבער מאשעלע וואו מען האט זיי געפונען? דו ווייסט מאשעלע? אויפ'ן סטאג שטרוי האט מען זיי געפונען. אויפ'ן רעכטען שפיץ האבען זיי זיך פערקליבען...

פ א נ י

ועסטו מיט מיר פאהרען?

מ א י ר

כ'וועל פאהרען.

ע ו ז ר

קומט אריין אונרוהיג.

זאגט מיר קינדער, וואס איז דא אזוינס געשעהן? וואס לויפט איהר אלע אזוי אום?...

פ א נ י

וואס ביזטו אזוי צושראקען, טאטע?

ע ו ז ר

זאג מיר דו, מאיר, וואס איז דא אזוינס געשעהן? דאס קינד שרעקט זיך און רעדט פון היץ.

פ א נ י

און אז עפעס איז געשעהן, טא וואס שרעקסטו זיך אזוי? כא, כא, מיין טאטע האט זיך אויף דער עלטער אנגעהויבען שרעקען.

ע ו ז ר

זיי וועלען מיר היינטיגע נאכט פון זינען אראבפיהרען!

געהט צו מאשען.

פ א נ י

הערסט, מאיר, די ערד האט ניט פערדינט אז אויף איהר זאלען זיך קרעכצען הערען. די ערד האט ניט פערדינט, אז פון איהרע בלומען זאל מען קרענץ פאר די טויטע פלעכטען. איך זעה מאיר, אז אלץ וועסטו מיט מיר טהאן אינאיינעם. היינט וועסטו עס בעווייזען.

מ א י ר

איך האָב ליעב לאַנג צו שווייגען נאָר אַז כ'טהו זיך אַ ריר איז שוין אָבטהאָן אַלץ אויף זיכער... ער קוקט אין פענסטער. די פערד רייסען זיך, די כמארע ווערט נאָך געדיכטער.

פ א נ י

ס'האָט זיך אפשר נאָך ווער פון זיי געהאַנגען אין וואַלד. די גאַנצע נאַטור איז געגנען אַזוינע. אַ בוים קען גאַנץ לאַנג אויף זיך קיין געהאַנגענעם ניט האַלטען. ווען איינער הענגט זיך אויף אַ בוים, ווייט אין טיפען וואַלד, ווייט פון וועג און פון מענשען, ווערט אַ גרויסער ווינד, אַ שטורם רייסט זיך אויס; דער גאַנצער וואַלד בויגט זיך אַזש צו דער ערד — ביז דער באַליידיגטער בוים טרייסעלט פון זיך אַראָב דעם געהאַנגענעם...

ע ו ז ר

געהט אַרויס פון צימער.

פאַני, געה אַריין צום קינד! ניט קיין טאָג און ניט קיין נאַכט איז ביי דיר — געה אַריין צום קינד!

פ א נ י

ערב יום־טוב איז היינט ביי מיר.

געהט צו מאַשען.

ע ו ז ר

ווי גאָר ניט צו מיין שטוב וואָלט עס געהערט; ווי ווי גאָר ניט מיינע קינדער וואָלטען זיי געוועזן. זאָג מיר, מאיר, וואָס שטעהען נאָך די פערד הינטערן טיר? וואָס שטעהען די פערד געזאָטעלט?

מ א י ר

פאַני וויל נאָך היינט פאָהרען...

ע ו ז ר

היינט?! משוגע איז זי! וואָס טראָגט מען זיך נאָך אַרום?... דער אינגערער שלאָפט שוין?...

געהט אין צימער.

פ א נ י

קומט אַריין.

וואָס שרייט דער טאַטע אַזוי?

מ א י ר

ער איז אין כעס וואָס מען פאָהרט אום. ער איז געגאַנגען זעהן אויב נפתלי שלאָפט שוין. זאָל מען איהם דערצעהלען?

פ א נ י

איך האָב איהם גאָר ניט וואָס צו דערצעהלען.

ע ו ז ר

פון צימער שטאַרק אין כעס.

ער איז אויך ניטאָ! וואו איז ער?! וואו איז זי — זי אננע? וואו איז זי? וואו איז נפתלי?!

פ א נ י

וואָס ביזטו אַזוי אונרוהיג? די יוגענד שלאָפט ניט. ער פאָהרט גע־ווים אום איצטער איבער די פעלדער.

ע ו ז ר

איצטער? איבער די פעלדער?!

קוקט אָן פאני'ן אָהן ווערטער.

פ א נ י

דו קענסט עס טאַטע ניט פערשטעהן ווי די יוגענד שלאָפט ניט? קום — אויך מיט אונז. לאָמיר זאָטלען דעם סיוואַק. און דו וועסט מיט אונז מיטפאָהרען. מאַשע איז שוין רוהיג — ווילסט מאַשע, דער טאַטע זאָל מיט אונז פאָהרען?...

ע ו ז ר

עט, ניטאָ וואָס צו מאַכען מיט איך!...

פ א נ י

נעהמט מאיר'ן פאַר'ן האַנד.

קום, מאיר! דער טאַטע וועט קיין מאָל בייז ניט זיין, קום!

געהען אַרויס.

ע ו ז ר

קוקט אין פענסטער.

ווי די שדים האָבען זיי זיך אוועקגעטראָגען! דאָס איז שוין ניט אומזיסט. דאָס איז שוין גאָר ניט אומזיסט. מיך וועט מען ניט נאַרען...

ער פערמאַכט אַלע פענסטער. עפענט שטיל די טיר פון מאַשע׳ס צימער.

פ י י ג ע ל ע

קומט אַרויס פון צימער.

זי שלאָפט.

ע ו ז ר

גוט וואָס זי שלאָפט. בלייב דאָ, מיין קינד, אביסעל. וועסט אויף איהר אכטונג געבען. כ׳וועל נאָך אמאָל אויף דער גאַס ארויסגעהן. איך קום באלד צוריק.

געהט אַרויס.

פ י י ג ע ל ע

קוקט לאַנג אין יעדען פענסטער בעזונדער אַנגעשטרענגט ווי זי וואָלט וועמען בעמערקען דורכ׳ן פענסטער. זי שטעלט זיך אַנטקעגען דער גאַס־טיר אין ערוואַרטונג.

נ פ ת ל י

רייסט זיך אַריין אין שטוב פערסאָפּעט.

דער טאַטע איז ניטאָ?

פ י י ג ע ל ע

שטיל.

דער טאַטע וועט דיר שוין געבען. ער איז אוועק אויפ׳ן זשעזשיניץ דיך זוכען.

נ פ ת ל י

ביזט שוין לאַנג דאָ?

פ י י ג ע ל ע

רעד אביסעל שטילער, וועסט מאשען אויפוועקען.

נ פ ת ל י

זי שלאָפט?

פ י י ג ע ל ע

זי איז קראַנק. זי רעדט פון היץ.

נ פ ת ל י

זי שלאָפט?

פ י י ג ע ל ע

זי דרעמעלט נאָר.

נ פ ת ל י

די טאַטע ווייסט שוין?

פ י י ג ע ל ע

ניין. זאָג מיר וואו ביזטו געווען?

נ פ ת ל י

איך בין אפשר מיילען אויסגעפאָהרען. איך בין אין וואלד אויך געווען. ס'איז דאָרט קיינער ניטאָ. ס'ווערט א בורע זענען זיי אלע א היים אוועק. דער פערד איז איינגאַנצען בעדעקט מיט א ווייסען שוים. איך וועל איהם אריינפיהרען אין שטאל קיינער זאל ניט מערקען. זאָג מיר, קיינער איז אין שטוב ניט געבליבען?

פ י י ג ע ל ע

האָסט דען ניט בעגעגענט מאיר'ן און פאני'ן?

נ פ ת ל י

וואו זענען זיי?

פ י י ג ע ל ע

זיי זענען ביידע אוועקגעפאָהרען.

נ פ ת ל י

אין וועלכער זייט?

פ י י ג ע ל ע

כ'ווייס ניט, אפשר זענען זיי אין שטעדטעל אריין געפאָהרען? זי פלעגט אמאל געהן אין שטעדטעל אויך.

נ פ ת ל י

קום, פייגעלע! מיר וועלען נאָךביידע פאָהרען צו די טאָפּאָליען מיר וועלען נאָך דאָרטען זעהן. קום מיט מיר. מיר וועלען זיך ביידע אויף איין פערד זעצען. דיר וועל איך דעם זאָטעל אב־טרעטען און אליין וועל איך זיך הינטער דיר זעצען...

פ י י ג ע ל ע

כאַפּט איהם ארום.

אויף איין פערד ווילסטו זאָלען מיר פאָהרען?

נ פ ת ל י

אָבער דו ווילסט, זאָג?

דרויסען דונערט.

פ י י ג ע ל ע

כ׳וועל הערען אויב זי שלאָפט. הערט זיך צו צו מאַשע׳ס צימער. ס׳דונערט נאָהענטער.

נ פ ת ל י

זי שלאָפט געוויס. שטענדיג שלאָפט זי שוין אין דער צייט. קום, פייגעלע, מיר וועלען ארויספאָהרען דורכ׳ן טירעל נעבען ברונען. מיר וועלען זיך גלייך מיט דער מעזשע לאָזען. צווישען אונזערע קאָרענס... מיר וועלען זיך מיט׳ן פערד צווישען די קאָרענס בע־האלטען. מאשע שלאָפט שוין. קום! אונזער מעזשע איז לאנג. מיר וועלען זי דורכפאָהרען און דערנאָך וועלען מיר זיך לאָזען ארום דער אָזיערע מיט׳ן סאָסנע־וועלדעל און דערנאָך צום ווינט־מיל...

פ י י ג ע ל ע

גוט!

נ פ ת ל י

דער ווינטמיהל מוז איצטער שטעהן. די פליגעל מוזען זיין צוגעבונ־דען מיט קייטען דער ווינד זאָל זיי ניט אָברייסען. מיר וועלען אב־לאָזען די קייטען און די פליגעל וועלען אָנהויבען טראָגען ווי א ווי־כער.

פ י י ג ע ל ע

דאָס וויל איך ניט. מאיר האָט געזאָגט, אז דערפון קען זיך נאָך אָנצינדען דער מאָהל.

נ פ ת ל י

און דו האָסט מורא פאר פייער?

פ י י ג ע ל ע

ניין. נאָר אז א ווינטמיהל ברענט, כאַפּט אן א שרעק.. ס'האָט אמאָל ניט ווייט פון אונז געברענט א ווינטמיהל האָט אָנגעכאַפּט א פּחד צו קוקען. ווי פיער פייערדיגע הענד האָבען די פליגעל אויסגע־זעהען... און דערנאָך זענען זיי אראָבגעפאַלען און צושאָטען זיך נאָר האָלאָוועשקעס איז פון זיי געבליבען.

נ פ ת ל י

קום זשע גיכער! וועסט זעהען ווי מיר וועלען זיך טראָגען! אז ער לאָזט זיך אוועק גאַלאָפּ ציהט ער זיך ביי דער ערד ווי א שלאנג. ער ווייסט וועמען ער טראָגט אויף זיך. קום גיכער, מיר וועלען נאָך אפשר אָנטרעפען פאני'ן און מאיר'ן...

פ י י ג ע ל ע

דער טאַטע קען אונז נאָך בעגעגענען.

נ פ ת ל י

מיר וועלען דעם זשעזשיניץ אויסמיידען. — צווישען די קאָרענס! גוט?...

פ י י ג ע ל ע

פערגאפט.

יאָ!...

נ פ ת ל י

כאַפּט איהר פאר'ן האַנד.

אַך וועלען מיר זיך עס טראָגען. געהן שנעל אַרויס. פון די בליצען ווערט גאַנץ אָפּט בעלויכטען דער צימער. די דונערן דערנעהענטערען זיך. מיט אַמאָל גיט עס אַ שרעקליכען קנאַל.

מ א ש ע

לויפט אַרויס פון איהר צימער אַ צושראָקענע. רופט :

פייגעלע !... טאטע !... פאני !... ס'קנאַלט אַ צווייטען מאָל דער דונער־גוואלדיג. זי שפּרינגט אָב פון אָרט פאר שרעק. הויבט אָן צו וויינען. קוקט אין יעדען פענסטער בעזונדער. ביי יעדען בליץ שפּרינגט זי אָב הינטערזיך. וויינט: „וואו האָבען זיי מיך אליין געלאָזען ?... כ'וועל בעסער אויף דער גאַס ארויס. זי לויפט אַרויס אויף דער וועראנדע. נאָר דערשראָקען פון אַ בליץ לויפט זי צוריק אין שטוב אַריין. זי בלייבט שטעהן אין מיטען צימער צושטרייט. קוקט אויף אַלע זייטען... אין די פענסטער הויבט אָן צו ווערען ביסלעכווייז ליכטיגער, ליכטי־גער, ווי ס'וואָלט ערגעץ נאָהענט אַ שרפה אויסגעבראָכען. דער צימער ווערט איינגאַנצען בעלויכטען פון אַ רויטען שיין. מאַשע רייסט אויף מיט שרעק איין פענסטער. ס'זעהט זיך דער הימעל. רויט. זי רייסט אויף דעם צווייטען פענסטער, ס'בעוויייזען זיך די בוימער אָבגעגאָסען מיט פורפור־רויטקייט. ס'הערט זיך הינטער'ן פענסטער איילענדיגע טריט פון רייטער.

פ א נ י

לויפט אַריין אין שטוב.

איין מאָל פאר אלע מאָל — מיט אלץ א סוף !

מ א ש ע

פאלט פאני'ן אין די אָרעמס אָהן ווערטער.

פ א נ י

דריקט מאַשע'ן צו זיך.

אליין ביזטו געבליבען. קום צום פענסטער, שוועסטער מיינע. זעהסט וואָס אויף דער גאַס טהוט זיך — דער וואלד ברענט !... זעה מיין שוועסטער : קום אהער, מאיר !

ס'דונערט.

מ א י ר

הינטערען פענסטער.

מיט'ן וועג טראָגען זיך צוויי רייטער אויף איין פערד. ווי א שטיק פייער זעהן זיי אויס...

פ א נ י

קוקט גייגעריג אין פענסטער.

פון אלע זייטען האָבען איהם די פלאַמען פערכאַפּט! עס ברענען די לעבעדיגע מצבות. די שאָטענס לויפען פון וואַלד ארויס. דער הימעל לאַכט פאר שמחה!... הערסט מאיר, ווי די ערד זינגט... אלע איהרע קינדער שטעהן פערגאַפט — מיט איין איינגעהאַלטענעם אָטעם און הערען צו דאָס געזאַנג... דאָס הארץ זייערס שפּרינגט פאר שמחה!...

מ א ש ע

שעפּטשעט.

איך וויים אלץ...

פ א נ י

שרעק זיך ניט, מיין שוועסטער! דער וואַלד ברענט... מאיר! איינ־ציגווייז פאַלען די בוימער און ווערען צושאָטען. די ערד אליין וויל זיי פון זיך אראָבטרייסלען. ביז צו די וואָרצלען וועט יעדער בוים בעזונדער אויסברענען. מאָרגען וועט די זון אויפגעהן און בענשען יענעם ווינקעל. מיר וועלען מיט דער סאָכע יענעם אָרט דורכגעהן און די ערד וועט לאַכען, לאַכען פאר שמחה...

דער שטורם־ווינד צושפּילט זיך נאָך שטאַרקער.

מ א ש ע

שעפּטשעט.

צום אָזיערע געהט...

פ א נ י

אך, דאָרט איז אננא! איך פערשטעה וואָס ס'איז געשעהן...

ע ו ז ר

זיין אונרוהיגער קול הינטער'ן פענסטער.

אין אָזיערע!... אננע ט'זיך אין אָזיערע דערטרונקען... אויפ'ן ברעג א טויטע געפונען...

פ א נ י

אויפ'ן ברעג האָט מען זי א טויטע געפונען!.. אויפ'ן ברעג האָט מען זי א טויטע געפונען! איך האָב זי פון מיין הארצען ארויסגעריסען. איך האָב זי פון מיין נשמה ארויסגעריסען... און דאָס קלאָרע וואסער האָט דער טויט פון זיך ארויסגעשליידערט.

ע ו ז ר

קומט אריין. צושראָקען. קוקט אין פענסטער.

פ א נ י

זעה, טאטע, ווי דער וואַלד ברענט און בעגריסט מיט טויזענדער פייער פלאמען! אונזערע פעלדער לויכטען!... זיי האָבען פון זיך דעם טרויער אראָבגעריסען... אונזער געגענד זינגט. עס קלינגט דער גרויסער לעבענעס הימנ'ן... עס זינגט די ערד דעם נצחון פון לעבען!...

ווי זי וואָלט וואָס געהערט פון וויימען.

מ א ש ע

דריקט זיך צו פאניען. און ביידע געארעמט, בעגאָסען מיט'ן רויטען שיין, שטעהן זיי ווי פערגליווערטע. ווי זיי וואָלטען וואָס געהערט פון וויימען.

ע נ ד ע.

צווישען טאג און נאכט

1906

פערזאנען:

נ ת ן
נ ד ב } זיינע קינדער
ה י מ ן
ת מ ר } נדב׳ס קינדער.
ז י ז י

ערשטער אקט.

אַן איינזאַם הויז נעבען אַ וואַלד. אַ גרויסער צימער, וואו־ניט־וואו צושטעלט גרינגע געפלאַכטענע מעבעל. רעכטס אַ טיר מיט צוויי פענסטער קומען אריין אין וואַלד. לינקס אַ טיר און טרעפּ אויף אַ אויבערשטיבעל. די פענסטער זענען אָפען און ס'קוקען אריין דורך זיי צווייגען פון בוימער, וואָס בעוועגען זיך פון צייט צו צייט און וואַרפען שאַטענס אויף אַלע זייטען. ווען דער ווינד בויגט אָב די צווייגען פון פענסטער, שלאָגען זיך דורך אין שטוב פּאַסען מאָרגען־ליכט.

הימן

קומט אריין, קוקט זיך אַרום.

אַך, מיין אַלטע וויעג־בעט! קינדערשע געפיהלען... וואו זענען זיי אַלע?... אפשר זענען זיי פון שטוב אוועק, שפּירענדיג אז איך קום? אפשר איז גלייכער איך זאָל זיך גאָר ניט ווייזען פאַר זיי? טראַכט אַ ווײלע. געהט אַרויס.

נתן און זיזי

קומען אַריין.

זיזי

איך וועל געהן זעהן, וואָס דער טאַטע טהוט.

נתן

דו האָסט ניט געזעהן וואוהין ער האָט זיך פערנומען?

זיזי

ער איז גלייך אין וואַלד אוועק...

נתן

ווי זעהט ער אויס?

זיזי

איך האָב זיך דערשראָקען פאַר איהם.

נ ת ן

דאָס איז ער; געווים ער.

ז י ז י

איך געה צום טאַטען: איך וויל זיצען אביסעל ביי איהם אויף די קניה.

נ ת ן

דאָס הארץ ביי דיין טאַטען איז צופלאַגט; גאָט האָט עס מיט צאָרן אָנגעפילט. זייַ דאָ, דערצעהל מיר, וואו האָסטו איהם געזעהן?

ז י ז י

ער איז אוועקגעגאנגען זאָג איך דאָך דיר. זאָג, זיידע, פאַרוואָס איז דער טאַטע שטענדיג אומעדיג, און אז תמר געהט אראָב פון איהם איז זי פערוויינט?

נ ת ן

ווייל זי האָט איהם ליעב.

ז י ז י

ווייל זי האָט איהם ליעב? האָב איך דאָך איהם אויך ליעב. איך געה צו איהם: איך וועל איהם זינגען און וועל איהם טאַנצען — וועט ער ווערען פרעהליך. איך וועל איהם זינגען ווי בעגינען אין וואַלד די פויגעלעך — געהן, זיידע?

נ ת ן

פערטראַכט זיך.

ז י ז י

וואָס ביזטו אומעטיג, זיידע?

נ ת ן

וואָס ביי מיר איז גראָהע האָר אין באָרד.

ז י ז י

גיב, איך וועל זיי אויסרייסען, וועסטו ווערען יונג ווי דער טאַטע. נעהמט איהם אַרום. זיידע! זיידע! איך האָב דיך אזוי ליעב! איך וועל שטענדיג, שטענדיג מיט דיר געהן. וועסטו מיך מיט־נעהמען?

נ ת ן

אויב דו ווערסט נאָר ווערען מיט מיר שטענדיג געהן.

קוקט פריהער אין איין פענסטער, אין צווייטען. אונרוהיג.

ז י ז י

אויב דו ווערסט אוועקגעהן ערגיץ ווייט, ווערסטו מיך דארפען טראָגען אויפ׳ן האנד... ווערסטו מיך ניט דארפען טראָגען; ווערסטו מיך ניט דאַרפען טראָגען. זעהסטו, היינט זענען מיר אויך פערגאנגען אזוי ווייט, און איך האָב זיך ניט פערמאַטערט.

נ ת ן

צו זיך אַליין.

היינט איז די זון נאָך שעהן, שיינט. און מאָרגען — ווער ווייס?

ז י ז י

זי וועט מאָרגען אויך שעהן זיין; זי וועט מאָרגען אויך שיינען.

נ ת ן

ווי אין וואלד וואָלסטו געבוירען געוואָרען, און אויף די בוימער אויסגעוואקסען.

ז י ז י

כאַ־כאַ־כאַ! ווי אין וואלד אויף די בוימער אויסגעוואקסען! אַט וועל איך באלד מאכען ווי א קוקאָווקע: קו־קו־קו! און אַט אזוי מאכען קראָהען: קרא! קרא!

נ ת ן

געננוג, מיין קינד, גענוג.

ז י ז י

איך וועל באלד ווי אַלע פויגעל אויסטשוויטשערען.

מאַכט נאָך פערשיעדענע געזאַנגען פון פויגעל.

נ ת ן

שטילער מיין קינד, מען טאָר איצטער דעם קול ניט אויפהויבען הויך, מען טאָר ניט. נישט זינג ווי א פויגעל: א רויבער מיט פליגעל טראָגט זיך ארום אונזער שטוב.

ז י ז י

צו אונז אין שטוב קאָן ער קומען צופליהען ? דו ווילסט מיך אי־בערשרעקען, איך זאָל ניט זינגען: איך וויים, דו קאָנסט ניט ליידען אַז איך זינג...

ת מ ר

קומט אַראָב.

דו ביזט דאָ, זיידע! וואו ביזטו געוועזן? וואָס האָסטו געהערט?

נ ת ן

איך בין אין ערגעץ ניט געוועזן. שטילער, טאָכטער, ניט הויב אויף דיין קול.

ת מ ר

וועל איך וויינען אויפ'ן הויכען קול. איך וועל קלאָגען, אַז די ערד אליין וועט צוגעהן פון מיין געוויין.

נ ת ן

זאָג מיר בעסער, צי האָסטו וועמען געזעהן פאַרבייגעהענדיג נעבען אונזער שטוב, אַזוי א מענש אין די מיטעלע יאָהרען?

ת מ ר

כ'האָב קיינעם ניט געזעהן, מיר דוכט, אַז ס'איז קיינער שוין באַלד אויף דער ערד ניט געבליבען. איינער האָט דעם אַנדערען אָהן רחמנות ביז'ן טויט פערמאַטערט.

נ ת ן

ניט שטעק אַרוים דעם קאָפּ פון פענסטער, ווען עס דונערט און עס בליצט. אַלץ וועט אויפציטערען. אַלץ אין דער וועלט. ביז צו דער־ערד וועלען זיך די הימלען אַראָבלאָזען. איצטער שטילער, שטי־לער... וואויל איז צו דעם, וואָס קאָן שטום זיין.

ת מ ר

רעד עס בעסער ניט. דו מאַכסט גרעסער דעם פּחד. דער פּאָטער איז שוין באַלד גראָה געוואָרען פאַר צער. זאָג מיר, זיידע, ווער האָט עס אין די מענשען אכזריות פערפלאַנצט ?...

נ ת ן

מיין קינד, וואָס ווילסטו פון דעם, וואָס אין זיין האַרץ האָט זיך

די נאַכט אַליין בעזעצט? דאָס האַרץ מיינע ליעגט אין חושך, און וואַרט אויף דער לעצטער שעה. וואָס עס זאָל נאָר געשעהן — האָב איך זיך אַלץ אויף דעם געריכט. אויף אַלץ בין איך גרייט...

תמר

זיידע, דערצעהל מיר פון רחמנות; דערצעהל מיר פון ליעבע; דערצעהל מיר פון הייסע טרעהרען; דערצעהל מיר פון אַ שעהנעם ליכטיגען פריהמאָרגען, ווען די טויטשרעק, וואָס הענגט איבער דער ערד, וועט שוין מעהר ניט זיין.

נתן

איך וועל דיר דערצעהלען פון דער צייט, ווען דיין טאַטע איז נאָך געווען גאָר אַ יונג קינד.

זיידי

וועל איך בעסער זיצען נעבען זיידען.

נתן

צווייען האָט זיין מאַמע געבאָרען: צוויי זיהן...

תמר

דערצעהל מיר פון דעם, ווי מענשען וועלען צוריק באַרמהערציג ווערען... ווען מענשען וועלען צוריק גוט און מילד זיין. זאָג זיידע, צי איז דאָס אין דיינע יאָהרען אויך אַזוי געווען?

נתן

אַלץ איז ווי געווען. די אייגענע זינד פון דעם מענשענס האַרץ, די אייגענע... נאָר די שטראָף איז אַן אַנדערע. גאָט קאָן ניט שטראָפען יעדעס מאָל מיט דער אייגענער שטראָף.

תמר

איז דאָס אַ שטראָף פון גאָט, אַז מענשען זאָלען אומגעהן די אויגען מיט בלוט פערגאָסען, בייזע ווי ווילדע חיות? זיידע, איך בין גרייט צו שטאַרבען פאַר זיי. כ׳וואַרט נאָך מיין פאָטערס בעפעהל... איך וועל אויסשפּרייטען מיינע אָרעמס, איך וועל לויפען צווישען אַלע מענשען, איך וועל רופען מיט אַלע מיינע כחות:

„האָט רחמנות, ברידער, איינער אויף דעם אנדערען“.. זיידע, מען דאַרף עס זיי נאָר דערמאָהנען.

נ ת ן

אמאָל, אַז די מענשען זענען שטאַרק זינדיג געוואָרען, אַז די ערד אַליין, די ליעבע גוטע ערד האָט שוין נישט געקאָנט זייערע חטאים פערטראָגען — האָט גאָט אויף זיי אַראָבגעשיקט א מבול — און ס׳איז פון אַלץ אויף דער ערד קיין זכר ניט געבליבען. נאָר גאָט אַליין האָט דערנאָך חרטה געהאַט אויף זיינע מעשים, און ער האָט געשוואָרען, אַז מעהר וועט ער שוין קיין מבול ניט ברענגען — און ער האָט צו די מענשען אַזוי געזאָגט: פאַר אייערע גוטע מעשים וועט איהר זיך אַליין איינער דעם אַנדער׳ן בעצאָהלען — און פאַר אייערע שלעכטע מעשים וועט איהר אויך אַליין איינער פון דעם אַנדער׳ן מקבל זיין אייער שכר... די שטראָף, וואָס מענשען אַליין וועלען אויף זיך ברענגען, איז נאָך מורא׳דיגער ווי דער מבול אַליין: גאָט האָט א מבול פון וואַסער געבראַכט אויף דער ערד, און די מענשען וועלען פערפלייצען די וועלט מיט זייער אייגענעם בלוט...

ת מ ר

זיידע, ס׳איז ניט אמת! גאָטס שטראָף קאָן גאָר אַזוי שרעקליך ניט זיין. איך וועל אין זייערע הערצער דערוועקען רחמנות; איך וועל זיי פערשיכור׳ן מיט ליעבע.

ז י ז י

דערצעהל בעסער, זיידע, פון פויגעלעך, פון מלאכים וואָס פליהען אום אין וואַלד ביינאַכט.

נ ת ן

אָבער הער דעם סוף... ששש... שטילער.. די אויגען ביי די מענ־שען וועלען ווערען פערגאָסען מיט בלוט, פאַר גרויס שנאה צו זיך אַליין. זייערע ציינער וועלען אויסוואַקסען שאַרף און לאַנג, ווי ביי די בייזע וועלף, וואָס בלאָנדזען־אום אין דער פינסטערער נאַכט און זוכען זייער רויב. עס וועלען ביי זיי אויסוואַקסען נעגעל ווי ביי די גרויסע אָדלערס, דאָס הארץ זייערע וועט ווערען האַרט און

טרוקען, און דורשטיג נאָך הייסעם מענשען־בלוט, דער מענש וועט אומגעהן און שמעקען מיט גרויס תאוה אין דער לופט דעם ריח פון בלוט. — דער טאָג איז נאָהענט, און די שעה איז גרייט. יענעם טאָג וועלען די הימלען זיין פערהאנגען מיט א שווערען וואָלקען, און וואָס ס׳וועט זיך טהאָן אויף דער ערד וועט דער הימעל ניט וויסען.

ת מ ר

ווי שרעקליך איז די שטראף! זיידע, עס קאָן גאָר ניט געמאָלט זיין.

נ ת ן

מיין קאַלט הארץ שפירט דאָס, וואָס מיין אייגענער מויל קאָן ניט אויסרעדען.

ת מ ר

דעם פאַטערס טריט קלאַפּען אונרוהיג; איך געה צו איהם.

ז י ז י

זיי דו מיט׳ן זיידען, איך געה ארויף... כ׳וועל איהם זינגען מיינע נייע ליעדער. —

ת מ ר

זעץ זיך ביי איהם אויף די הענד; גלעט איהם איבער׳ן קאָפּ; זאָג איהם גוטע ווערטער.

ז י ז י

איך וועל איהם זינגען מיינע נייע ליעדער.

לויפט אַרויף.

נ ת ן

הערט זיך צו.

ת מ ר

וואָס הערסטו, זיידע?

נ ת ן

ס׳טראָגט זיך שוין אהער זייער ברומען.

ת מ ר

ס׳איז דער ווינד, זיידע. ס׳איז א ווינד.

נ ת ן

ס'איז ניט דער ווינד, מיין קינד. אין ווינד ליעגט גאָטס קול. אין ווינד דערקען איך שטענדיג גאָטס קול. זיין קול שרעקט מיך קיין מאָל ניט. פון איהם בלייבט מיין הארץ שטענדיג רוהיג.

ת מ ר

דאָס איז דער גערויש פון די בלעטער און די צווייגען.

נ ת ן

דאָס ברומען די מענשען־הערצער דורשטיג און ווילד. דאָס ברומען וועט אליץ שטארקער ווערען, גאָטס קול וועט אליץ שוואכער ווערען. אין דעם ווילדען ברומען וועט ער ווערען דערטרונקען.

פון אויבען הערט זיך זיזים קול.

ת מ ר

זיזי שרייט. איך וועל לויפען צום פאָטער.

נ ת ן

ניין, מיין קינד, זי זינגט עס. זי זינגט איהם דאָס ליעד פון אונ־שולד. דאָס איינציגע ליעד, וואָס איז נאָך פערבליבען. זאָל זי איהם זינגען, זאָל זי איהם זינגען. זיין הארץ דארף עס הערען. זאָל זי איהם זינגען — און דו הער מיך. דו ביזט שטענדיג ווייט פון מיר, און מיינע ווערטער זענען דיר פרעמד.

ת מ ר

זיידע! אין מיין הארץ איז אזוי פיעל הייסע ליעבע בעגראָבען צו דיר, צו מיין פאָטער, צו אלע מענשען. רעד, זיידע, איך וועל דיך הערען...

נ ת ן

אין גיכען וועל איך אינגאנצען מוזען שטום ווערען. איך וועל ניט האָבען צו וועמען א וואָרט אויסצורעדען... איינער אליין וועל איך אומבלאָנדזען אין וואלד, ווי א בוים אָבגעהאקט פון זיינע וואָרצ־לען און ארומגעבראכען זיינע צווייגען...

ת מ ר

איך וועל דיך ניט אָבלאָזען, זיידע.

נ ת ן

מיט גוואלד וועט מען דיך פון מיר אַברייסען.

ת מ ר

קיינער וועט מיך פון דיר און פון מיין פאַטער ניט אַברייסען. איך געהער אלעמען! מיין הארץ געהערט דער גאנצער וועלט, מיין רחמנות איז פאר יעדער'ן בעזונדער, און מיין ליעבע איז אויך פאר אלעמען... אלעמענס וואונדען וועל איך וואשען — הערסט, זיידע? אלעמענס!

נ ת ן

דיין הארץ איז ריין און אונשולדיג — אָבער בלויז שטראָף צו פער־נעהמען ביזטו אויף דער וועלט אַנגעקומען. און איך וועל אומ־בלאָנדזען אין וואלד; שטום וועל איך זיין...

ת מ ר

זיידע, וואָס רעדסטו, ווער וועט דיך דאָס אַנריהרען?

נ ת ן

מיין אייגענער זוהן וועט אין מיין הארץ זיינע נעגעל שטעקען.

ת מ ר

מיין פאַטער? זיידע, וואָס רעדסטו? מיין פאַטער, וואָס זיין הארץ רייסט־זיך פאר ליידען, ער וועט דיך? איך גלויב עס ניט, זיידע!

נ ת ן

דיין טאטע איז גוט ווי א טויב. ווייל אזוי האָט ער זיך אויף דער ליכטיגער וועלט בעוויזען. אָבער צו איהם איז נאָך א ברודער געבאָרען געוואָרען — א אינגערער.

ת מ ר

וואו־זשע איז ער?

נ ת ן

כ'האָב וועגען איהם ניט גערעדט.

ת מ ר

דער פאַטער האָט אויך וועגען איהם קיין מאָל ניט דערמאָנט.

נתן

דיין טאַטע האָט אויך געהאַט פּחד פאַר איהם. רעדט שטיל, ווי ער וואָלט איהר איבערגעגעבען אַ וויכטיגען סוד. אונטער איין הארץ האָט זייער מאמע צווייען געטראָגען: דיין בארמהערציגען טאַטען, און אין אַ צייט ארום — איהם. אונטער איין הארץ געלעגען. פון איין מילך געזויגען — נאָר ניט אין איין געשטאַלט האָט זיי ביי־דען, דער וואָס אין הימעל, בעשאַפען. גאָר אנדערע אויגען האָבען ביי זיי פון אונטער׳ן שטערן ארויסגעקוקט. דיין טאַטע איז גוט ווי אַ מלאך געבאָרען געוואָרען. און זיינע אויגען האָבען ווי די אויגען פון אַ טויב אונשולדיג געקוקט. און זיין ברודער איז בייז ווי אַ שלאַנג געוועזען, גלייך פון זיין געבאָרענעם טאָג אָן... זיינע אויגען האָבען שאַרף ווי אָדלער־אויגען אויסגעזעהן. פון זיי האָט העליש פייער געשלאָגען — מיר האָבען פאַר זיין בליק פּחד בעקומען.

תמר

וואו איז ער, הא?

נתן

נאָך גאָר אין דער יוגענד איז ער נעלם געוואָרען. עס זענען איהם פליגעל אויסגעוואקסען. ער האָט מיט אמאָל געהן און פליהען אָנ־געהויבען, און נאָך גאָר אין דער יוגענד איז ער פון מיר פערפלויגען. ער איז נעלם געוואָרען. נאָר איך האָב ניט פערגעסען און איך קאָן איהם ניט פערגעסען. זיינע שאַרפע אויגען זענען אין זיין וויעג־בעט פערבליבען... דאָס איז דער בעסטער צייכען, אז ער לעבט. קיין לעבעדיגען פערגעסט ניט דאָס הארץ, קיין מאָל פער־געסט ניט דאָס הארץ...

תמר

ער איז געשטאָרבען, אויב אזא לאנגע צייט האָט מען פון איהם ניט געהערט.

נתן

איך האָב צופיעל אָנגעהויבען טראַכטען וועגען איהם. ער בעווייזט זיך מיר פאַר מיין געדאַנק. איך זעה איהם, ווי ער איז אַ גרויסער

אויסגעוואקסען, באלד אין דיין טאַטענס יאָהרען... ער איז ערגעץ נאָהענט ארום אונזער שטוב... ער טראָגט אונגליק מיט זיך...

ת מ ר

וואָס רעדסטו, זיידע ?

נ ת ן

וואָס טרייבט איהם אהער ? ער וועט מיט זיינע נעגעל מיר דאָס הארץ רייסען... איך וועל מיט א צוריסען הארץ אין וואלד אומבלאָנדזען...

ת מ ר

זיידע, איך וועל דעם אָדלער׳ס נעגעל צאַרט מאכען. איך וועל מיט מיין ליעבע זיינע שארפע בליקען ווייך מאכען.

נ ת ן

מיר דוכט, אז עמיצער איז ווידער פארביי דער שטוב געגאנגען.

ת מ ר

איך געה זעהן, ווער איז דאָרט.

נ ת ן

איך הער דעם גערויש פון זיינע פליגעל... איך שפיר זיינע שארפע נעגעל.

ת מ ר

זיידע, בערוהיג זיך. איך וועל מיין הארץ פאר זיינע נעגעל אויסשטרעקען.

ז י ז י

לויפט אַראָב.

איך האָב דורכ׳ן פענסטער געזעהן יענעם מענשען. ער געהט גלייך צו אונזער שטוב.

נ ת ן

איצטער איז מיין צייט געקומען.

ה י מ ן

קומט אַריין, בלייבט אַ ווייל שטעהן ביים שוועל. בעמערקענדיג נתן׳ען געהט ער צו צו איהם. תמר און זיזי שטעהען ביידע האַלב

צושראָקען, האַלב פערוואונדערט. נעהמט אַרום דעם אַלטען און קושט איהם אויפ'ן קאָפּ.

ביזט שוין גראָה און אַלט געוואָרען, פאַר צרות געבויגען. נאָר איך האָב דיך גלייך דערקענט — ביזט מיין פאָטער!...

נ ת ן

איך האָב דיין אָנקומען געשפּירט. אין בין דיין פאָטער און דו ביזט מיין זוהן. יאָ, ביזט מיין קינד.

ה י מ ן

גערענקסטו מיך נאָך?

נ ת ן

איך געדענק דיך... איך האָב דיך געדענקט, און מיין הארץ איז ניט גאַנץ רוהיג געווען. נאָר דו האָסט מיט דיין קומען אין מיר כחות אויפגעוועקט, איך זאָל רוהיג פון דאַנען אוועקגעהן.

ה י מ ן

די עלטער האָט דיין שטאַלצקייט ניט צובראָכען.

נ ד ב

קומט אַראָב, װאַרפט זיך הימן'ען אויפ'ן האַלדז.

דאָס ביזטו מיין ברודער! מיין ברודער... קוקט איהם גלייך אין פּנים. דאָס ביזטו מיין ברודער!

ה י מ ן

איך האָב אייך שוין ניט גערעכענט דאָ צו טרעפען. איך האָב גע־מיינט, אז לאַנג האָט שוין דער בלוטיגער שטראָם פערטראָגען מיין וויעג־בעט מיט אייערע ביינער. בעווייזט אויף תּמר'ן און זיזי'ן. דאָס זענען דיינע קינדער, ביידע, מיין ברודער, אין דיר געראָטען.

נ ד ב

אין א שווערע צייט זענען זיי מיר אויסגעוואַקסען. ווי קומסטו אהער? ווי האָסט דו זיך אהער דערשלאָגען?

ה י מ ן

דאָס וואָס ווערט אויף דער ערד געבאָרען מוז סוף־כּל־סוף ווען־ס'איז ווידער אויף דער ערד פערבלאָנדזען. איך בין לאַנג, לאַנג

אומגעגאַנגען ארום אייער וואָהנונג. ניט איין מאָל האָב איך אין אייערע פענסטער אריינגעבליקט, נאָר כ'האָב ניט געוואגט אייער רוה צו שטערען. איך האָב אייך אַלעמען גוט געקענט. דיינע קינ־דער זענען אויסגעוואַקסען פאַר מיינע אויגען, דו ביזט אין דרייען געבויגען געוואָרען, און אויף אונזער פאָטער איז די עלטער אָנגע־קומען.

ת מ ר

איך האָב קיין מאָל ניט געהערט מען זאָל אין שטוב רעדען...

נ ת ן

אויף דיין פאָטער איז די עלטער אָנגעקומען. ווען דיין טאַטע איז געבאָרען געוואָרען האָט איהם א כּלאף מיט א חוזק־שמייכעל אָנ־געוויזען אויף א גרויסען מדבר, אין וועלכען ס'האָט איין מענש עלענד ארומגעבלאָנדזשעט, צו דער ערד זיין קאָפּ געזונקען, און האָט געזאָגט: אזוי עלענד און פערביטערט וועסטו אין לעבען צווי־שען דיינע אייגענע געדאַנקען אומבלאָנדזשען.

ה י מ ן

איך בין דיין קינד. איך בין שטאָלץ מיט דעם. דו ביזט דיין גאַנצען לעבען אליין געגאַנגען. און ביז צו דער לעצטער מינוט וועסטו אליין געהן. איך האָף גאָר ניט, איך זאָל קאָנען דיך פערנעהמען מיט זיך.

נ ת ן

מיינסט מיך פון מיין אָרט צו ריהרען? נאָך דעם ווי איך האָב אייך געבאָרען האָב איך זיך פון אַלץ מיאש געווען. קוקענדיג מיט אָפענע אויגען, האָב איך זיך מיאש געווען. איך בין דער יאוש אליין. וואו איך זאָל ניט געהן, זעה איך אַלץ דעם ווילדען מדבר און דעם מיעדען וואנדערער. — שטום וועל איך זיין. שטומען דאַרף איך.

ה י מ ן

פאָטער מיינער! איך וויים, אז אומזיסט איז מיין טרחה. נאָר דער יוגענד... און אפשר מיין ברודער וועל איך אויך מיט זיך...

נ ד ב

איך זאָל געהן מיט דיר? אויב דו האָסט אין דיין לאַנגען אומוואַנ־דערן דעם אמת'ן וועג געפונען, ווי אזוי זיך בעפרייען פון דעם מורא'דיגען נעץ, אין וועלכען דאָס גאַנצע לעבען איז פערפּלאָנ־טערט, דאן, ברודער, געה איך מיט דיר. האָסטו געבראַכט דעם סוד ווי צו צווינגען די מענשען, אז זיי זאָלען זיך כאַטש אויף איין ווײַלע אָבשטעלען, און ארומזעהן־זיך — דאן, ברודער, געה איך מיט דיר... אין יענער רוהיגער רגע קאָן מען אליץ געווינען. איין געשריי: „האַלט־אָב, איהר מענשען! וואָס טהוט איהר?“ וואָלט דעם גאַנצען לעבען אויפ'ן וועג צום אייביגען גליק געפיהרט. נאָר אָט די ווערטער זאָלען אלע, אלע הערען.

ה י מ ן

בלאָנדזעסט, מיין ברודער! דיינע אייגענע געדאַנקען פערפיהרען דיך...

נ ד ב

איך דערקען דעם אמאָליגען שמייכעל אויף דיינע ליפּען. דו וועסט איינער בלייבען, און פון אליץ לאַכען, און איך וועל איינער בליי־בען, און מיין הארץ וועט פאַר אלעמען בלוטיגען. דיין הארץ איז הארט ווי שטאָהל, און שארף ווי א שפּיז... מיין הארץ איז אייביג אין שטורם, און אונטער א פייערדיגען האָגעל איז מיין לעבען... יעדער אויגענבליק צופלאַקערט זיך מיין געדאַנק. געטליכע פלאַמען ווינקען צו מיר פון ווייטען, און איך זעה זיי קלאָר. איך זעה זיי נאָהענט. איך מיין, אז אָט־אָט האָב איך שוין דעם אמת'ן וועג גע־פונען. איך געה ארויס אין לעבען — איך שפּרייז גלייך צום שלאַכט־פעלד, און פאַר מיין געשריי וועט דער מענש שטיל ווערען — אלע, אלע, פון גרעסטען ביז דעם מינדעסטען, וועלען מיינע ווערטער הערען... אלע הערצער וועלען זיך מיט איין מאָל אויפּפראַלען, און זיי וועלען מיינע רייד ארייננדרינגען. פּלוצלינג יאָגט זיך אָן א וואָל־קען פון אן אנדער זייט, און פערטראָגט אלע מיינע חלומות!..

ת מ ר

נעהמט אַרום נדב'ן.

וואָס רעדסט דו, פאָטער! האָב ניט חרטה פון דיינע פריהערדיגע ווערטער... איך פערשטעה זיי אזוי גוט. זיי רירען אזוי מיין הארץ, זיי וועקען אזוי מיין נשמה: — „מיט רחמנות, מיט הייסע ליע־בע"... אזוי האָסטו דאָך מיך געלערענט, פאָטער מיינער! איך בין שוין גרייט צו געהן טהאָן וואס דו הייסט...

ה י מ ן

דו, מיין ברודער, שיקסט דיין קינד פאר א קרבן? דאָס וואָס איז שעהן, דאָס וואָס איז ריין, האָבען שוין די מענשען לאנג מיט זייערע פרעכע פיס צוטראָטען. זאָג מיר: פאר וועמענס זינד ווילסטו קרבנות מקריב זיין? פאר דיינע? אפשר פאר דיינע קינדערשע חטאים? אפשר דו, פאָטער, פאָדערסט א קרבן צו דער עלטער?

נ ת ן

איך בין שטום. מיין צונג דארף שטומען...

ת מ ר

איך אליין... דער פאָטער — ער שיקט מיך ניט. איך אליין וועל לויפען און וועל מיט מיינע אָרעמס דאָס פייער לעשען! —

ה י מ ן

וועסט אין דעם פייער פערברענט ווערען... איהר אלע וועט פון אזא וועג זיך צוריק ניט אומקעהרען...

נ ד ב

צי קען איך זאָגען אויף די האנד, אז זי איז ניט מיינע? ווען מען שניידט זי — קלעמט מיר מיין הארץ. צי קאָן איך זאָגען אויף די אויג, אז זי איז ניט מיינע, ווען ביי יעדען בליק וועקט זי מיין גע־דאנק. צי קאָן איך זאָגען אויף דעם קאָפּ, אז ער איז ניט מיינער? צי קאָן איך זיך אָבזאָגען פון לעבען? איך בין אויף דער'ערד געבאָרען געוואָרען, אויף דער ערד אויסגעוואקסען. מ י י ן הארץ רייסט מען, מ י י ן קאָפּ ברענט, מיין בלוט פליסט... און איך, מיט אלע מיינע כחות מוז שרייען „האלט!" איך וועל

שרייען ביז מיין געדאנק וועט מיך ניט אבנארען און פערלאזען..
איך וועל שרייען ביז מיין צונג וועט וועט מען פון מיין מויל ניט
ארויסרייסען... קום צו מיר אויבען, וועסטו זעהן דורכ'ן פענסטער־
וואס אויף דער ערד טהוט זיך, און וואו דער בלוטיגער שטראם
האלט שוין.

געהט ארויף צו זיך.

ה י מ ן

טראכט א ווילע.

איך וועל געהן צו איהם אויבען; איך וועל איהם בעווייזען, אז דעם
גאנצען לעבען זיינעם האט ער נאר דורך איין פענסטער'ל גע־
קוקט...

געהט ארויף.

ת מ ר

בלייבט שטעהן אויף איהר ארט, שטארק פערטראכט.

נ ת ן

ווען אדלערס לאזען זיך אראב אויף דער ערד — דעמאלט מוזען
זיך מענשען אין די וועלדער בעהאלטען.

געהט ארויס.

ז י ז י

זיידע, איך געה אויך מיט דיר!

געהט ארויס אונטערטאנצענדיג.

ת מ ר

בלייבט אליין שטעהן פערטראכט.

צ ו ו י י ט ע ר   א ק ט.

אַ קליין, גרין בערגעל. רעכטס אַ שיטער סאָסנאָווער וועל־דעל, דורך וועלכען עס זעהען זיך אַרויס פּאַסען הימעל, פּור־פּור רויט פון זון־אונטערגאנג. לינקס, אַ גרויסער געדיכטער וואַלד. פון ווייטען זעהט מען נדב׳ס הויז ארומגערינגעלט מיט הויכע טאפּאליען.

נ ת ן

ווי ער וואָלט זיך ארויסגע׳גנב׳עט פון וואלד. שטעלט זיך אונטער אַ בוים און קוקט צום שטוב. שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ.

ביז צום טויט איז נאָך ווייט, און איך בין שוין אין וואלד פערוואָר־פען. תמר איז צווישען צוויי מאגנעטען, און זיזי איז נאָך אזוי יונג, אז צווישען די גרינגע בלעטער ווערט זי פערפאלען.

ז י ז י

בעווייזט זיך פאר׳ן שטוב.

נ ת ן

בעמערקט, ווינקט צו איהר.

זיזי! זיזי!

ז י ז י

בעמערקט נתן׳ען. זי לויפט צו איהם.

נ ת ן

זי איז נאָך גאָר יונג און אונשולדיג.

ז י ז י

לויפט און שרייט.

זיידע! זיידע!

נ ת ן

ניט שריי, ניט שריי אזוי, מיין קינד.

ז י ז י

וואו ביזטו געוועז, זיידע? איך האָב אזוי געבענקט נאָך דיר. כ׳האָב

דיך אומעטום געזוכט; צווישען אלע בוימער, אין אלע ווינקעלעך.

נ ת ן

גלעט איהר קאפ.

כ'האב דיך ליעב, מיין קינד, דו בענקסט...

ז י ז י

פארוואס ביזטו אוועק פון שטוב, זיידע?

נ ת ן

אין וואלד איז שעהנער. אין וואלד איז רוהיגער.. האסט דעם טא־טען דיינעם געזעהן, מיין קינד?

ז י ז י

ווילסט איהם זעהן? איך וועל איהם געהן רופען. גוט, זיידע? איך וועל איהם געהן רופען. תמר בענקט אויך נאך דיר. דער טאטע בענקט אויך. אלע בענקען. איך האב היינט שוין געוואלט וויינען.

נ ת ן

זיי בענקען.

זעצט זיך. שלעפט מיט זיך זיזי'ן.

ז י ז י

שרעקסט זיך אויך, זיידע? פאלג מיר, שרעק זיך ניט פאר איהם. ער איז אזא גוטער. פארוואס האב איך פאר איהם קיין מורא ניט? איך בין געזעסען אויף זיין האנד, און ער האט מיר א מעשה דער־צעהלט.

נ ת ן

וואס האט ער דיר דערצעהלט?

ז י ז י

איך געדענק שוין ניט, וואס ער האט מיר דערצעהלט... זאג מיר, זיידע, וואוהין וויל עס תמר לויפען?... וואס איז דער טאטע או־מעטיג?

נ ת ן

ניט פרעג. בעסער איז, אז דו ווייסט ניט, וואס ארום טהוט זיך.

מיין קינד, איך וועל דיך נעהמען אין וואלד, וועסטו הערען ווי די פויגעל זינגען...

ז י ז י

און איך וועל באלד אליין זינגען, ווי א פויגעלע זינגט.

זינגט, שטיפט מיט׳ן אַלטען.

נ ת ן

ווילד ביזטו, מיין קינד, ווי גאָר ניט צום ליידען האט גאָט בע־שאפען דיין גוף מיט דיין נשמה. ווי גאָר ניט פאר דער וועלט, ניט פאר די יאָהרען ביזטו געבאָרען געוואָרין.

ז י ז י

קוקט איהם אָן. רייסט גראָז און לעגט איהם אויס אויפ׳ן קאָפּ. נתן מערקט ניט.

נ ת ן

עס פיטערט זיך די סטאדע שאָף אין גרינעם טהאָל, זי געהט זוכען איהר חיונה אין דעם וויסטען מדבר — צי וויים זי דען, אז דאָרט שארפט פאר איהם א וואָלף זיינע צייהנער? צי זאָגט עס איהר דאָס הארץ?.. צי חלום׳ט עס איהר בעת זי דרעמעלט?...

ז י ז י

זיידע, צו מיר רעדסטו עס?

נ ת ן

צו דיר... צו זיך אליין... צום וואלד, צו די בוימער, צו דער ערד... עס רוהט דאָס קינד אין שטארקען שלאָף. צי וויים עס דען, אז די שטאָדט איז בעלעגערט? צי שפירט דען דאָס הארץ, אז פאר איהם שארפט זיך א שפיז? עס שטעהען די בוימער און קוקען מיט גאוה אין הימעל אריין... איך הער, אז מען שארפט שוין די זעג. איך הער, אז אין יענעם עק וואלד פאלען שוין שפענער.

ז י ז י

מען וועט דעם וואלד ניט האקען, איך זאָג דיר, אז מען וועט איהם ניט האקען!

נ ת ן

די כמארע, וואָס רוקט זיך אָן, איז גאָר ניט פון דער זייט, וואָס איך האָב גערעכענט, נאָר צי קאָן איך זי פערהאַלטען, ווען אפילו גרויס, ווי מיין האנד זאָל זי זיין...

ז י ז י

זיידע! איך געה אוועק פון דיר; איך לויף אהיים.

נ ת ן

ווען מען וויל זעהן די רעכטע שקיעה, דאַרף מען אין טהאָל ניט זיצען. מען טאָר אין טהאָל ניט זיצען. איך האָב שוין מיינע פיס אויסגערוהט. איצטער וועל איך פּרובען עטוואָס העכער זיך אויפצוהויבען. אויב איך וועל די רעכטע שקיעה זעהן, וועל איך וויסען וואָס פאַר א טאָג מאָרגען וועט זיין.

דער וואלד ווערט פערפלייצט מיט אַ פּורפּור־פאַרב פון דער שקיעה.

ז י ז י

אויפ'ן בארג, זיידע, מיינסטו? אויפ'ן בארג געה איך אויך מיט דיר. אָבער דו זאָלסט מיך דערנאָך פיהרען אהיים...

נ ת ן

אין מזרח־זייט איז שוין דער וואלד מיט א בלאָה־פאַרב אָבגעגאָסען — ניט ווייט איז שוין צו דער שקיעה...

הערט זיך צו.

ז י ז י

זאָג, זיידע, וואָס שרעקסט דו זיך? איך וועל מיט דיר ניט געהן, אויב דו שרעקסט זיך.

נ ת ן

איך געה מיט דיר.

ז י ז י

זיידע! זיי דו אַן אַלטער פּאַסטוך, און איך וועל זיין א קליינע, ווייסע שעפּסעלע; וואו דו וועסט געהן, וועל איך דיר נאָכלויפען. און טאָמער וועט מיר וועלען א וואָלף צורייסען, וועל איך זיך בעהאַל־

טען אונטער דיינע פּאָלעס, ווי א קליין שעפּסעלע, און איך וועל שרייען מע—מע—ע!

נ ת ן

הויבט זיך אויף.

קום, מיין קליין שעפּסעלע, קום, איך וועל דיר לערנען ווי אזוי פון א וואָלף זיך צו היטען. קום, איך וועל דיר לערנען, אז דו זאָלסט פון דער שקיעה פערשטעהן וואָס פאר א טאָג מאָרגען וועט זיין.

געהט אַוועק.

ז י ז י

שפּרינגט איהם נאָך און מעקעט ווי אַ יונג שעפּסעלע.

ת מ ר

געהט אַרויס פון שטוב און פערנעהמט זיך צום וואלד.

ה י מ ן

קומט אָן פון וואלד, און פערגעהט איהר דעם וועג.

ת מ ר

בעמערקט הימן׳ען, וויל איהם אויסמיידען.

ה י מ ן

וואַרט: ניט אייל זיך.

ת מ ר

לאָז מיך געהן מיין וועג.

ה י מ ן

וואוהין געהסט דו?

ת מ ר

איך געה אהין, וואו מיין נשמה רייסט זיך שוין אזוי לאַנג. די לעצטער מינוט איז אָנגעקומען. היינטיגע נאַכט מוז אלץ געשעהן. איך קאָן שוין מעהר ניט וואַרטען.

ה י מ ן

דיין פאָטער שיקט דיך?

ת מ י ר

דעם פאָטערס ווילען איז אויך מיינער. נאָר אויב אפילו ער זאָל

חרטה האָבען — צוריק וועל איך שוין ניט געהן. קיין זאך אין דער וועלט וועט מיר צוריק ניט טרייבען.

ה י מ ן

דיין פאָטער האָט דיך פערפיהרט, און אין מיטען וועג האָט ער דיך אליין געלאָזען. ער האָט מיט זיינע צארטע נעגעל דיין הארץ און וואונדען געמאכט... וואוהין טראָגסטו דיין לעבען?

ת מ ר

ניין, מיין פאָטער איז שטארק; נאָר אין זיין הארץ שפּיגלען זיך אָב פייער מיט וואסער אינאיינעם; אין זיין הארץ שפּיגלען זיך אָב די גרעסטע אונגליקען און שמערצען, דעריבער קאָן ער ניט רוהען. איך בין ווי מיין פאָטער, נאָר אין מיר פלאקערט נאָך די יוגענד אליין... יוגענד, און יסורים, ווי דער ים ווילד און ברייט. מיין הארץ האָט שטענדיג געליעבט, און געטראכט פון מיין פאָטער... וועלכער ליידט פאר אלעמען. מיין יונג בלוט שטורמט, זעהענדיג, ווי ביי איהם בייטען זיך די פארבען אין פּנים פאר יסורים. איך האָב מיט איהם געליטען צוזאמען... און איצטער וויים איך מעהר ניט איינס — דאָס, וואָס פון זיין הארצען האָב איך אויסגעשעפּט: איך דארף לויפען און פאלען צו די מענשענס פיס, און מיט טרעהרען בעטען: „ווארפט אייער אלטע ברודער־מלחמה!“ איך וועל אין זיי דער־וועקען א ים ליעבע און רחמנות. איך בין גרייט מיין ברוסט צו שטרעקען, מען זאָל זי מיט׳ן שפּיז דורכלעכערן. נאָר ניין! ס׳וועט קיין מאָל ניט זיין... דאָס הארץ, וואָס טראָגט פאר זיי ליעבע, וועלען זיי ניט ריהרען... קום אויך מיט מיר — קום. צי פיהלסטו גאָר ניט, וואָס איך רעד צו דיר?... קום, העלף מיר ברענגען אויף דער ערד דעם שעהנעם פריהמאָרגען.

ה י מ ן

קינד מיינס! ניט דו מיט דיינע טרעהרען וועסטו דעם שעהנעם פריהמאָרגען ברענגען.. ווען אפילו טויזענדער שוועסטער צו דיר זאָלען וויינען אָנהויבען, וועט דערפון מעהר ניט ווערען, ווי א טרויער־כאָר, צו דעם מיאוסען גסיסה־טאנץ. איך בין געקומען

דיין לעבען מציל זיין, ווייל דו ביזט אויסגעוואקסען אין דעם
נעסט, וואו איך האָב מיין יוגענד פערבראכט. קום מיט מיר!

ת מ ר

קוקט איהם אָן צושטריט אין די אויגען.

זאָג, וואָס האָט דיך געבראכט אַהער, אין דער מינוט? הינטער דיר
געהט דאָס אונגליק נאָך...

ה י מ ן

מיין הארץ האָט געבענקט. פערשטעהסט? אהער האָט עס גע־
בענקט... אלץ אין דער וועלט בענקט, נאָר ניט מיט א בענקעניש
פון א צופוילטען הערבסט־בלאט, וואָס רייסט זיך צו דער ער־
אין איהר שוים איינגאנצען צו דערפוילען, האָט מיין הארץ גע־
בענקט... עס בענקט דער שטראהל אויפ'ן זונען־ברוסט און רייסט
זיך אראָב, צו דעם שלאנקען ליליען־בעכער; עס בענקט די בלום
אין גרינעם טהאָל און ציהט זיך צו די שטראהלען אין הימעל
אריין. עס בענקט די גאנצע ערד צום הימעל. דאָס שעהנסטע
און דאָס רייכסטע אונטער'ן הימעל ווערט דורך בענקשאפט גע־
בויט... עס בענקט דער ריזיגער בארג, צורייסט זיך פאר בענקע־
ניש, און שליידערט שטיקער פון זיין ברענענדיג הארץ ביז אין הי־
מעל אריין, פערפלייצט מיט פייער די גאנצע געגענד ארום זיך...
מיין הארץ האָט געבענקט מיט ווילדען שטורם, וואָס פערטראָגט
ים'ען, און ברעכט אייביגע וועלדער...

ת מ ר

הער מיך אָבער אוים. איך וועל דיר אלץ דערצעהלען, הערסט, פון
וואנען איך געה. איך האָב זיך פער'גנב'עט הינטער'ן בארג, זעהן
פון ווייטען, וואָס עס טהוט זיך. נאָר דער ים פון טרויער גרייכט
שוין באלד אונזער בארג, עס טרינקען זיך מענשען אין זייער איי־
גען בלוט... ראנגלען זיך... הער, ווי שרעקליך עס איז. קום מיט
מיר, קום. אפשר האָט שוין דער פאָטער אויך חרטה געהאט. טאָ
קום־זשע דו מיט מיר. און אויב ניט, לאָז מיך, איך געה אליין. איך
וועל אליין געהן זינגען צווישען מענשען די אייביגע ליעד פון ליע־

בע. איך וועל זי פון מיין צוואוועהטאָגט־הארץ זינגען — לאָז מיך!

הימן

האַלט איהר האַנד פעסט צו זיין ברוסט געדריקט.

מיין קינד! הויך אין ברייטען ים, שטעהט איינזאם א שעהנער אינזעל... מיט טוי־פייכטע אויגען זיצט דאָרט דער יונגער קעניג אויף זיין הויכען שטאָלצען טראָהן און בענקט, און וואַרט — אויף דער יונגער הארצענס־קעניגין... אַנגעטהאָן אין איהרע גרינע קליידער שטעהט דאָרט די גאַנצע נאַטור איבערגעצויגען מיט א לייכטען שלייער און בענקט אינאיינעם מיט'ן יונגען קעניג. ער האָט די וועלען פערשוואָרען, זיי זאָלען איהם פון דער אונענדליכער ווייטקייט זיין געליעבטע ברענגען... טראָגען זיך די וועלען, איינער דעם אַנדערן איבעריאָגענדיג און צושלאָגען זיך מיט ליארעם אָן ברעג... זיי קאָנען זיין פערלאַנג ניט דערפילען... ער האָט בעגינען פאר'ן מאָרגענשטערן די לבנה בעשוואָרען, זי זאָל איהם זיין געליעבטע ברענגען... מיט א בלאַס פערשלייערט פּנים איז ווידער די לבנה אין מזרח־זייט אויפגעגאַנגען. זי האָט זיין בעגעהר ניט ערפילט... ער האָט ביי דער שקיעה די זון בעשוואָרען, זי זאָל איהם זיין געליעבטע אויפזוכען. — זעה, עס בלאָנדזען דאָ אום צווישען די בוימער די זונען־שטראַהלען... זיי זוכען די יונגע קעניגען. זעה, זיי זוכען דיך. פערלאָז דיין היים, דו יונגע קעניגען! ביז וואַנען דער לעצטער זונען־שטראַהל וועט זיך ניט אויסלעשען...

תמר

ווי הארט איז דיין הארץ! הארט און בייז. לאָז מיך! איך האָב מורא פאר דיר. געה אוועק: פערלאָז אונזער שטוב. איך האס דיך. אין דיינע אויגען ברענט א ווילדער פייער; איך האָב מורא פאר איהם.. לאָז מיך צוריק צו מיין פאָטער.

הימן

דיין פאָטערס ליעבע איז שוין לאַנג מיט גיפט צומישט... דיין פערלאַנג איז נאָך נארישער פאר זיינעם.

ת מ ר

איך האס דיך, ווי די בייזע שלאַנג. דיינע אויגען ברענען, ווי ביי א בייזער שלאַנג.

ה י מ ן

מיינע אויגען זענען בעלויכטען פון מיין הארצען, און מיין האַרץ איז בעלויכטען פון דער זון, וואָס געהט אויף יעדען טאָג אויף די שפּיצען פון די הויכסטע בערג, וואוהין וואָלקענס קאָנען זיך קיין מאָל ניט פערקלייבען...

ת מ ר

אָבער הער מיך אויס... הער, וואָס איך רעד צו דיר... צו קאָנסטו מיינע ווערטער ניט פערשטעהן? צי ווייסטו גאָרניט פון דעם, וואָס עס טהוט זיך ארום מיט די מענשען?... זייער נשמה רייסט זיך. עס פעהלט זיי ליעבע. עס פעהלט זיי רחמנות. מען דאַרף זיי עס נאָר דערמאָהנען, קום מיט מיר! די גאַנצע ערד וועט ליעבע און רחמנות איינהילען. הערסט, ווי מלאכים וועלען די מענשען ווערען.

ה י מ ן

רחמנות, כא — כא — כא! ווערים האָבען עס אויסגעקלערט... ליעגענדיג אונטער די פיס צוטראָטען, האָבען זיי מיט טרערען אין די אויגען געבעטען „רחמנות, רחמנות". וואָס ציהט דיך צו דער ערד? די ערד איז אונציכטיג. פאַלשע נביאים האָבען די ערד פערקוויטיגט, און צו איהר האָבען זיי צוגעשמידט דעם מענשענס נשמה, וואָס האָט זיך שטענדיג צום הימעל געריסען, — פאַלשע נביאים וועלען דיין ריינע נשמה אין דעם ערדישען שמוץ בעגראָבען. קום, איך וועל דיך פון דעם אָרט אוועקרייסען. זאָל דיין נשמה אויף דאָס־ניי געלייטערט ווערען...

ת מ ר

פערשטעהסט גאָר ניט, אז דער פריהמאָרגען, וואָס וועט מיט ליעבע און רחמנות די וועלט בעלייכטען קומט שוין אָן?

ה י מ ן

מיין קינד, ניט בלינדע מוילוואורפען מיט נעגעל וועלען ברענגען

דעם שעהנעם פריהמאָרגען! יענעם מאָרגען וועלען שאַפען מענ־שען — ביז׳ן הימעל שטאָלץ געוואַקסען, און זייער האַרץ וועט שטורמען פאַר בענקעניש. כאַ—כאַ—כאַ! ווערים קריכען־אום אַזן זוכען שטראַהלען פון לאַנג־אויסגעלאָשענע זונען — קלייבען פון בלאָטע געפאַלענע שטערען... יענעם מאָרגען וועט בעלייכטען אַ זון. וואָס דאָס לעבען אַליין האָט געשאַפען, יענעם לעבען וועט בעלויכ־טען אַ זון, וואָס דעם מענשענס האַרץ אַליין האָט בעשאַפען...

עס פאַלט אויף תמר׳ן אַ בונד שטראַהלען פון דער שקיעה.

ת מ ר

זעה ווי שעהן די זון פערגעהט היינט..

ה י מ ן

די שטראַהלען זוכען די יונגע קעניגין. זיי ווילען זי בעשיצען פון דער ווילד־בייזער נאַכט, וואָס רוקט זיך אָן אויף דער געגענד...

ת מ ר

נעכטען איז אַ לבנה־נאַכט געווען. איך האָב זיך שטיל אַרויסגע־שלייכט דורכ׳ן פענסטער, זעהן וואָס עס טהוט זיך. מיך האָבען ניט געלאָזט שלאָפען מיין פאָטערס אונרוהיגע טריט. איך בין פער־גאַנגען ווייט פון אונזער שטוב, אפשר וועל איך אין לופט מערקען דעם בייזען סוד, וואָס לאָזט ניט מיין פאָטער אויף אַ מינוט די אויגען צומאַכען. נאָר שטיל איז געווען... איך בין פערגאַנגען אַזש צום טהאָל, אונטער׳ן וואַלד, און האָב מיך דאָרט שטיל אַני־דערגעזעצט. פּלוצלונג האָט זיך אַ לייכטער בלאָהער נעבעל פון דעם טהאָל אויפגעהויבען, ער איז אַלץ געוואַקסען און געוואַקסען. ער האָט מיט אַ דינעם דורכזיכטיגען שלייער אַרומגענומען דעם גאַנצען רוים. און הימעל מיט ערד האָבען איינס אויסגעזעהען. איך האָב ניט געשפּירט, וואו איך געפין זיך — צי אויפ׳ן הימעל, אָדער אויף דער ערד... פּלוצלינג האָט זיך דורכגעטראָגען אַ ווינטעל — דער בלאָהער נעבעל־שלייער איז פערשוואונדען געוואָרען, און איך האָב געשפּירט, אַז כ׳ליעג אויפ׳ן הימעל, אָדער דער הימעל האָט זיך ביז צו דער ערד אַראָבגעבויגען... דורך, אַרום מיר, ווי ווייט

כ׳האָב מיט אַן אויג פערוואָרפען, זענען געווען צוזייהט פינקעלדיגע שטערן. היינט וועט אויך אַזאַ נאַכט זיין...

ה י מ ן

קאָנסטו מיר אפשר וואָס ווייטער דערצעהלען?

ת מ ר

ניין! מעהר וועל איך נים! לאָז מיך צורוה!... דו צורייסט מיר דאָס הארץ מיט דיינע נעגעל. פאָטער מיינער! ליעבער פאָטער!... איך הער דיין קול... איך געה שוין.. ווי ליעב איך דיך!... ווי האָס איך דיך!... מילדער קוק אין מיינע אויגען. איך וועל דיר אַלץ דערצעהלען... איך קאָן ניט! איך קאָן ניט... לאָזט זיך אַראָב צו זיינע פיס. פאָטער מיינער! איך געה שוין!...

ה י מ ן

דערצעהל מיר, דערצעהל מיר ווייטער, קינד מיינס.

ת מ ר

רעדט ווי פון חלום.

איך בין געזעסען אין טהאָל. איך האָב געוואָלט הערען, וואָס פאַר א קולות עס טראָגען זיך פון ווייטען. האָט מיר ווי א זיסער שלאָף מיינע ברעמען געגלעט... איך האָב געטרוימט... מיינע אויגען זע־נען געווען אָפען... דער פאָטער איז געזעסען און געשריבען, און איך בין שטיל געזעסען אין ווינקעל, און געקוקט פון ווייטען אין זיינע אויגען. זיי האָבען געבליצט פון יעדען נייעם געדאַנק, וואָס איז דורכגעפלויגען ביי איהם אין קאָפּ. שטיל, שטיל האָט זיך די טיר געעפענט, און א שנע־ווייסע האַנד האָט זיך אין איהר בע־וויזען. זי האָט צו מיר געוואונקען... געוואונקען.. וועמענס האַנ־ד׳איז געווען — ווייס איך ניט. דאָס ערשטע מאָל האָב איך אַזאַ לויטער־קלאָרע האַנד געזעהן. איך בין ניט־ווילענדיג פון שטוב ארויסגעגאַנגען... און ווידער האָב איך די האַנד אין לופט בע־מערקט... זי האָט מיר געוואונקען, איך זאָל געהן אהין.. איך בין געגאַנגען... איך בין געגאַנגען.. די האַנד איז פערשוואונדען גע־וואָרען, און אויף איהר אָרט זענען א פּאָר פייערדיגע אויגען אויס־

געוואקסען... פון זיי האָבען שטראהלען געצויגען, מיר דאָס פּנים געגלעט... זיי האָבען צו מיר געוואונקען, איך זאָל געהן... איך בין אָזש צום בארג פערגאנגען, דאָרט אויף יענער זייט וואלד... די אויגען זענען פערשוואונדען געוואָרען... איך בין איינע אליין זיצען געבליבען... אויף מיר איז א מורא׳דיגע בענקעניש אָנגעפאלען. איך האָב געמיינט, אז דאָס הארץ מיינס ווערט אין מיר אינגאנצען צוריסען... לאָז מיך אָב!... וואו האָסטו מיך פערפיהרט? דו טרעטסט מיין הארץ מיט דיינע פיס... לאָז מיך!..

ה י מ ן

דיין צוטראָטען הארץ וויל איך גאנץ מאַכען...

ת מ ר

האָב רחמנות אויף מיר! לאָז מיך געהן צו די אונגליקליכע מענשען... נייע־געבאָרענע, נאַקעטע עופ׳עלעך ליעגען אין די וויגען און וויינען יאָמערליך, רופען די מאמען, שרייען: מאמע!... מאמע!... די מענשען בלאָנדזען אום, בעטען ליעבע, רחמנות. בלאָנדזען, אָהן טאַטע־מאמע — יתומים... א גאנצע וועלט יתומים. איך לויף צו אייך. שוין, שוין — איך געה. איך טראָג פאר אייך מיין הארץ, וואָס איז פול מיט ליעבע און צורייסט זיך פאר ליעבע... לאָז מיך! לאָז מיך!...

ה י מ ן

שטיל.

וואָס ווייטער, דערצעהל...

ת מ ר

אין אונמאַכט.

ס׳איז זעהר א שווערער וואָלקען ארויסגעשוואומען פון מערב־זייט. ווי פון דער ערד איז ער ארויסגעשוואומען... ער האָט זיך געטראָגען גלייך אויף אונזער שטוב. אונזער שטוב איז אין פינסטערען וואָלקען פערזונקען געוואָרען... ס׳האָט מיך אָנגעכאפּט א גרויס פּחד פאר מיין פאָטער, און מיט ביטערע טרערען האָב איך זיך געלאָזט לויפען אהיים, ראטעווען מיין פאָטער... און אויף דעם

אָרט פון אַ־נזער שטוב האָב איך אַ שטיק גרוי־שוואַרצען וואָלקען געפונען — פאָטער טייערער! פאָטער ליעבער! — האָב איך גע־יאָמערט.

ה י מ ן

ער איז אונטער דעם שווערען וואָלקען פערזונקען געוואָרען?

ת מ ר

ניין! ניין! מיין פאָטערס קול, מונטער און שטאַרק ווי שטענדיג, האָט פון אונטער דעם שוואַרצען וואָלקען געשאַלט: „דעם נביא האָט מען פאַר זיין לעבען מיט שטיינער פערוואָרפען, נאָר זיינע ווערטער האָבען זיך ווי פייערדיגע פיילען געטראָגען אין לופטען און האָבען געברענט די זינדיגע הערצער. דעם נביא האָט מען פון שטאָדט אין דעם מדבר פערטריבען, נאָר זיינע אויגען, פון וואַנען ס'האָט געשאָסען דער געטליכער פייער איז צווישען די מענשען געבליבען... זיי בלאָנדזען אום צווישען מענשען, און די מענשען לויפען פון זיי דעם גאַנצען לעבען!“... ווי הייסע פלאַמען האָבען די ווערטער דורכגעשניטען דעם פינסטערען וואָלקען, זיי האָבען זיך גלייך צום הימעל געטראָגען.. פאָטער מיינער! פאָטער מיי־נער! — האָב איך געשריען — איך בין דיין קינד, און דו ביזט מיין פאָטער!... שיק מיך אין פייער — וועל איך געהן: איז וואַסער — וועל איך לויפען... און איך האָב זיך אין דעם פינסטערען וואָל־קען אריינגעוואָרפען...

ה י מ ן

און אויפגעוואַכט?

ת מ ר

ניין; כ'בין גאָר ניט געשלאָפען, איך בין ניט געשלאָפען. דאָס האָב איך וועגען ליעבע און רחמנות געטרוימט... איך וויל מיט מיין לע־בען דאָס אייביגע לעבען פאַר די מענשען שאַפען... איך געה שוין!

ה י מ ן

איך לאָז דיך. נאָר הער וואָס וועגען דעם לעבען...

ת מ ר

קיינער וועט מיך ניט איינהאלטען...

ה י מ ן

זעה, די זון איז שוין פערגאנגען. ס׳ווערט פינסטער ארום... ס׳געהט די בייזע נאכט, וואָס מענשען וועלען איינגאנצען פערבלאָנדזשעט ווערען. אָנשטאָט דעם צווייטען — וועט דער מענש נור זיך אליין זעהן, אָנשטאָט דעם שפּיז צו שטעכען זיין ליעבען חבר אין ברוסט, וועט ער מיט איהם זיין אייגען הארץ דורכלעכערן... לאַנג וועט די נאכט דויערן... איצטער איז ניט מעהר ווי צווישען טאָג און נאכט. לאַנג וועט זי דויערן, ביז דער לעצטער אָרימער מענש וועט ניט פערטיליגט ווערען... ביז דער לעצטער וועט ניט, ווי א מיאוסער וואָרים פון זיין ברודער צוטראָטען ווערען... דער טאָג, וואָס ווייזט זיך, איז ניט מעהר ווי אן אָבשפּיגלונג פון א ווייטען חלום... דאָס שפּיגלען זיך אָב שטראהלען פון דער זון, וואָס האָט נאָר אמאָל אין די אלטע צייטען זיך בעוויזען. היינט גיסט־זיך איהר אמת׳ע ליכט אין דעם אָרט, וואו דעם מענשענס הארץ, וואו דעם מענשענס מוח וואגט ניט צו חלום׳ען וועגען איהם... און ווען עס פערבלאָנ־זשעט אהער א שטראהל פון אייביגען לעבען, פאלט ער ארויף איי־נעם פון די טויזענדער ניי־געבאָרענע אונשולדיגע מענשען־קינדער... דורך די שטראהלען וואקסען איהם אויס אָדלער־פליגעל. און ניט בעמערקענדיג טראָגט ער זיך פון דער ערד אוועק...

ת מ ר

וואוהין?

ה י מ ן

אהין... צו דער גרויסער אָדלער־נעסט. יאָהרען־לאַנג וואקסט די גרויזאמע ממשלה פאר דער ערד — די אָדלער־ממשלה... ניט קיין אָדלערס, וואָס שמאכען נאָך פגירות, וואָס דורשטען מיט תאוה נאָכ׳ן ריח פון בלוט... אָדלערס, וואָס וועלען אויף זייערע פליגלען ברענגען דאָס אמת׳ע ליכט... דאָס ליכט, וואָס וועט די נאכט פער־

טרייבען, און וועט לייכטען ביז אין דער אונענדליכקייט... מיין קינד! קלייב־זיך־אוים!

תמר

רייבט די אויגען, ווי זי וואָלט אויפגעוואכט פון אַ שטאַרקען חלום. קוקט זיך אַרום צושטרייט. שעפּטשעט צו זיך אַליין.

איך האָב פערשלאָפען. איך האָב פערשפּעטיגט. דאָרט וואַרט מען אויף מיין ליעבע. ס'איז נאָך צייט! איך געה צו אייך!... איך לויף!

לויפט אַוועק אין וואלד.

הימן

כ'וועל געגען איהר ווילען, דאָס לעבען איהרס מציל זיין... לאָזט זיך נאָך איהרע טריט. ס'וערט פינסטערער. פון ווייטען דורכ'ן וואלד טראָגט זיך אַ קלאַנג פון אַ קירכען־גלאָק, און ווערט ווידער שטיל. פון וואלד רעכטס געהט איילענדיג אַ יונגע פרוי, וואַרפט צושראָקענע בליקען אַרום. זי טוליעט צום האַרצען אַ קינד, ווי זי וואָלט עס וועלען בעשיצען. זי ווערט פערשוואונדען. ס'לויפט דורך אַ מענש, ס'זעהט זיך אוים, ווי ער וואָלט זוכען אַן אָרט, וואו זיך צו בעהאַלטען. ס'טראָגט זיך אַן אונרוהיגער צווייענדיגער קלאַנג פון אַ קירכען־גלאָק. ס'בעווייזט זיך צווישען די בוימער רעכטס אַן אַלטער מאַן, שטאָלפּערט אויף צוויי לאַנגע שטעקענס. ער ווערט שנעל פערשוואונדען לינקס אין וואַלד.. אין איין געלויף צושראָקען, שלייכט זיך דורך אַ יונגע מויד, און בעמערקענדיג די שטוב פון ווייטען, בלייבט זי שטעהן אַ ווייל, ווי זי וואָלט זיך מיט זיך מישב זיין... פערשווינדט, ס'ווערט פינסטער ווייטע, אונרוהיגע קלאַנגען פון קירכען־גלאָקען ווערען אָפטער אין לופט. א ווינד רייסט זיך אַריין אין וואלד. און ס'ווערט אַ בעוועגונג צווישען די בוימער.

דריטער אקט.

א פינסטערע נאכט. ס'טראָגען זיך שווערע כמאַרעס איינע אויף דער אַנדערער... פון די אָפטע בליצען ווערט פון צייט צו צייט בעלויכטען די גאַנצע געגענד און עס זעהט זיך א בערגעל, און לינקס א וואלד. א ווינד בעוועגט פון צייט צו צייט די בוימער. אָפטמאָל טראָגט זיך דורך א ווידער־קול פון ווייטע געשרייען.

נתן און זיזי

זיצעןביידע אויפ'ן בערגעל.

נתן

זעהסט, ווי שעהן עס איז ביי נאכט גאָטס וועלט?

זיזי

ניין, זיידע, דאָס איז ניט שעהן. ס'איז פינסטער... באלד וועט נאָך געהן א גרויסער רעגען. מיר טהוען שוין וועה מיינע פיס;— איך וויל, דו זאָלסט מיך שוין פיהרען אהיים.

נתן

אהיים טאָר מען ניט געהן. ס'איז א מורא איצטער אין דער היים צו בלייבען. נאָר נעבען מיין פאָלע זאָלסטו זיך האלטען. און איך וועל ניט לאָזען, אז מען זאָל דיך רויבען פון מיר...

זיזי

וואו קאָן איצטער זיין דער טאַטע, תמר?

נתן

דאָס הארץ זאָגט מיר, אז היינטיגע נאכט דארף עס אלץ געשעהן.

זיזי

וואָס איז געשעהען? ווייסט, זיידע, איך טראכט עפּעס.

נתן

וואָס, מיין קינד?

ז י ז י

איך טראַכט, אַז זי איז ערגעץ ווייט, ווייט אַוועקגעלאָפען, און דאָרטען וועט מען איהר...

נ ת ן

ניט רעד עס אויס פון מויל.

ז י ז י

טאַ פאַרוואָס גערסטו מיט מיר אום אין די פעלדער ?

נ ת ן

דו בענקסט אַהיים ?

ז י ז י

איך בענק, איך האָב מורא. פאַרוואָס אַנטלויפסטו אַלץ פון דער היים, און דו ווילסט מיך אויך פערפיהרען ? מיינסט, איך פערשטעה ניט, אַז דו האָסט אויך מורא, דו פערנאַרסט מיך...

נ ת ן

איך וויל דיך פון דער היים אָבגעוואוינען, דו זאָלסט זיך צוגעוועהנען צום וואַלד.

ז י ז י

מיר וועלען דאָרטען לעבען ווי די פויגעלעך ?

נ ת ן

מיר וועלען דאָרט לעבען ווי אַלע גאָטס בעשעפענישען. קום, מיין קינד.

ז י ז י

מיר וועלען דאָרט אויסוואַקסען הויך ווי די ביימער ?

נ ת ן

דו וועסט דאָרט אויפוואַקסען ריין און אונשולדיג ווי אַ טויב.

ז י ז י

און אין שטוב וועסטו ניט געהן ?

נ ת ן

דאָס אונגליק האָט זיך אָנגערוקט אויף אונזער שטוב...

ז י ז י

טאָ פאַרוואָס זאָגסטו ווע‍לען מיר זיך דאַרפען אין וואַלד בעהאַל־
טען ? !

נ ת ן

ס'וועט זיין אַ מורא צו וואָהנען אין שטוב.

ז י ז י

פאַרוואָס וועט זיין אַ מורא צו זיין אין שטוב ?

נ ת ן

ס'יועט זיין אַ מורא צו טרעפען זיך מיט נאָך אַ מענשען.

ז י ז י

און איך וועל אין וואַלד מיט דיר ניט געהן. איך וועל ניט געהן. אין וואַלד זענען פאַרהאַן וועלף.

נ ת ן

אין וואַלד וועט דיך קיינער ניט ריהרען. הערסט, ווי עס זינגען דאָרט די פויגלעך ? קום, וועסטו זעהן, ווי עס הענגען דאָרט די נעסטען, אָנגעבונדען צו די צווייגען, און דער ווינד הוידעט זיי... וועסט זעהן, דאָרט זיצען קליינע עופ'על‍אך; זיי האָבען גאָר קיין מורא ניט.

ז י ז י

וועלען מיר שוין היינטיגע נאַכט ניט געהן אהיים ?

נ ת ן

פערבלאָנדזשעטע פון מיר מיינע קינדער...

ז י ז י

וועט ביין טאַטען און ביי תמר'ן אויך אויסוואַקסען צייהנער ווי ביי אַ וואָלף ?

נ ת ן

ניט פרעג עס מיך, מיין קינד ! דאָס האַרץ ציטערט מיר אויף. דאָס בלוט קיהלט אין מיינע אָדערן. עס הערט זיך אַ ווייטער מורמלען פון אַ דונער. דאָס איז די ערשטע בשורה... קינדער האָב איך געהאַ־ דעוועט ! בוימער האָב איך געפלאַנצט, מיט טוי פון הימעל דער־

צויגען — וואָס פאַר א ווינד טריקענט זייערע וואָרצלען?... וואָס פאַר א ווינד ברעכט מיינע צווייגען?

ז י ז י

פיהר מיך אהיים!

נ ת ן

נאַריש קינד, איך בין דאָך מיט דיר.

ז י ז י

אין וואַלד וועלען מיר זיך אויפמאַכען א גרויסען נעסט, אויף א הויכען, הויכען בוים, און מיר וועלען דאָרטען זיצען. איך וועל דיר העלפען ארויפצוקריכען.

נ ת ן

אַט אזוי, מיין קינד.

ז י ז י

אָבער היינט וועלען מיר נאָך געהן אהיים. איך וויל נאָך אמאָל זעהן דעם טאַטען, תמר'ן.

נ ת ן

קיינער איז אין דער היים ניטאָ.

ז י ז י

זיידע, דו נאַרסט מיך, דו נאַרסט מיך! פיהר מיך אהיים, אויב ניט וועל איך דיך אליין לאָזען, און איך וועל לויפען אהיים; איך וועל טרעפען דעם וועג אַהין דיר.

נ ת ן

א שלאַנג האָב איך אין מיין אייגענעם בוזעם געהאָדעוועט, איצטער ליגט זי נעבען אונזער שטוב. וועסט געהן אליין אַהין מיר, וועט דיך א בייזע שלאַנג אויפ'ן וועג איינבייסען.

ז י ז י

זעהסט, עס בליצט שטאַרקער... דער הימעל איז נאָך שוואַרצער געוואָרען... תמר! תמר!

נ ת ן

שווייג, מען זאָל זיך ניט דערוויסען, אז מיר זיצען דאָ.

ז י ז י

בלייבט גאָר שטיל. די כמאַרע ווערט שטאַרקער.

נ ת ן

איינזאם, ווי אן אָבגעהאקטער בוים מיט איינגעבראָכענע צווייגען...

ז י ז י

דו האָסט אויך מורא. קום, איך וועל דיך פיהרען.

פון ווייטען טראָגען זיך איינזאמע קולות.

נ ת ן

מענשען־קולות. מענשען־חיות...

ז י ז י

ת—מר! ת—מר!

די קולות ווערען אַלץ נעהנטער.

נ ת ן

דעם וועג מוז איך אָבטרעטען.

ס'בליצט.

ז י ז י

ת—מר! ת—מר!

נ ת ן

נעהמט זיזי'ן פאר'ן האַנד.

קום מיט מיר, מיין קינד.

ז י ז י

כ'האָב מורא, לאָז מיך גאָר אליין.

נ ת ן

קום, מיין קינד, קום גיכער פון דאנען...

ז י ז י

לאָז מיך, לאָז מיך!

נ ת ן

קום, איך וועל דיך בעשיצען... קום מיט מיר.

ז י ז י

לאָז מיך, לאָז מיך...

רייסט זיך פון איהם אַרויס.

נ ת ן

ביזט שטאַרקער פון מיר...

גערט אַליין אַוועק איילענדיג צום וואַלד.

ז י ז י

בלייבט אַליין שטעהן אַ צייט. הויבט־אָן וויינען. ס׳מורמעלט אַ דונער. אונטער דער בעלויכטונג פון אַ בליץ בעוויזט זיך אויפ׳ן באַרג ה י מ ן; טראָגט אויף די הענד תמר׳ן.

ז י ז י

כ׳האָב מורא, ווער איז עס?

ה י מ ן

אַט איז דיין שוועסטער.

ת מ ר

שוואַך.

שוועסטער... לאָז מיך אַראָב, לעג מיך אויף דער ערד, ווייטער וויל איך ניט זאָלסט מיך טראָגען... לעג מיך אויף דער ערד.

ז י ז י

וויינט.

תמר!... תמר!

ת מ ר

ווי קומסטו אהער, מיין ליעב קינד?

ה י מ ן

ווי קומט זי אהער אין אזא בייזע נאַכט?

ת מ ר

לעג מיך אויף דער ערד.

ה י מ ן

צו זיזי׳ן.

שרעק זיך ניט, סט׳געהן מיט מיר.

ת מ ר

אויף דער ערד...

ז י ז י

ווײנט אין דער שטיל.

ה י מ ן

ווײן ניט. דײן לעבען הויבט זיך נאָך אָן.

ת מ ר

לאָז מיך ליגען אויף דער ערד... לאָז מיך שטאַרבען ביז מײן פאָ־טער וועט קומען... איך זאָל זײן טרויער ניט זעהן.

ה י מ ן

לעגט זי אויף דער ערד.

קום, איך וועל דיך אויף מײנע הענד אַרויפטראָגען אַהין, ווײט פון דײן פאָטערס שטוב, קום — אונטער'ן באַרג וואַרט דאָס לעבען אויף דיר...

ת מ ר

זעץ זיך נעבען מיר, גיב מיר דײנע הענד... כל זמן עס קלאַפּט אן אָדער, וועל איך דיך בעשיצען...

ז י ז י

בויגט זיך אַראָב צו תמר'ן, נעהמט זי אַרום.

ת מ ר

וואו איז דער פאָטער?

ז י ז י

כ'ווײס ניט.

ת מ ר

האָסט איהם ניט געזעהן?

ז י ז י

נײן.

ת מ ר

וואו איז דער זײדע?

ז י ז י

ער איז ערגעץ ווײט, ווײט פון דאַנען — אין וואַלד, ער האָט מיך

ניט געלאָזט געהן אהיים... ער האָט מיך אויך געוואָלט מיטנעהמען אין וואלד, האָב איך זיך ניט געלאָזען.

תמר

זיידע! זיידע! טראָג מיך צום פאָטער מיינעם... ניין, איך וויל ניט... טראָג מיך ניט. וועה, עס קומט דער סוף... געה... שטארבען וויל איך אליין... כ׳וויל ניט, זאָלסט הערען מיינע ווערטער.. כ׳וויל ניט, זאָלסט לאכען פון מיינע ווערטער...

היימן

איך וועל ניט לאכען, און וועל ניט וויינען.

תמר

כ׳האָב אויסגעשפרייט מיינע אָרעמס... געמיינט, די גאנצע וועלט וועלען זיי ארומנעהמען.

זיזי

ווער האָט דיר געטהאָן? זאָג מיר, ווער האָט דיר געטהאָן?

היימן

כ׳בין פון ווייטען געשטאנען, און פאר צאָרן האָט מיין הארץ געפלאמט. דאָס האָבען זיי דיר פאר ליעבע דעם פנים צוביסען, און פאר ליעבע מיט די פיס געטראָטען...

תמר

כ׳בין געלאָפען... געבעטען — „זעהט, עס וואלגערען זיך אייערע אייגענע קראנקע קינדער; איין וועלט פאר אלעמען... איין זון פאר אלעמען"... — קיינער ט׳ניט געהערט...

זיזי

עפעס ברומט...

תמר

אלץ נעהנטער... אלץ נעהנטער...

היימן

מיין קינד, בערענק זיך!

זיזי

כ׳האָב מורא...

ת מ ר

מיין אונגליקליכע שוועסטער... כ׳בין געלאָפּען, געשריען—מענ־שען, מענשען... ווער האָט אין אייער הארץ שנאה געפלאַנצט? ווער האָט אין אייער האנד א שפּיז געגעבען? פינסטער ווערט אויף דער וועלט... האלט־אָב!... רחמנות... רחמנות... רח—מנות..

ה י מ ן

שטיל.

כאַ־כאַ־כא — ליעבע, רחמנות...

ת מ ר

הויבט זיך אויף, און פאלט.

געה אוועק... אוועק... אוועק!... צוריק ל׳איך געהן... נאָר נישט דו... ביי דיר ל׳איך קיין רחמנות ניט בעטען... כ׳האס דיך... כ׳האס דיך... ניין... כ׳האָב אויף דיר אויך רחמנות. אויף אלעמען... מיין פאָטער... ווי זיצט ער נאָך אזוי שפּעט אין שטוב? וואו איז ער אזוי שפּעט? האָט זיין הארץ אויך א שפּיז דורכגעלעכערט? מענ־שען! שעהנט מיין פאָטער... ער טראָגט פאר אייך זיין הארץ... שעהנט איהם!... ער האָט פאר אייך דעם אמת׳ן וועג געפונען.. ער האָט איהם גע—פו—נען... נאריש... נאריש... נאַ—ריש...

ה י מ ן

שטיל.

אמת... אמת...

ת מ י ר

ניין! ניט איך רעד עס! ניין! ניט איך... ביז דער לעצטער מי־נוט... מיט די לעצטע כחות... וועל איך שרייען... רחמנות... רח—מ—נות... ליע—בע... ליע—בע...

רייסט זיך אָב.

ז י ז י

וויינט שטיל.

ת—מר... ת—מר... ת—מר..

הימן

דו וועסט מיט מיר געהן.... האב קיין מורא ניט. איך וועל דיך מיטנעהמען.

זיזי

זיידע! זיידע! ת—מר... שטעה אויף!... תמר, שטעה אויף!

עס טראָגט זיך פון ווייטען אַ קול: „קינ—דער מיינע! טאָכ—טער מיינע!".

זיזי

תמר, תמר, דער טאַטע געהט!

הימן

נארישער ברודער! נארישער מענש!

דער קול

גאָר נאָהענט.

טאָכטער מיינע! איך געה אויף מיט דיר... שטעה, שטעה!

זיזי

טאַטע, אַט בין איך! תמר... תמר!

זי וויינט. עס דונערט. נדב בעווייזט זיך.

נדב

אַלע זענט איהר דאָ?

הימן

דיין אינגסטע קינד און דיין ברודער.

נדב

וואו איז מיין קינד?

הימן

דיין קינד האָבען די ליעבע מענשען צוטראָטען... איהר הארץ האָבען גראָבע הענד צוריסען — אַט ליעגט זי.

נדב

מיין טאָכטער....

איך האָב זי אויף מיינע הענד פון בלאָטע ארויסגעטראָגען...

נדב

שטעהט צושטריים.

מיין ברייטער וועג, אויף וועלכען איך בין אזוי זיכער געגאנגען, האָט זיך אויף צווייען צוטיילט. וואוהין זאָל איך געהן? רחמנות איז אין ים פון מענשען־בלוט דערטרונקען געוואָרען... ווי א גרויסער שטיין ביזטו, מיין קינד, אויף מיין וועג געפאלען — איך קאָן דיך ניט אויסמיידען... ווייטער מיט דעם וועג קאָן איך ניט געהן.

פאלט אויף תמר׳ס טויטען קערפער. מיין קינד! דו האָסט דאָס בעסטע פון מיין הארצען מיט זיך פערנומען... און צוריק ניט געבראכט... האָסט דאָס שעהנסטע פון מיין נשמה אין דער פינסטערער נאכט פערלאָרען... האָסט זיך ווי אן אונשולדיגער שטראהל פון דעם בייזען ווינד פערלאָשען.

בלייבט ליעגען שטיל אויף תמר׳ס טויטען קערפער.

זיזי

טאַטע, טאטע! פיהר מיך אהיים.

הימן

דער אמת... נאָר דו וועסט מיט דעם וועג ניט געהן... הער, מיין ברודער! כ׳האָב געשטומט, כל זמן ס׳האָט געקלאפט דער לעצטער אָדער פון לעבען אין דעם הארצען, צוליעב וועלכען איך האָב זיך אזוי נידריג אראבגעלאָזען... איצטער וועל איך איבערשרייען דיין לעצטען געדאנק, וואָס איז דער ערשטער געוועזען, און וואָס האָט דיין קינד פאר א קרבן געבראכט... כ׳וועל איבערשרייען דעם קול פון דיין הארצען, וואָס רופט דיך אויף דיין אלטען נארישען וועג... און אויב דו ליעגסט שוין טויט אויף דיין קינדס קאלטען קערפער — וועט דער לעצטער פונק ווארימקייט, וואָס גליהט נאָך וואו פערבאָרגען אין דיר, מיך הערען... הער! נארישער ברודער! אין זייער אייגען בלוט וועלען די מענשען אויף דער ערד דערטרונקען ווערען... דער לעצטער וועט זיין אייגען פלייש פאר ווילדען הונגער עסען, און זיין אייגען בלוט פאר טייוועלשען דאָרשט טרינקען — היט זיך, אז דו זאָלסט דער לעצטער ניט זיין!

זיזי

ציטערט.

טאַטע!... טאַטע!...

נ ד ב

הויבט זיך. זיין שטים קלינגט העל און פריי.

ווען דער טרויער גרייכט דעם לעצטען גרעניץ; ווען די יסורים פון הארצען שטייגען איבער דעם מענשליכען כח — מוז זיך דער אמת בעווייזען... האלטענדיג מיין קאָפּ אויף מיין קינדס קאלטען קערפּער, האָט זיך פאר מיר בעוויזען א ליכטיגער שטראהל — דער אמת אליין... איך האָב דיינע ווערטער ניט געהערט. זיי האָט דער ווינד פערטראָגען; זיי האָט די נאכט פערשלונגען... איך געה באלד, איך געה!... הימעל און ערד האָבען זיך אינאיינעם געמישט; שטערן וואלגערען זיך אין בלאָטע, און ווערען מיט פרעכע פים געטראַטען... איבערגערוקט האָט זיך דאָס הארץ ביי דער יוגענד, און די עלטער איז פעראירט... איבערגערוקט האָט מען די גרענעצען, וואָס דער אלטער גאָט האָט געשטעלט, און די נייע זענען ניט אויף זייער אָרט געבויט... עס האָבען זיך די מענשען פון דער ערד אָבגעריסען, און קאָנען ניט צום הימעל זיך פערקלייבען... עס קנאַלען די דונערען. דער הימעל דונערט, די ערד ציטערט אויף; בערג ברעכען זיך... פייער מיט וואסער פליסען, און גיסען זיך אינאיינעם... עס בעווייזט זיך ווידער אויף דער ערד דער אלטער גאָט. ער קליידט די וועלט מיט ליכטיגקייט אָן... עס געהען פאָראויס זיינע שלוחים, זיי רייטען אויף די פליגלען פון ווינד... מיין גאָט — איך געה. איך געה!

עס ענטפערט אָב אַן עכאָ פון ווייטען: „געה!“.

ה י מ ן

ניט מיין גאָט רופט...

ז י ז י

ציטערט. שטעהט ערשטוינט. עס רייסט זיך דער ווינד אין וואלד. דער גאַנצער וואלד בעוועגט זיך.

נ ד ב

איך הער זיין קול, ער שאלט, ער רופט צו מיר... עס דונערט גאָטס

קול פון איין עק לעבען ביז צום אנדערען... אין פיבער ווערט ווידער דעם מענשענס הארץ בעצוואונגען... איך הער דעם קול... ער רופט: „האלט אָב איהר, מענשען, אייער אייבינגע מלחמה! קלאָר דער מות! — ווייך זאָל ווערען דאָס הארץ“. — מיין גאָט, איך געה! איך געה!

אָן עכאָ פון וויטען: „געה!“, „געה!“.

הימן

ניט מיין גאָט רופט עס...

גדב

איך הער, מיין גאָט!... איך הער!!...

א ווידער קול

הער! הער!

ס'הייבט אָן אַ שטורם רייסען אין וואלד.

נדב

פירכט אייך, פירכט אייך, איהר אלע קינדער פון דער ערד. ס'געהט דאָס פייער און ברענט מיט צאָרן דאָס הארץ, פון וואנען עס וואקסט די שלעכטס ארוים; ס'ציהט א וואָלקען און טראָגט זיינע פייער־בליצען — אויף דעם קאָפּ פון די פעראירטע ט'ער זיין צאָרען אויס־ניסען... דער שטורם ווערט נאָך שטאַרקער, ס'פייפט. דער וואלד קרעכצט. נדב'ס קול ווערט אלץ מעכטיגער. פירכט אייך, פירכט אייך! ס'געהט דער גאָט, ער פערשפרייט זיינע פליגעל אויף דער גאנצער ערד! ער הילט איין אין שרעק בארג און טהאָל... כורעים פאלען די מענ־שען־קינדער!... דאָס אויער ווארט אויף גאָטס בעפעהל... מיין גאָט, איך געה!... איך געה!..

לויפט אראָב און פערשווינדט הינטער'ן בארג.

זיזי

שטעהט נאָך אלץ ערשטוינט.

הימן

קוקט נאָך גדב'ן.

כא־כא־כא! פאר וועמען איז ער אוועק א גאָט זוכען! פיש שלימ־

גען איין איינער דעם אנדערען, אבער ניט לייבען, וואָס וואַקסען
אין דעם פרייען מדבר. זאָלען מענשען ווי לייבען שטארק ווערען.

ז י ז י

ווײנט.

טאַטע! טאַטע!

ה י מ ן

נעהמט זי פאר׳ן האַנד.

ניט וויין, ניט וויין; ביזט יונג און אונשולדיג, ניט דאָ איז דיין
אָרט. קום, איך וועל דיך אויף דעם העכסטען בארג איבערטראָגען.
דאָרט, וואו די אָדלערס זיצען — זאָל דיין יוגענד אויפבליהען...

מיט פעסטע טריט טראָגט ער זי אַוועק. עס בליצט. דער מורמעל פון
די דונערען דערוויַיטערט זיך. ס׳זעהט זיך מעהר ניט ווי תמר׳ס טוי־
טער קערפער אין איהר ווייסען קלייד.

נ ת ן

געהט אַרויס פון וואלד. זיין קול ציטערט.

איינזאם... איינזאם... ווי א בוים, אויסגעקעהרט מיט די וואָרצלען
און מיט ארומגעבראָכענע צווייגען — וועל איך בלאָנדזען אין דער
פינסטערער נאַכט. שטויסט זיך אָן אויף תמר׳ן. ווער איז עס? מיין
קינד... קאַלט! אינגאַנצען דיין בלוט פערגליווערט... זעצט זיך נע־
בען איהר, און שאָקעלט מיט׳ן קאָפּ. רעדט קאַלט און מיט יאוש. מיין
הארץ איז קאַלט פון עלטער און יאוש, און אין דיין יונג הארץ
האָט מען דאָס לעבען פערלאָשען... איך וועל ניט בעקלאָגען די
יוגענד, אויב די עלטער איז שרעק און חושך און איך וועל ניט בע־
קלאָגען דיינע פערלאָשענע אויגען, אז מיין אויג וועט נאָך דארפען
זעהן דיין טאַטען מיט א צוריסען הארץ. איך קאָן אייך ביידען ניט
בעקלאָגען, אויב מיין אויער וועט נאָך הערען, ווי פון הויכען בארג
וועלען זיך שיטען דיין שוועסטערס טרוקענע ביינער... ס׳האָט פאר
דיין לעבען דאָס הארץ דיינס ניט געוואוסט פון קיין רוה... וועל איך
פאר דיינע ביינער א רוהיגען אָרט געפינען...

ער טראָגט זיך מיט גרויס מיה אַוועק אין וואלד. עס בליצט.

א קול
פון וואלד שרייט.
ש—קר!.. ש—קר!... ש—קר!...

ע נ ד ע.

אויפ׳ן שייד וועג

1908

פּעזאָנען:

מיכאל העלמאַן, אַ מאַלער.
דאַראַ העלמאַן, זיין פרוי.
עמאַ
יוליאַן זייערע קינדער
טילע
ברוך שניירזאַהן, אַמאָליגער העלמאַנס
אַ חבר פון אַקאַדעמיע.
פרידע, זיין טאָכטער.

ע ר ש ט ע ר   א ק ט.

ביי מיכאל העלמאַן.

אַ גרויס ליכטיג צימער, עהנליך מעהר צו אַ קינדערצימער. וואו־ניט־וואו איז צו מערקען קינדערשע שפּיעלצייג. רעכטס און לינקס טירען. אין הינטער־וואנד צוויי פענס־טער. אַרום האַלבען טאָג.

פ ר י ד ע און י ו ל י א ן קומען אַן דורך דער טיר לינקס. זיי טראָגען ביידע אַ טישעל. בלייבען שטעהן אין מיטען צימער.

פ ר י ד ע

זאָל ער דערווייל שטעהן אין מיטען צימער, ביז עמא וועט אריינ־קומען.

י ו ל י א ן

קיינער בעדאַרף ניט וויסען דאָס, וואָס מיר האָבען צוגעקלערט.

פ ר י ד ע

דאכט זיך, אז קיינער האָט אונז ניט בעמערקט, ווען מיר האָבען דעם טיש פון דאָרט ארויסגעטראָגען.

י ו ל י א ן

די אַלע קינדערשע נאַרישקייטען איז שוין צייט פון דאַנען ארויס־צוטראָגען.

פ ר י ד ע

דאָך איז א שאָד, מיט איין מאָל, פון קליינע קינדער פלוצלונג גרוי־סע מענשען ווערען.

י ו ל י א ן

ער נעהמט פאר'ן צוים דעם קינסטליכען פערד, וועלכער שטעהט אין א ווינקעל.

איך געדענק, ווען כ'האב אויף דעם הילצערנעם פערד געריטען.

פ ר י ד ע

און זיך פארגעשטעלט, אז איהר רייט אויף א לעבעדיגען פערד?

י ו ל י א ן

געוויס. אז איך פלעג איהם א שמיץ טהאן, ער זאל שנעלער געהן, האב איך געמיינט, אז איהם טהוען די שמיץ וועה.

פ ר י ד ע

און אז ער לויפט אין אמת'ן שנעלער?

י ו ל י א ן

און אז ער לויפט שנעלער.

בידע לאכען צופרידען.

פ ר י ד ע

און איך פלעג מיר קינדערוויז ביינאכט אויפכאפען און זעהן, אויב די פופע מיינע שלאפט; אדער אפשר וויל זי זיך איבערקעהרען אויף דער אנדערער זייט. מיר לאכען אזוי הויך, אז מען קען נאך דערהערען אין יענעם צימער.

י ו ל י א ן

און מיט אמאל זענען מיר גרויסע געווארען... ניין, מיר זענען דאך נאך אלין קליינע קינדער געבליבען.

פ ר י ד ע

פרובט זיך איצט זעצען אויפ'ן פערד רייטענדיג, איך וועל זעהן.

י ו ל י א ן

איצט וועל איך באלד אויפזוכען טילעס פופע און איהר וועט זי אויפ'ן האנד נעהמען, איך וויל אויך זעהן.

ביידע לאכען.

פ ר י ד ע

דאך זאל בלייבען דער נאמען פון דעם צימער: דער קינדער-

זאָל, און דאָ וועלען מיר זיך אַלע מאָל צונויפקלייבען.

יוליאַן

וואָלט שוין אייער פאָטער רעדען מיט מיין מוטער.

פרידע

אז איך זאָל איינגאַנצען בלייבען ביי אייך אין הויז?

יוליאַן

יאָ.

פרידע

איך מיין, אז וועגען דעם רעדען זיי איצטער.

יוליאַן

זיי זיצען ביי דער מוטער אין קאַבינעט?

פרידע

יאָ, דאָרטען זיצען זיי. איך קלער, אז געוויס האָט שוין דער פאָטער מיינער גערעדט מיט איהר?

יוליאַן

זי וועט אונז וועגען דעם דערצעהלען. זי דערצעהלט אונז וועגען אַלין.

פרידע

איצט רעדען זיי געוויס וועגען דעם...

יוליאַן

דאָס וואָלט גוט געווען.

פרידע

אַך, ווי גוט דאָס וואָלט געווען!

עמא

קומט אַריין, טראָגט אַ גרויסען פּאָרטרעט אין אַ גרין־בעגאָלדעטין ראם איינגעפּאַסט.

נישט געווען דאָ די מאַמע?

יוליאַן

ניין, וואָס טראָגסטו אזוינס? אַך, דער פּאַפּאַ אין דער יוגענד!

ע מ א

איך האָב דעם פּאָרטרעט אויפ'ן בוידעם צווישען זיינע אַמאָליגע בילדער געפונען.

אַלע בעקוקען דעם פּאָרטרעט.

פ ר י ד ע

דאָס איז אייער פּאַטער אין דער יוגענד — ווי שעהן ער איז!

י ו ל י א ן

קיינער האָט איהם ניט בעמערקט?

ע מ א

קיינער ניט.

פ ר י ד ע

ווי טיעף זיינע אויגען זענען! זיי זענען ביי איהם שווארצע, יאָ? די האָר אויך שווארצע.

ע מ א

ער איז דאָך אַ ברונעט!

פ ר י ד ע

איצטער איז ער שוין גרוי?

י ו ל י א ן

ניט אַזוי שטארק גרוי.

ע מ א

ליעבער פּאַפּאַ אונזערער! ווי שעהן ער איז דאָ!... נו, שנעלער, זאָגט וואו זאָלען מיר איהם אויפהענגען?

פ ר י ד ע

ווען איהר זאָלט נאָך בעקומען דער מוטערס פּאָרטרעט פון יענער־צייט, וואָלט מען זיי אויפגעהאנגען אין דער הויף, איבערביידע אַך, ווי שעהן!

י ו ל י א ן

דאָס געפעלט מיר אויך.

ע מ א

איך וועל נאָך אויפזוכען דער מוטערס פּאָרטרעט, — אויך פון

דער יוגענד: דער פּאַפּאַ האָט אַליין פון איהר דעם פּאָרטרעט געמאָלען, ווען זיי זענען נאָך חתן־כלה געוועזן. און דו, פרידע, וועסט בעטען דיין פּאַפּאַ, ער זאָל אונז אויסמאָלען דאָס בילד פון דער יוגענד.

יוליאַן

אַ בילד פון דער יוגענד!

פרידע

אַ בילד פון דער יוגענד!

עמאַ

דאָס בילד זאָל פאָרשטעלען דעם זונענאויפגאַנג — און ניט מעהר. דאָס בילד וועלען מיר אויפהענגען, אָט דאָ, אַנטקעגען דער טיר.

פרידע

די גאַנצע יוגענד אין דעם זונענאויפגאַנג!

יוליאַן

האָ... די גאַנצע יוגענד אין דעם זונענאויפגאַנג.

פרידע

און פון צווישען די זונענשטראַהלען זאָל זיך אַ געזיכט ארויסשפּיגלען.

עמאַ

כאַפּט פרידען פאַר ביידע הענד.

דיין געזיכט, פרידע, זאָל ער קאָפּירען, גוט?

פרידע

ניין, ניין; דיין געזיכט זאָל מען קאָפּירען. און אפשר זאָל מען גאָר יוליאַנען דערצו קאָפּירען. איך וועל מיין פּאַפּאַ נאָך היינט בעטען.

עמאַ

געוויס נאָך היינט, דו זאָלסט איהם אָבער ניט זאָגען, צוליעב וואָס מיר פערלאַנגען עס.

פרידע

נו, געוויס וועל איך איהם ניט זאָגען.

יוליאַן
און דו מיינסט, ער וועט פאָלגען?
עמא
פרידע זאָל איהם גוט בעטען.
פרידע
ער וועט מיך געוויס פאָלגען.

אַ ווײַלע בלייבען אַלע שטעהן שוויגענדיג, ווי בעגייס־טערט פון דער אידעע.

יוליאַן
וואָס נאָך זאָל מען אהער ברענגען?
עמא
מיר דוכט, אז אלץ איז שוין פארהאַנען... ווען אונזער פאָטער וואָלט וועלען צו אונז אהער אריינקומען...
פרידע
קומט ער גאָר ניט אריין צו אייך?
עמא
גאַנץ זעלטען.
יוליאַן
איך וועל איהם בעטען, ער זאָל צו אונז אין גּעסט קומען, ווען מיר וועלען דאָס צימער בענייען.
פרידע
דאָס וואָלט זעהר שעהן זיין.
עמא
די מוטער וועט אַ רעדע האַלטען, און מיר וועלען זי הויך, הויך אויפהויבען ביז צום זונענאויפגאַנג.
יוליאַן
ווען דאָס בילד וועט שוין פארטיג זיין און אויפ׳ן וואנד הענגען.
עמא
ביז צום זונענאויפגאַנג וועלען מיר זי הויבען. — אַלץ ווענדט

זיך דאָך אָן אונז; אויב מיר ווילען נאָר שטארק פערלאַנגען.— וואס ניט, פרידע?

פ ר י ד ע

געוויס, אלץ ווענדט זיך אָן אונז.

ע מ א

איצט ווילען מיר אלע אינאיינעם אויסרופען, ווי אונזער צימער־וועט הייסען, אָבער ניט הויך, מען זאָל ניט הערען אין יענע צי־מערן — גו, דער יוגענד־זאַל!

א ל ע

דער יוגענדזאַל! דער יוגענדזאַל!

ע מ א

איצט וועל איך געהן נאָך עפּעס פאר אונזער יוגענדזאַל אויסזי־כען.

געהט ארויס.

פ ר י ד ע

ווייסטו ווי שעהן דיין שוועסטער איז?

י ו ל י א ן

שווייגט.

פ ר י ד ע

יא?

י ו ל י א ן

איך קוק ווי שעהן פרידע איז.

פ ר י ד ע

און איך האָב געקוקט אויף איך ביידען. אויפ'ן ברודער און אויף דער שוועסטער.

י ו ל י א ן

ווילען מיר אויך געהן עפּעס אויסגעפינען פאר אונזער צימער?

פ ר י ד ע

ווילסט, איך זאָל דעם פאַטער מיינעם בעטען, ער זאָל אין דעם בילד פון זונענאויפגאנג דיין געשטאַלט אָבשפּיגלען?

יוליאַן

איך וועל איהם בעטען, ער זאָל דיך קאָפּירען.

פּרידע

דיך און עמען; עמא וועט זיין דאָס מאָרגען־ליכט.

יוליאַן

און דו, ביי אונז ווערסטו־שוין בלייבען? דאָ מיט אונז אינאיינעם וואַקסען? עמאַ איז אַלט זעכצעהן יאָהר, איך פופצעהן און טילע עלף יאָהר — אָ, ווי לאַנג מיר וועלען נאָך אינאיינעם וואַקסען!

פּרידע

אייער מוטער וועל איך אויך מ ו ט ע ר רופען. איך וועל עס אזוי אויסערדען קינדיש, ווי די קליינע טילע.

שווייגען ביידע.

יוליאַן

געדענקסט גאָר ניט דיין מוטער?

פּרידע

ניין, איך געדענק זי ניט.

יוליאַן

דיין פּאַפּאַ האָט דיר קיינמאָל וועגען איהר ניט דערצעהלט?

פּרידע

ער דערצעהלט מיר וועגען איהר קיינמאָל גאָרנישט און איך אליין וויל איהם קיינמאָל וועגען דעם ניט פרעגען.

פאַרוואָס?

פּרידע

אזוי, איך קען איהם קיינמאָל וועגען איהר ניט דערמאָהנען. ער קען נאָך טרויעריגער ווערען. ווען ער זאָל וועלען, וואָלט ער דאָך מיר אליין דערצעהלט.

יוליאַן

און צווישען די בילדער וואָס הענגען ביי איהם אין ארבייטער־צימער?

פרידע

איך זוך זי שטענדיג צווישען זיינע בילדער, איך וויל זי דערקענען.

יוליאן

איך וואָלט זי שוין דערקענט. ווען איך וואָלט קיינמאָל מיין מוטער ניט געזעהן און מען וואָלט מיר ווייזען א גאַנצע אויסשטעלונג פון פרויען־פּאָרטרעטען, און הייסען מיר צווישען זיי מיין מוטער דערקענען — וואָלט איך זי גלייך דערקענט.

פרידע

ווייל דיין שוועסטער, עמא, איז אין איהר געראָטען.

יוליאן

ניין; ווייל קיין אנדערע מוטער אויסער מיינער וואָלט איך מיר קיינמאָל אין מיין געדאנק ניט געקענט פאָרשטעלען.

פרידע

צווישען מיין פאָטערס בילדער, אפילו צווישען זיינע לאנדשאפטען, זענען זעהר פיעל בילדער פארהאן מיט פרויענגעשטאַלטען. — א גרויסער לאנדשאפט — און אן איין־אייציגע פרויענגעשטאַלט; און די פרויען זענען זעהר עהנליך איינע צו דער צווייטער.

יוליאן

ווי אַ סוד איהר איינגערוימט.

דאָס איז דיין מוטער.

פרידע

מיינסט אזוי?

יוליאן

וועסט עמען פרעגען, וועט זי דיר אויך דאָס אייגענע זאָגען.

פרידע

איין בילד שטעלט פאָר אַ גרויסען וואַלד. פון וואלד געהט ארויס, שטיל, ווי פער'גנב'ענדיג זיך, א פרוי. זי בלייבט שטעהן ביים ראַנד פון וואלד און קוקט זיך אום פאַרשעהנדיג וואוהין צו געהן... און דאָס לעצטע בילד זיינס, נאָך ניט פערענדיגט אינגאנצען.

שטעלט פאַר אַ פאַרנאַכט; די זון לאָזט זיך אַראָב, ס׳בעווייזט זיך אַ וועג, וואָס ווייטער אַ ביסעל צוטיילט ער זיך אויף צוויי בעזונדערע וועגען. און אויפ׳ן שיידוועג זיצט אַ יונגע פרוי און קוקט נאָך אַזוי טרויעריג, אַזוי טרויעריג, ווי אַ יונג קינד געהט אַוועק אויף איינעם פון די צוויי וועגען. אין איהר פּנים איז אַזוי פיעל שמערצען, גלייך ווי זי וואָלט זיין אַ מוטער און זי קוקט עס נאָך איהר איין און איינציג קינד, וואָס געהט אַוועק פון איהר.

י ו ל י אַ ן

און די געשטאַלטען זיינען עהנליך איינס צום אַנדערן?

פ ר י ד ע

זעהר עהנליך; די מוטער איבערהויפּט. ביים לעצטען בילד אַר־בייט ער שוין אַ לאַנגע צייט. פון אָנהויב איז עס אַלץ פאַרגעקו־מען ביים זונענאויפגאַנג; ס׳האָט נאָך דער מאָרגענשטערן גע־לויכטען, און איצטער קומט עס שוין אַלץ פאַר ביים זונענאונ־טערגאַנג.

י ו ל י אַ ן

און ס׳איז שוין פינסטער אַרום?

פ ר י ד ע

ווי ס׳וואָלט זיך, אויף דעם אַנדערן זייט הימעל, אויף אַ רעגען קלייבען. איך קוק אויף די בוימער וואָס אויפ׳ן לייווענד, — אַזוי רוהיג זענען זיי, גאָר שטיל — און עס שפּירט זיך, אַז באַלד וועט אַ שטורם אויסברעכען.

י ו ל י אַ ן

און דו פרעגסט ביי איהם קיינמאָל ניט?

פ ר י ד ע

ווען ער שטעהט ביי דער אַרבייט, האָב איך מורא פאַר איהם.

י ו ל י אַ ן

פערקלערט.

פרידע

די פער'גנב'עסט זיך אמאל הינטער זיינע פלייצעס, ווען ער אר־בייט?

יוליאן

ס'איז מיר מיט אמאל אומעטיג געווארען.

פרידע

קום, וועלען מיר געהן אויפזוכען עמען.

יוליאן

ווי ער וואלט זיך אן עפעס דערמאהנען.

איך וואלט צווישען די בילדער מיין מוטער דערקענט!

פרידע

זי דערנעהנטערט זיך צו איהם; זי נעהמט זיין האנד און דריקט צו איהר הארצען, רעדט ווי א סוד וואלט זי איהם דערצעהלען.

ווייסט עס, יוליאן? פון וואלד געהט שטיל די פרוי ארוים, זוייסט, ווער דאס איז? מיין מוטער!... זי שטעהט זיך ביים ראנד וואלד און קוקט אויף אלע זייטען און זוכט — דאס זוכט זי מיך, איהר פערלוירענע קינד. וואס זאגסטו, יוליאן? מיר זוכט זי עס?

ביידע שווייגען.

עמא

קוממ ארייז.

פרידע

ווארפט זיך עמען אויפ'ן האלז.

עמא, מיין שוועסטער!

עמא

די מאמע רעדט איצט מיט דיין פאטער, פרידע.

פרידע

ווי זעהט ער איצט אויס, דער פאפא מיינער? ער מוז געווים בלאס זיין. האסט נאך קיינמאל מיט מיין פאטער ניט גערעדט אזוי. האסט נאך קיינמאל ניט... א, ווען איך וואלט מיר קענען אזוי שטיל זיך צו איהם אין הארצען ארייגשלייכען...

י ו ל י א ן

ער האָט דאָך דיך אזוי שטארק ליעב.

פ ר י ד ע

דעריבער דערצעהלט ער מיר פון קיין זאך ניט.

י ו ל י א ן

מען געהט אהער.

פ ר י ד ע

קומט לאָמיר איצט פון דאנען ארויסגעהן.

געהען אלע אָב רעכטס.

מ י כ א ל ה ע ל מ א ן

קומט אריין, ער פיהרט ביים האַנד טילען.

ט י ל ע

זעהסט, ווי שעהן ביי אונז איז דאָ?

מ י כ א ל

נעבען דער מוטער איז דאָך דיר פיעל בעסער צו זיין.

ט י ל ע

איך וויל נעבען דיר אויך זיין. ביים פּאָפּא אויף די הענד איז זעהר גוט צו זיצען. און דו געהסט אוועק פון מיר.

מ י כ א ל

די מוטער אָבער האָט דאָך דיך ליעב.

ט י ל ע

דו האָסט מיך אויך ליעב.

מ י כ א ל

פון וואנען ווייסטו עס?

ט י ל ע

איך אליין פערשטעה. איך וויל, אז דיין טיר זאָל זיין שטענדיג אָפען; איך זאָל דיך שטענדיג קענען זעהן.

מ י כ א ל

ווילסט מיך זעהן...

ט י ל ע

פרידע גערט שטענדיג מיט איהר פאפא, ער פיהרט זי ביים האנד. זי בעמערקט דעם פארטרעט אויפ'ן טיש. דאס ביזטו פאפא?

מ י כ א ל

איך? מיין פארטרעט?

ט י ל ע

דאס ביזטו?

מ י כ א ל

ווי קומט ער אהער? ער קוקט זיך צו לאנג צום בילד. מיין יו־גענד... איך דערקען זי ווי אין אן אלטען פערבארגענעם שפיגעל. נאך דער אמאליגער שטריך — די האנד איז פעסטער געווען, זיכערער. קוקט צום בילד, ווי ער וואלט זיך פערטיעפען אין אלטע זכרונות. דער אונצופרידענער קנייטש אין ווינקעל, נעבען די לי־פען, — געווען און אזוי שוין פערבליבען. ווייסט נישט, טילע, פון וואנען דער פארטרעט האט זיך דא איצט גענומען? די מוטער האט איהם אהער געבראכט?

ט י ל ע

כ'וויל דיר גארנישט זאגען.

מ י כ א ל

די מוטער האט עס דיר געהייסען אזוי ענטפערן?

ט י ל ע

איך וויים, ווער ס'האט עס אהער געבראכט.

מ י כ א ל

איך האב דיך ליעב, מיין קינד.

ט י ל ע

און אז איך וועל דיך רופען — פאטער! וועסטו זיך אומקוקען?

מ י כ א ל

שווייגט.

ט י ל ע

גלעט זיין האנד.

איך וועל עם דיר קיינמאָל ניט דערצעהלען, וואָס איך ווייס.

מ י כ א ל

זאָג מיר, קינד מיינס, ווער האָט דאָס בילד אהער געבראַכט? ס'איז דאָך געווען ערגעץ אויפ'ן בוידעם פערוואָרפען. ווער וויל עס איצטער אויפ'ן וואַנד אויפהענגען? די מוטער?

ט י ל ע

ניין, דו ווייסט ניט, דו ווייסט גאָרנישט... איך ליעג אמאָל א גאַנצע נאַכט אין בעט, מיט אָפענע אויגען, און איך קען ניט שלאָפען.

מ י כ א ל

וואָרום דען?

ט י ל ע

ס'איז מיר אומעטיג און איך בענק אזוי, פּאַפּא.

מ י כ א ל

וואוהין, קינד מיינס?

ט י ל ע

איך בענק צו דיר אזוי שטאַרק! אזוי שטאַרק ווי די מאַמע בענקט איך. איך וויל, דו זאָלסט מיר זאָגען: קינד מיינס, ליעב האָב איך דיך, ליעב האָב איך דיך — אזוי ווי די מאמע זאָגט מיר שטענדיג... און אז זי זאָגט עס מיר זענען איהרע אויגען פול מיט טרערען, און איך פערשטעה פאַרוואָס דאָס איז.

מ י כ א ל

גאָר צו דיר אליין איז זי אזוי?

ט י ל ע

ניין, צו אונז אלעמען. זי זעצט זיך אמאָל אנידער אויפ'ן טעפּיך, אויף דער ערד און מיר אלע ארום איהר. זי קושט אונז, זי האַלזט אונז: — קינדערלעך, מיינע ליעבע, קינדערלעך מיינע ליעבע, — זאָגט זי צו אונז.

מ י כ א ל

ווי גליקליך איז די מוטער!

ט י ל ע

זאָג מיר, פּאָטער, נאָך עפּעס, וועל איך דיר דערצעהלען...

מ י כ א ל

וואָס קען איך דיר זאָגען? אייער מוטער האָט פאר אייך אלע־מען אזוי פיעל ליעבע ווערטער, — און איך האָב זיי ניט.

ט י ל ע

און אז די מוטער שטעהט אמאָל הינטער דיין טיר — ווייסטו אויך ניט.

מ י כ א ל

ווער שטעהט הינטער מיין טיר?

ט י ל ע

די מאַמע שטעהט ביי דיר הינטערן טיר.

מ י כ א ל

ווער האָט עס דיר געזאָגט?

ט י ל ע

אמאָל ביינאַכט האָב איך ניט געקענט שלאָפען. א גאנצע נאכט בין איך אזוי געלעגען מיט אָפענע אויגען. איך האָב געוואָלט דיך זעהן, האָב איך מיר אזוי שטיל פון בעט אראָבגעגאנגען, קיינער זאָל ניט הערען, און שטיל בין איך פון מיין צימער ארויסגעגאנגען און דורך דעם זאָל האָב איך געוואָלט דורכגעהן און אנקלאפּען אין דיין טיר, איך בין אזוי שטיל אויף די שפּיץ פינגער געגאנגען און כ'האָב דערזעהן, ווי זי איז געשטאַנען צום טיר צוגעטוליעט. לאנג איז זי געשטאַנען — זעהר לאנג...

מ י כ א ל

ער לאָזט זיך אראָב אויף אַ שטוהל.

אַך, ווי קיינער ווייסט ניט, וואו זיין וועג הויבט זיך אָן, ווי קיינער ווייסט ניט, וואו זיין וועג לאָזט זיך אויס...

ט י ל ע

קושט איהם אויפ'ן שטערן.

פּאפּא...

מ י כ א ל

דאָרא, וואוהין פיהרט מיך מיין וועג און וואוהין פיהרט דיך דיין וועג ?

ט י ל ע

נאָך וואָס האָב איך עס בעדאַרפט דיר דערצעהלען ?

מ י כ א ל

ניין, ניין מיין קינד ! ווייטער זאָלסטו מיר נים דערצעהלען, ווייטער קיין זאַך ניט, קיין וואָרט נישט.

ט י ל ע

ניין, איך וועל דיר נים דערצעהלען.

מ י כ א ל

הער, מיין קינד, וואָס דו זאָלסט דער מוטער זאָגען...

ט י ל ע

איך וועל איהר דערצעהלען, אז דו ביזט מיט מיר היינט דאָ געװעזען, און דו האָסט מיך אָט אזוי ארומגענומען. אָט אזוי. און איך וועל איהר דערצעהלען...

מ י כ א ל

זאָלסט איהר זאָגען, אז...

ט י ל ע

כ'וועל איהר דערצעהלען, אז דו האָסט מיך אָט אזוי ארומגענומען און האָסט צו מיר געזאָגט: מיין ליעב קינד, מיין ליעב קינד.

מ י כ א ל

מיין ליעב קינד, מיין ליעב קינד.

ט י ל ע

און, אז דו ביזט אומגעגאנגען אין אלע צימערן און האָסט גערופען: וואו זענט איהר מיינע קינדער ? וואו זענט איהר מיינע קינדער ?

מ י כ א ל

וואו זענט איהר מיינע קינדער ? וואו זענט איהר מיינע קינדער ?...

ט י ל ע

קושט איהם אויפ'ן שטערן.

און דער מוטער וועל איך זאָגען...

מ י כ א ל

ווי פון אַ חלום אויפגעוואכט.

ווי פערשיידען זענען די וועגען פון יעדען אייגציגען מענשען! ווי פערשיידען זענען די חערצער אפילו ביי פאָטער און מוטער!

ט י ל ע

פארוואָס ביזטו, פאפא, אזוי אומעטיג געוואָרען? בין איך דען שולדיג? אז איך האָב דיך ליעב אזוי שטארק און די מאמע...

מ י כ א ל

ער בעפרייט זיך פלוצלונג פון איהר, געהט אָב רעכטס.

ט י ל ע

בלייבט אַליין זיצען. איהר געזיכט דריקט אוים קינדערשע נאַאי־ווע בעליידיגונג.

ד אָ ר א און ב ר ו ך ש נ י י ע ר ז א ָ ן

קומען אַן פון דער טיר לינקס.

ד אָ ר א

דו זיצט דאָ גאָר אליין, טילע?

ט י ל ע

גאָר ניט זאָגענדיג ווארפט זי זיך דער מוטער אויפ'ן האַלז און בעהאַלט איהר געזיכט.

ווי קומט עס צו דיר, טילע?

ד אָ ר א

מיין יונגסטע און מיין שעהנסטע קינד; ס'בעט זיך נאָך צו דער מאַמען אויפ'ן האנד. נו, דערצעהל מיר וואָס איז דאָ פאָרגעקומען? האָט דיך ווער בעליידיגט? האָבען דיך די קינדער אליין געלאָזען?

ט י ל ע

איך בין אליין אוועקגעגאנגען.

ד אָ ר א

ווײנסט גאָר? עמיצער האָט דיך בעלײדיגט?

ב ר ו ך

אפשר ביזטו פון פרידען אנטלאָפען?

ד אָ ר א

דערצעהל מיר, וואָס איז געשעהן אזוינס, מײן קינד?

ט י ל ע

איך וועל קײנמאָל, קײנמאָל קײנעם ניט דערצעהלען.

זי לויפט אַרויס פון צימער.

ב ר ו ך

אזוי יונג און ס׳פערשטעהט שוין סודות צו בעהאַלטען.

ד אָ ר א

ביי מיר טראָגען אַלע קינדער אין הארצען סודות פערבאָרגען. אזוי האָט זיך דאָס לעבען ביי מיר אין שטוב אויפגעלעגט.

ב ר ו ך

ביי היינטיגע צייטען ווערט א קינד געבוירען און מיט איהם ווערען סודות געבוירען, אין זיין הארצען. יעדערער מיט זיינע אייגענע סודות. די סודות וואקסען מיט זיי אינאיינעם, און מאכען דאָס לעבען אונמעגליך.

ד אָ ר א

ניט שטענדיג איז עס אזוי, מיין פריינד. נאָר ביי מיר אין הויז איז עס גאנץ נאַטירליך. בין איך דען אליין ניט קיין לעבעדיגע רעטעניש פאר מיינע אייגענע קינדער? און צי איז דען ניט זייער פאָטער פאר זיי, פאר זיינע אייגענע קינדער, קיין רעטעניש? אפשר איצטער האָבען זיי שוין אָנגעהויבען אליין צו פערשטעהן. אבער ווען זיי זענען נאָך קליינע קינדער געווען, פלעגען זיי שטענדיג קוקען אויף מיר מיט פערוואונדערטע אויגען... און די דאָזיגע קינדערשע, אונשולדיגע אָפענע אויגען האָבען מיר קיין רוה נישט געגעבען. זיי האָבען ביי מיר שטענדיג ווי עפּעס געפרעגט; האָבען פערלאנגט, איך זאָל זיי פון עפּעס דערצעהלען. האָט איהר דאָך

איצטער אליין געזעהן. איך האב נאר לפנים וועגען ביי איהר גע־פרעגט, אויב עמיצער האט זי בעליידיגט. מיינע קינדער בעליידי־גען נישט איינער דעם אנדערן. עפּעס אנדערש איז דא פארגעקומען, וואס איך פיהל און פערשטעה — און קען עס נישט איבערפרעגען. איהר בעדארפט וויסען, מיין פריינד, אז אויב קינדער בעדארפען בלאנדזשען צווישען צוויי בעזונדערע וועלטען — דאס הארץ, דאס קינדערשע הארץ, מוז דעמאלט צוריסען ווערען.

ב ר ו ך

אזוי, מיין פריינד, וואקסט ביי היינטיגע צייטען די יוגענד, און מיט איהר אינאיינעם וואקסט דער עלענד.

ד א ר א

אך, ווי דער דאזיגער געדאנק שרעקט מיך! ווי ער פערפאלגט מיך אין דער שטיל.

ב ר ו ך

צי ווייסט איהר דען, וואס ער לעבט איבער דארט אליין פאר זיך?

ד א ר א

וואס מיכאל לעבט איבער, ווייס איך גאנץ גוט. איך געה פארביי נעבען די טירען פון זיין ארבייטס־צימער, די טירען זענען פער־מאכט, פעסט פערשלאסען; טעג, וואכען, חדשים — יאהרען גאנצע געהען פארביי און מיר געהען אום נעבען די פערשלאסענע טירען... א, קינדער פיהלען עס. קינדער שווייגען — און ווייסען אלץ.

ב ר ו ך

ענדליך וועלען זיך די טירען עפענען.

ד א ר א

קענט איהר מיר אבער, מיין פריינד, זאגען, מיט וואס פאר א ווער־טער וועט ער דעמאלט צו אונז ארויסקומען? וואס פאר א גרוס וועט ער דעמאלט אונז פון דארט ברענגען. ביז איצט בעגעגען איך אלץ שטומע בליקען — שטומע, שטומע...

ב ר ו ך

זיצט שווייגענדיג, דער קאפ אראבגעלאזען.

ד אָ ר א

נו, וואָס שווייגט איהר, העד שנייערזאָן?

ב ר ו ך

ניטאָ, מיין פריינד, קיין ענטפער אויף אזעלכע ווערטער.

ד אָ ר א

איהר זענט דאָך מיט איהם אין איין עלטער?

ב ר ו ך

מיט איהם צוזאמען די שעהנסטע טעג פון מיין יוגענד דורכגע־מאכט. מיט איהם די ערשטע טריט אין לעבען געמאכט.

ד אָ ר א

צו מיר איז ער שוין א פארטיגער מענש געקומען. דאן האָבען נאָך זיינע עלטערן געלעבט. ווי נאאיוו און גוט זיי זענען געווען.

ב ר ו ך

איך האָב זיי געקענט; ווי לעבעדיגע שטעהען זיי פאר מיינע אויגען.

ד אָ ר א

דאָס גרויסע פערמעגען וואָס זיי האָבען פאר אונז איבערגעלאָזט— מיט א גרינג הארץ האָבען זיי עס געטאָן. זיי האָבען געמיינט, אז ביי זיי אין הויז זאָל זיך ווייטער וואקסען דער אלטער פערפלאנצ־טער בוים מיט גרויסע, פעסטע צווייגען, און די צווייגען זאָלען זיך נאָהנט צום שטאָם האלטען.. עלטערן — און האָבען נישט גע־שפירט ווי ווייט זייער קינד איז שוין דעמאָלט ווייט פון זיי גע־האט אוועקגעגאנגען. מיר האָבען זיך ביידע דעמאָלט אויף שייד־וועג געטראָפען — מיט גאנץ פערשיידענע וועגען זענען מיר ביידע איינס צום אנד'ערען געקומען, און ביידע האָבען מיר געמיינט, אז ווייטער וועט שוין אונזער וועג א י י נ ע ר זיין, אינאיינעם ציהען. — אָבער, ווי עס שיינט, האָבען זיך אונזערע וועגען ווידער צוטיילט.

ב ר ו ך

אויפ'ן שייד־וועג וועט איהר זיך ווען עס איז נאָכאמאָל בעגע־גענען. אין דעם, דאָרא, בעשטעהט אונזער לעבענס־טראגעדיע, וואָס

מיר אלע ווען מיר בעגעגענען זיך אמאל, איז עס בלויז אויפ'ן ש י י ד ־ ו ו ע ג.

ד אָ ר א

דער וועג מיינער האָט זיך שפּעטער ווי פּערנעבעלט; נאָר ניט לאנג האָט עס געדויערט. די געפּיהלען פון א מוטער זענען גאנץ אנדערע: בין איך נאָר א מוטער געוואָרען, האָט זיך פאר מיר מיין פּערנע־בעלטער וועג ווידער אויסגעלייטערט. איך בין א מוטער און ביים האנד בעדאַרף איך אין לעבען די יוגענד ארויספיהרען.

ב ר ו ך

ניט אזוי לייכט איז עס צו בעווייזען דער יוגענד איהר וועג.

ד אָ ר א

איך ווייס עס גאנץ גוט. די יוגענד האָט זיך איהר אייגענעם וועג, און די מוטער מוז די יוגענד אין איהר איינענעם ערוואָרבענעם וועג פיהרען. און ווי שווער עס זאָל איהר ניט זיין, און ווי עס זאָל איהר ניט וועה טהאָן — דאָך בעדאַרף זי אָן אלץ און אָן זיך פערגעסען. די מוטער בעדאַרף וויסען, אז זי עקזיסטירט צוליעב דער יוגענד. אָ, זעהר אָפט מוז איך מיך אליין אין א קליין קינד פערוואנדלען.

ב ר ו ך

א הארץ פון א פאָטער שפּירט גאנץ אנדערש. אפשר זענען די גע־פיהלען די נויטיגע ביים פאָטער אין הארצען פארהאנען פאר זיינע קינדער — אָבער די מוטערליכע ווערטער פעהלען איהם. דאָס האָט מיין קינד געפעהלט, און איך האָב עס איהר ניט געקענט געבען. אין מיינע יונגערע יאָהרען האָב איך געמיינט, מיר וועט עס געלינגען מיט'ן פינזעל אויפ'ן לייוועגט צו שאפען. זי איז געשטאָרבען, ווען פרידע האָט נאָך דאָס וואָרט מ א מ ע ניט געקענט ארויסזאָגען, כ'האָב אבער געזעהן ווי מיין קינד בענקט. איך האָב עס אין דעם פנים פון מיין קינד געמערקט. איך האָב געזעהן, ווי איהרע לי־פען ציהען זיך צוזאמען, ווי זיי וואָלטען מ א ־ מ א געוואָלט ארויסזאָגען — און דאָס וואָרט איז קיינמאָל ניט ארויסגעזאָגט

געוואָרען... און נאַריש איז געווען, ווען איך האָב עס געוואָלט, אויפ'ן טויטען לייוועגד בעשאפען.

ד אָ ר א

און פרידע מערקט עס ניט ביי אייער אַרבייט?

ב ר ו ך

בעזונדערס צו איין בילד ציהט זי זיך. דאָס בילד איז שוין לאַנג ביי מיר אָנגעהויבען, נאָר נאָך ניט פערענדיגט.

ד אָ ר א

האָט עס עפּעס א צוזאמענהאַנג מיט דער מוטער?

ב ר ו ך

זעהר פיעל. אלץ, וואָס כ'האָב געשאפען, האָט מיט דעם א צוזאַמענהאַנג. אין אלץ, וואָס איך האָב געשאַפען, ליעגט א פונק, א שטראַהל פון דעם.... אָבער בלויז פונקען, שפּליטערן — און עט־וואָס גאַנצעס צו בעשאַפען, איז מיר ניט געלונגען. נאָר געגוג, איצ־טער, מייי פריינד, איז שוין אלץ פאַרביי.

ד אָ ר א

מיינט איהר?

ב ר ו ך

איצטער ציטערט שוין דער פּינזעל אין האַנד. — ווייסט איהר, וואָס עס בעדייט? וואָס אין דעם איז פערבאָרגען? איך געה אום אליין ביינאַכט איבער מיינע צימערן, צווישען מיינע ניט־פערענדיג־טע שעפּפונגען — ווי ק י ן, ווען גאָט אליין האָט פער־שאָלטען.

ביידע שווייגען אַ צייט.

ד אָ ר א

און וואָס וועט ווייטער זיין?

ב ר ו ך

געהט אום אויף און אַב.

איך קלער די גאַנצע צייט, וואָס טילע איז דאָ אליין געזעסען און גע־וויינט.

ד אָ ר א

און איך אויך דאָס אייגענע. פאַרוואָס ווייסט ער ניט פון דעם?

ב ר ו ך

ער איז גאַנץ זיכער, אַז די קינדער האָבען, ווער ס'זאָל פאַר זיי זאָרגען; ווער עס זאָל איבער זיי וואכען. און אין דער ווירקליכקייט איז דאָך אַזוי...

ד אָ ר א

אפשר...

ב ר ו ך

אין דער גאַנצער אקאַדעמיע בין איך געווען דער איינציגער, צו וועמען ער איז געווען אַזוי שטאַרק צוגעבונדען.

ד אָ ר א

און איצטער אַזוי דערווייטערט איינער פון אַנדערן.

ב ר ו ך

איהר האָט אַ טעות, דאָרא, מיר זענען אפשר איצטער נאָך נעהנטער איינער צום אַנדערן. מעגליך, אַז מיכאל ווייסט עס נאָך ניט, נאָר דאָך איז עס שוין געשעהן.

ד אָ ר א

וואָס מיינט איהר מיט דעם?

ב ר ו ך

אַך, דאָרא העלמאַן, ווי זאָל איך מיינע פערציג יאָהר מיט'ן ווינצוזייהען! און דער אָפטער גאַסט, וואָס איך בין די לעצטע צייט אַזוי געוואָרען אין אייער הויז, וואָס בעדייט עס? זאָגט מיר, וואָס טהו איך איצטער אין אייער הויז?

ד אָ ר א

ניט פערשטעהענדיג.

האָט וואָס מיכאל מיט אייך גערעדט?

ב ר ו ך

איך האָב שוין מיט העלמאַנען לאַנג ניט גערעדט. כ'האָב איהם שוין, דאַכט מיר, א חדשים דריי ניט געזעהן.

ד אָ ר א

קען איך דען וויסען, וואָס מיט אייך קומט איצט פאָר, ווען איך ווייס ניט אפילו, וואָס מיט מיכאל'ן איז.

ב ר ו ך

ס'איז גאָר איינפאַך: צווישען אייך מיט העלמאַנען פער־שטעלט א געדיכטער וואָלקען. און כאָטש איהר וואוינטביידע אין איין הויז, דאָך זעהט איהר ניט איינער דעם צווייטען.

ד אָ ר א

דאָס ווייס איך.

ב ר ו ך

האָט דער מענש די גאַנצע ערד אונטער זיינע פיס; די לויטערע הימלען ציהען זיך איבער זיין קאָפּ און דער שליסעל צו דער איי־ביגקייט וואַלגערט זיך פאַר זיינע פיס — און ער זעהט איהם ניט... אזוי, דאַכט מיר, זאָגט די וועלט.

ד א ר א

און איהר וואָס זאָגט דערויף?

ב ר ו ך

איך זאָג, אז די א י י ב י ג ק י י ט, די ליכטיגע אייביגקייט איז נאָר ענטפּלעקט פאַר די אויגען פון דעם קינד, וואָס זויגט נאָך דער מוטערס ברוסט. דאַן ווען דאָס קינד איז ניט הונגעריג און ניט דאָרשטיג; עס הויבט אויף דאָס קעפּעל און קוקט זיך גלייך אין דער וועלט אריין... אפשר איהר, דאָרא, קענט נאָך וועגען דער אייביגקייט חלום'ען — אָבער איך און מיכאל...

ד אָ ר א

רעדט נישט אזוי מיט מיר, הערר שנייערזאָן. אויב איהר ווייסט אזוינס, וואָס האָט א צוזאַמענהאַנג מיט מיין הויז, בעט איך איהר זאָלט מיר באַלד זאָגען. איך פערלאַנג עס פון אייך.

ב ר ו ך

איך האָב ניט געוואוסט, אז מיינע ווערטער וועלען אייך אזוי אונ־רוהיג מאכען. גלויבט מיר, איך האָב גאָר ניט געמיינט דערמיט.

ד אָ ר א

אייערע ווערטער האָבען געווים א בעדייט — און מיך בעאונ־רוהיגט עס. אפשר האָט דאָס א צוזאמענהאנג מיט דעם, וואָס טילע איז דאָ געזעסען איינע אליין און האָט געוויינט...

ב ר ו ך

איך האָב אייך, דאָרא, אויף דעם גאָרנישט וואָס צו ענטפערן.

ד אָ ר א

הייסט עס גאָרנישט. אפשר וועט די צייט אליין אָפענהערציג זיין און וועט מיר פון אלץ דערצעהלען.

עמאַ, פרידע יוליאן און טילע בעוויזען זיך אין טיר.

ע מ אַ

ענטשולדיגט.

ד אָ ר אַ

קומט אריין, קומט אריין.

פ ר י ד ע

מיר האָבען ניט געוואוסט, אז איהר זיצט דאָ; ענטשולדיגט.

ב ר ו ך

קומט אריין, קומט אריין, וועט פרעהליך ווערען. די יוגענד, זי ברענגט מיט זיך גאָר אן אנדער ווינד.

זיי קומען אַריין.

י ו ל י אַ ן

לאָמיר זיי גאָר איצטער דערצעהלען.

ע מ אַ

די צווייטע העלפט בעדארף נאָך בלייבען א סוד.

ב ר ו ך

ווידער סודות.

פ ר י ד ע

פאר דער מוטער בעדארף מען אלץ דערצעהלען.

ד א ר א

וואס פאר א סודות האט איהר עס?

ע מ א

נייז, גארניט, גארניט.

י ו ל י א ן

זאל פרידע איצט בעטען ביי איהר פאפא — גוט עמא?

ב ר ו ך

דו, פרידע, האסט עפעס וואס צו בעטען פון מיר? שעהם זיך ניט.

ד א ר א

איהר ווילט זיך גאר פון אייער מוטער אויסבעהאלטען?

ע מ א

מיר האבען צוגקלערט א שעהנע זאך פאר דיר, פאר אונז אליין און מיר בעדארפען נאך ווארטען ביז מארגען.

ד א ר א

קליינע קינדערלעך!

פ ר י ד ע

איך וויל פון דיר עפעס בעטען, פאפא.

ב ר ו ך

אלץ, מיין קינד, קענסטו בעטען.

י ו ל י א ן

זיי וועלען ענטזאגען.

ב ר ו ך

לאמיר שוין הערען.

פ ר י ד ע

מיר בעדארפען, דו זאלסט אונז ביז מארגען פארנאכט א בילד אנמאלען.

ב ר ו ך

ביז מארגען?

ע מ א

מיר בעדארפען עס זעהר נויטיג האָבען.

ד אָ ר א

עס קען גאָר ניט געמאָלט זיין ?

ב ר ו ך

עס קען אפשר יאָ געמאָלט זיין; איך בעדאַרף אָבער פריהער וויסען, וועגען וואָס פאר א בילד עס האנדעלט זיך דאָ ?

ד אָ ר א

איך וואָלט וועלען וויסען, צוליעב וואָס איהר בעדארפט דאָס בילד האָבען ?

י ו ל י א ן

מאמא, דאָס איז א סוד...

ב ר ו ך

וועמעס אידעע איז עס ?

ד אָ ר א

נו דערצעהלט שוין.

פ ר י ד ע

מיר ווילען, דו זאָלסט אונז שאפען א בילד, פון דעם זונענאויפגאנג.

ע מ א

יאָ, דעם זונענאויפגאנג; און דאָס גאנצע בילד זאָל זיין מיט ליכט בעגאָסען.

י ו ל י א ן

דאָס ליכט זאָל איבער דעם ראם פון בילד זיך גיסען.

ע מ א

ס'זאָלען שטראהלען שיסען אויף אלע זייטען !

פ ר י ד ע

און אין דער זון זאָל זיך אָבשפיגלען א געזיכט.

י ו ל י א ן

פרידעס געזיכט !

פ ר י ד ע

ניין, ניין, אייער מאמעס געזיכט.

ע מ א

דער מוטערס געזיכט זאָל אין דעם זונענאויפגאנג זיין. פון איהר געזיכט, פון איהרע אויגען ארוים זאָלען לויטערע שטראהלען פאַלען און צוגיסען זיך ארום און ארום...

ד אָ ר א

קינדער מיינע...

י ו ל י אַ ן

און דאָס בילד זאָל הייסען: די יוגענד.

פ ר י ד ע

ניין, דאָס בילד זאָל הייסען: די מוטער.

שטיל, אַלע שווייגען און ווארטען אויף אַן ענטפער, קוקענדיג אַמאָל אויף ברוך'ן און אַמאָל אויף דאָרען.

ד אָ ר א

נו, הערר שנייערזאָן, וואָס שווייגט איהר?

ב ר ו ך

אנהויבען א בילד און ענדיגען: גאָר ווינציג. אבער...

ד אָ ר א

איצטער איז די רעכטע צייט, — מיט דער יוגענד אינאיינעם...

ב ר ו ך

איהר וועט בעטען, קינדערליך, ביי מיכאל'ן; ביי אייער פאָטער. קלאפט אָן צו איהם און פערלאנגט עס פון איהם. ער וועט דערפון העכסט צופרידען זיין און ער וועט אייך פאָלגען. פרוי העלמאַן, זאָלען זיי זיך ווענדען צו מיכאל'ן.

ד אָ ר א

איהר זענט פאַר מיר היינט א פאָלשטענדיגע רעטעניש.

ע מ א

וועט איהר פאר אונז דאָס בילד ניט אויסמאָלען?... און מיר אלע

זענען אזוי זיכער געוועזן, אז פרידע וועט אייך בעטען און איהר וועט געוויס ניט ענטזאגען.

פרידע

וועסט עס מאכען פאפא; יאָ, דו וועסט אונז מאכען דאָס בילד.

ברוך

פאר זיך אַליין, טרוימעריש.

דאָס ליכט פון דער זון זאָל אויף אלע זייטען פלייצען... איבער דעם ראָם זאָל זיך עס גיסען... און אין דער זון... און אין דער זון...

אַלע קוקען איהם אָן.

צוויטער אקט.

אַ געמיטליך צימער ביי מיכאל העלמאַן אין הויז. איין טיר רעכטס און צוויי פענסטער אין דעם הינטערגרונד. אויף אַ זאָפע ליגען אָנגעוואָרפען שטיקער גרינע סאַמעט און זיידען שטאָף. ביי טאָג.

ב ר ו ך

געהט אום אויף און אָב, אַ ווייילע איז שטיל. שפּעטער הויבט זיך אָן צו הערען אַ געזאַנג, אין כאָר, ערגעץ אין אַ זייטיגען צימער. ברוך געהט צום טיר און עפענט זי עטוואָס אויף. דאָס געזאנג ווערט דייט־ ליכער, עס קלינגט זאנפטיג עמא׳ס שטימע.

ע מ א

איהר שטים פון אַ זייטיגען צימער.

ווי לאנג די זון זי שטייגט אלץ העכער
און דער ערד הילט איין איהר ליכט;
שיינט דאָס ליכט פון מיינע אויגען;—
איהרע שטראהלען פון מיין געזיכט!

כ אָ ר

וואך אויף, וואך אויף מיט׳ן מאָרגענשטערן!
וואך אויף! וואך אויף, די זון געהט אויף...
אין דיין הארץ דאָס ליכט זאָל רוהען.
וואך אויף, וואך אויף! וואך אויף, וואך אויף!

באַלד נאָכ׳ן געזאנג הערט זיך אָן אַלגעמיין פרעהליך געלעכטער; עס ווערט ווידער שטיל.

ב ר ו ך

בלייבט נאָך אַ ווייילע שטעהן ביים טיר אין ערוואַרטונג, נאָר באַלד הויבט ער ווידער אָן אומצוגעהן אויף און אָב שוין אונרוהיגער.

פ ר י ד ע

קומט פרעהליך אריין.

דו ביזט טאקע דא, פאפא; ווי דאס הארץ װאלט מיר זאגען, אז דו זיצט אין דעם צימער.

ב ר ו ך

קושט איהר אויף'ן קאפ.

דו האסט אויך געזוננען?

פ ר י ד ע

דו האסט געהערט?

ב ר ו ך

יא, איך האב געהערט. און װער האט די סאלא געזונגען?

פ ר י ד ע

עמא; דו האסט רען איהר שטים ניט דערקענט?

ב ר ו ך

כ'האב פערשטאנען, אז דאס איז עמא.

פ ר י ד ע

און מיין שטימע האסטו אין כאר ניט דערקענט? איך האב די צווייטע שטימע געזונגען.

ב ר ו ך

דעריבער האב איך ניט דערקענט.

פ ר י ד ע

ווי שעהן עמא זינגט!

ב ר ו ך

זעהר שעהן. און װער נאך איז דארט אין כאר געװעזן?

פ ר י ד ע

יוליאן, דארא און טילע.

ב ר ו ך

דארא אויך? א מערקווירדיגע פרוי!

פ ר י ד ע

נעווים האט זי געזונגען.

ב ר ו ך

מערקווירדיג, מערקווירדיג... ער זעצט זיך אויף דער זאָפע, וואָס שטעהט לינקס צום הינטערגרונד צו, פיהרט צו זיך פרידען. דערצעהל מיר, פרידע, ווי דו פיהלסט זיך דאָ?

פ ר י ד ע

אך, דאָ איז מיר אזוי גוט. איך פערגעס אפּט, אז איך בין אין דער פרעמד — איבערהויפּט ווען דאָרא איז מיט אונז.

ב ר ו ך

און מיט די קינדער ווי שפּירסטו זיך?

פ ר י ד ע

זעהר גוט.

ב ר ו ך

ביזט צופרידען; געפעלט עס מיר זעהר גוט.

פ ר י ד ע

זי ווערט פּלוצלונג אומעטיג.

דו זאָגסט, צופרידען...

ב ר ו ך

נו, געוויס מיין איך, אז דו ביזט צופרידען.

פ ר י ד ע

און דו?

ב ר ו ך

זעהסט דאָך מיך אַלע טאָג.

פ ר י ד ע

יאָ, איך זעה דיך אַלע טאָג. וואָס א טאָג ווערסטו אומעטיגער.

ב ר ו ך

וואָס דאכט זיך דיר, מיין קינד, אזוי אויס.

פ ר י ד ע

אפשר דאכט זיך עס מיר אזוי אויס, ווייל איך בענק זעהר אהיים.

ב ר ו ך

וואָס האָסטו נאָר־וואָס געזאָגט?

פ ר י ד ע

ניין, ניט דאָס, מיר בענקט זיך ניט... איך בין געוועהנט יעדען טאָג אומצוגעהן אין אַלע צימערן ביי אונז, דאָרט וואו ס'הענגען דיינע בילדער, יעדעם אָנקוקען; מיט יעדעם זיך זעהן. אז איך קום אריין צו דיר אין קאבינעט און זעה די צוויי בוימער, איינס אנטקעגען דעם אנדערן און שפיגלען זיך אָב אין'ם טייכעל, וואָס לויפט דורך צווישען זיי... אזעלכע פרעהליכע בוימעליך און אזא פרעהליך, ליכ־טיג טייכעל, — בעגרים איך זיי. און אזוי צו יעדען בילד דיי־נעם. איך בין געוועהנט יעדען טאָג ביי זיי צו שטעהן.

ב ר ו ך

און וואָס נאָך? דערצעהל, מיין קינד.

פ ר י ד ע

דו לאכסט פון מיר.

ב ר ו ך

איך לאַך ניט פון דיר. כ'האָב גאָר ניט געוואוסט, אז דו קענסט אזוי גוט יעדעם בילד בעזונדער און — אז דו ליעבסט זיי יעדען טאָג צו זעהן.

פ ר י ד ע

ניט יעדען טאָג — יעדע מינוט!

ב ר ו ך

איך האָב עס ניט געוואוסט.

פ ר י ד ע

און וואו האלטסטו שוין מיט דיין לעצטען בילד?

ב ר ו ך

איך האָב דאָך עטליכע לעצטע.

פ ר י ד ע

דער אָוועגד.

ב ר ו ך

דער אָוועגד?

פ ר י ד ע

פון דעם טייך הויבט זיך, הויבט זיך דער טוי אויף...

ב ר ו ך

יאָ, פון טייך הויבט זיך אויף דער טוי.

פ ר י ד ע

נאָר די ביימער זענען ניט פערנעבעלט.

ב ר ו ך

ניין.

פ ר י ד ע

ס׳איז שעהנער, ווען זיי זענען עטוואָס פערנעבעלט; אזוי ווי דורך א לייכטען, גרוי־בלויליכען רויך זעהען זיי זיך ארוים. — און דער הימעל וועט זיין אויסגעשטערנט?

ב ר ו ך

אויסגעשטערנט.

פ ר י ד ע

גרויסע שטערן?

ב ר ו ך

גרויסע שטערן.

פ ר י ד ע

פינקלען שטראהלענדיג?

ב ר ו ך

נו געוויס אזוי.

פ ר י ד ע

ענטציקט.

ווי איך האָב געטראָפען, ווי דאָס בילד וועט זיין! זאָמת איך האָב געטראָפען?

ב ר ו ך

נו געוויס, אנדערש קען עס גאָר ניט זיין.

פ ר י ד ע

ווען וועל איך עס זעהן?

ב ר ו ך

ווען דו וועסט עס קענען זעהן? ווען ווילסטו עס זעהן? נו, מאַרגען, איבערמאָרגען.

פ ר י ד ע

איך האָב זעהר ליעב גרויסע שטערן. די גרויסע שטערען אין הימעל זעהען אויס ווי זיי וואָלטען ציטערן... וויעגען זיך און ציטערן... ווי זיי וואָלטען זיך וועלען פון הימעל ארויסרייסען.

ביידע שווייגען.

פ ר י ד ע

פּאָפּאָ...

ב ר ו ך

וואכט אויף.

וואָס, מיין קינד?

פ ר י ד ע

האָסט איצטער פון עפּעס שעהנעס געטראכט? יאָ?

ב ר ו ך

איך האָב זיך צוגעהערט צו דיינע שילדערונגען.

פ ר י ד ע

עס געפעלט דיר?

ב ר ו ך

זעהר. נאָר א שאָד וואָס דיר בענקט זיך אהיים...

פ ר י ד ע

דו האָסט דען געוואָלט, אז...

ד אָ ר א

קומט אריין.

א גאַסט, א גאַסט!... איך שטער אייך ניט?

ב ר ו ך

ער געהט איהר אַנטקעגען בעגריסען זיך.

אַ, ניין.

ד אָ ר א

זענט איהר שוין לאנג דאָ?

ב ר ו ך

ניט גאנץ לאנג.

ד אָ ר א

איך האָב גאָר ניט בעמערקט, ווען איהר זענט אריינגעקומען.

ב ר ו ך

איך האָב מיך צום כאָר צוגעהערט.

ד אָ ר א

האָט איהר געהערט?

פ ר י ד ע

דעם פּאפּא געפעלט זעהר אונזער געזאנג.

ד אָ ר א

ס'מאכט מיר פערגניגען.

פ ר י ד ע

דער פּאפּא האָט מיין שטימע ניט דערקענט.

ד אָ ר א

אין כאָר איז שווער צו אונטערשיידען. נו, דערצעהלט, ווי געהט עס? ווי פיהלט איהר זיך אָהן דער טאָכטער?

ב ר ו ך

ווי די טאָכטער אָהן דעם פאָטער.

פ ר י ד ע

מיר איז דאָ זעהר גוט, פּאפּא.

ד אָ ר א

פרעהט עס מיר זעהר.

ב ר ו ך

איך האָב קיין ווערטער ניט אייך אויסצודריקען מיין פרייד, וואָס ענדליך האָב איך זי צו אייך אין שטוב אריינגעפיהרט.

פ ר י ד ע

איהר וועט מיר ענטשולדיגען.

ב ר ו ך

ווילסט צו די קינדער געהן?

פ ר י ד ע

פערנייגט זיך און געהט ארויס. א ווײלע שטיל.

ד אָ ר א

האָט איהר אונזער געזאנג געהערט.

ב ר ו ך

א מערקווירדיג הויז ביי אייך.

ד אָ ר א

איך בין מסכים; טאקי א מערקווירדיג הויז: איין האלבע הויז זינגט און די אנדערע העלפט פון דעם הויז... ווי עס שיינט, הער שנייערזאָן, זענט איהר ניט אהער געגאנגען.

ב ר ו ך

יאָ, איך בין היינט טאקע עטוואָס צושטרייט.

ד אָ ר א

ס'מאכט דעם איינדרוק, ווי צופעליג זענט איהר אהער אריינגעפאַלען.

ב ר ו ך

ניין, דאָרא, אהער פיהרט מיין וועג די לעצטע צייט. א גאנץ אונקלאָרער געדאנק פאר מיר אליין ציהט מיך אהער.

ד אָ ר א

צייט פרידע איז דאָ?

ב ר ו ך

יאָ, אויף א געוויסען ארט... איך וואָלט העלמאנען זעהר גערן וועלען זעהן.

ד אָ ר א

איהר האָט איהם עטוואָס איבערצוגעבען?

ב ר ו ך

איך? גאָרנישט.

ד אָ ר א

רעטזעלהאפט.

ב ר ו ך

ס'איז א רעטעניש ניט בלויז פאר אייך, נאָר פאר מיר אליין אויך. עס ציהט מיך צו מיכאל'ן די לעצטע צייט און ער ווייסט עס גאָר ניט פון דעם.

ד אָ ר א

איהר וואָלט אריינגעהן צו איהם; איהר קענט דאָך עס טהאָן.

ב ר ו ך

ס'איז נאָך פאר דער צייט.

ד אָ ר א

חלומות, חלומות...

ב ר ו ך

וואָס קוקט איהר מיך אזוי אָן? ווילט איהר אין מיין וועלטעל אריינקוקען?

ד אָ ר א

אין אייער געזיכט איז פארהאַן זעהר פיעל עהנליכעס צו העל-מאַנען.

ב ר ו ך

איך האָב עס גאָר ניט געוואוסט.

ד אָ ר א

חלומות, חלומות...

ב ר ו ך

חלומות, חלומות — און גאנץ אונאַנגענעהמע.

וועלענדיג איבעררייסען דעם אָנגעצויגענעם שמועס.

וואָס וועט עס זיין פון דעם גרינעם סאמעט און פון'ם זיידענס?

ד אָ ר א

וואָס, מיינט איהר, קען דערפון זיין?

ב ר ו ך

וואָס קען איך מיינען? זיצט זיך א מענש אליין אין זיין צימער

און בויט פאר זיך גרינע סאמעטענע און זיידענע וועלטען.

ד אָ ר א

דאָס איז זעהר שעהן; נאָר איך בין אָבער, מיין פריינד, פערנומען מיט'ן איבערבויען אַלטע וועלטען.

ב ר ו ך

וועמעס פערדיענסט איז גרעסער?

ד אָ ר א

דאָס וועט שוין די צייט בעווייזען.

ב ר ו ך

דאָך, וואָס וועט עס זיין דערפון?

ד אָ ר א

קענט איהר אונזער מעבעל אין דעם גרויסען זאַל?

ב ר ו ך

מיט ראָזען זייד בעצויגען.

ד אָ ר א

זיי וויל איך עס איצטער בענייען. דאָס גאַנצע מעבעל, וואָס שטעהט אין יענעם זאַל, האָב איך אַן אנדענק פון מיין מוטער.

ב ר ו ך

און איהר בענייט עס יעדעס מאָל?

ד אָ ר א

איך בעניי עס. דער זאַל קומט אויס נעבען מיכאלס ארבייט ציר־מער; כ'וויל עס איהם א סיורפריז מאכען.

ב ר ו ך

איהר בעהאַלט זיך דאָך אויך פאר איהם.

ד אָ ר א

אך, ניין. אין דעם ליעגט גאָר עפּעס אנדערש; א גאַנץ אנדערע געפיהל. אין דעם ליעגט עפּעס קינדערשעס. צי פלעגט זיך אייך ניט וועלען בעווייזען, קינדווייז, אייערע עלטערן עטוואָס אזעלכעס — אומגעריכטעס? פאר מיינע עלטערן, איבערהויפּט פאר מיין פאָטער, איז עס געווען די גרעסטע שמחה.

ב ר ו ך

העלמאן ווייסט אויך ניט פון דעם?

ד אַ ר א

ניין.

ב ר ו ך

אויב אזוי, בעדאַרפט איהר עס מיר אויך ניט דערצעהלען.

ד אַ ר א

וואָרום דען?

ב ר ו ך

ווייל, אויף וויפיעל מיר דאכט זיך, טראָג איך אין הארצען זעהר פיעל פון דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי מיכאל'ן אין זיין פערשלאָסענעם אטעליע.

ד אַ ר א

וואָס מיינט איהר מיט דעם?

ב ר ו ך

דאָס ליעגט שוין אין כאראקטער פון יעדען, אין ווען ס'איז נאָר פערבאָרגען א פונק שעפּפערישע קראַפט.

ד אַ ר א

עך, קינסטלער, קינסטלער... איך מיין אייך ניט צו בעליידיגען— נאָר אייערע ווענען זענען פאָר מיר אונפערשטענדליך. צי זענט איהר ניט געוועזען איבערגליקליך, דאן ווען די יוגענד האָט פון אייך פערלאַנגט דאָס בילד פון'ם זונענאויפגאנג? איך פערשטעה, אז איהר האָט נאָך קיין פינזעל אין האנד ניט גענומען.

ב ר ו ך

שוין אריבער די צייט. די זון זעה איך די לעצטע צייט בלויז ביי איהר אונטערגאנג.

ד אַ ר א

די יוגענד וועט עס פון אייך פאָדערן צום מאָרגענדיגען באַל.

ב ר ו ך

מאָרגען איז ביי אייך א באַל אין שטוב?

ד אָ ר א

יאָ, — אַ באַל.

ב ר ו ך

און העלמאַן ווייסט ניט דערפון.

ד אָ ר א

ער ווייסט ניט.

ב ר ו ך

ווייסט ער טאַקי ניט, וואָס עס קומט פאָר אין די איבעריגע צימערן דאָ?

ד אָ ר א

ניין, מיין פריינד! און וואָס וואונדערט עס אייך אזוי? איהר האָט פריהער געזאָגט, אז איהר טראָגט ביי זיך אין הארצען זעהר פיעל כון דעם, וואָס עס קומט פאָר ביי מיכאל'ן אין אַטעליע — און ווען גאָט וואָלט פון אייך אייער פרוי ניט צוגענומען אין די ערש־טע טעג פון אייער געמיינזאַמען לעבען — קענט איהר מיר ניט זאָגען, ווי איהר וואָלט זיך איצטער געשפּירט? וואָלט איהר ניט געזעסען איצטער פערשפּארט אין אייער אַטעליע, גאָרניט וויסענ־דיג וואָס עס קומט פאָר הינטער די טירען פון אייער זאָגענאַנטען אַ ר ב י י ט ס ־ צ י מ ע ר?

ב ר ו ך

איצטער, דאָרא, קען איך אייך גאָרנישט זאָגען.

ד אָ ר א

איהר רעכענט, אז איך טראָג אום סודות אין הארצען, וועלכע איך בעמיה מיר צו פערבאָרגען פון מיכאל'ן. — ס'איז גאַנץ איבעריג!

ב ר ו ך

איהר האָט מיך שלעכט פערשטאַנען, דאָרא. איך האָב ניט אויסען געוועזען אייך צו בעמערקען עפּעס וועגען אייער בעציהונג צו מי־כאל'ן.

ד אָ ר א

איהר האָט מיך שלעכט פערשטאַנען. — איך וועל אייך נאָר זאָגען

אַט וואָס: איך מיט מיינע אידעאַלען האָב זיך קיינמאָל ניט בע־האַלטען. — דערפאַר, וואָס איך בין אונמיטעלבאַר פּעראייניגט מיט׳ן לעבען אַליין. מכאַל און איהר און נאָך אַזעלכע ווי איהר — חלומ׳ען פון נייע וועלטען, פון נייע שעפּפונגען אין דער צייט, וואָס דאָס אַלטע בעט זיך, אַז מען זאָל עס בענייען. ניין, קיין נייס ווערט איהר קיינמאָל ניט שאַפען! זוכענדיג נייס האָט איהר אַרויס־געלאָזען פון אייער רשות דאָס וואָס איז געשאַפען גע־וואָרען. די וועלט איז שוין איינמאָל בעשאַפען געוואָרען! און די זון געהט אויף יעדען טאָג. איך האָב מיין אידעאַל אינ׳ם לע־בען געפונען. אויך צווישען די קנייטשען אויף די געזיכטער פון מיינע פערעלטערטע פאָטער און מוטער האָט צו מיר דאָס לעבען אַרויסגעקוקט. ווען זיי זענען שוין געלעגען אויף זייער טויט־טען־בעט, בין איך שטיל געשטאַנען און מיט פּאָרכט געקוקט אויף זייערע געזיכטער, פון וואַנען ס׳האָט צו מיר אַ ניי לעבען אַרויס־געבליקט. איך האָב דאָן אין זיך פרישע כחות דערפיהלט: איך בע־דאַרף לעבען, לעבען און מונטער זיין! אַזוי האָב איך צו מיר

[illegible]

ב ר ו ך

איהר בעדארפט ניט רעדען אזוי, דאָרא. איהר אליין, דאָרא, קען זיין, דענקט פיעל אנדערש און דעריבער האָט איהר זיך אזוי אויפ־גערעגט.

ד אָ ר א

ניין, מיין פריינד, מיין וועג איז פאר מיר גענוג אויסגעלייטערט און איך געה איהם גאנץ זיכער. איך וויל האָפען, אז דעם אייגע־נעם וועג האָב איך פאר מיינע קינדער אויך אָנגעצייכענט.

ב ר ו ך

קעהרט זיך אָב, ער לאָזט זיך אַראָב אויף אַ שטוהל, בעמיהט זיך צו פערבאָרגען זיין אויפרעגונג.

ד אָ ר א

וואָס איז אייך אזוינס?

ב ר ו ך

אך, וואָס מאטערט איהר מיין אויסגעמאטערט הארץ?

ד אָ ר א

ענטשולדיגט מיר, אפשר האָב איך אייך בעליידיגט מיט מיינע ווערטער, כ׳בין געווים ניט אויסען געווען אייך צו בעליידיגען.

ב ר ו ך

איהר האָט מיך ניט בעליידיגט, דאָרא.

ד אָ ר א

איך האָב אייך יאָ בעליידיגט, ענטשולדיגט מיר. נו, זאָגט, אז איהר ענטשולדיגט מיר.

ב ר ו ך

צי דען קענט איהר בעליידיגען עמיצען? אין אייערע ווערטער איז צופיעל אמת פארהאנען.

ד אָ ר א

ביי מיר האָט זיך פון הארצען ארויסגעריסען דאָס, וואָס כ׳טראָג שוין פופצעהן יאָהר אין איהם פערשלאָסען.

ב ר ו ך

מיין פריינד, אפשר בעשטעהט דאָס לעבען בלויז פון יענע ביטערע און שמערצליכע מאָמענטען, ווען אונזער נשמה פלאָגט זיך אזוי שטאַרק...

זיי שווייגען ביידע אַ לאַנגע צייט.

ד אָ ר א

אפשר האָט איהר רעכט.

ב ר ו ך

איך זעה, איהר ווילט מיך בערוהיגען, — איך בין שוין רוהיג. אפילו אין מיינע שווערסטע מינוטען... יאָ, איך מיין, אז ס'איז אינגאנצען איבעריג צו רעדען.

ד אָ ר א

צי אויפ'ן הערבסט־הימעל, צי אויפ'ן פריהלינגס־הימעל ווען עס רוקט זיך אַ וואָלקען אָן, מוז ער דאָך פארבייגעהן.

ב ר ו ך

איהר האָט רעכט: אלץ געהט פארביי, אלץ געהט פארביי...

ד אָ ר א

אזוי מיינט איהר. געוויס, יעדערער מיינט, ווי ער פערשטעהט. די וועלט איבערצומאכען איז שווער.

ב ר ו ך

געוויס, די וועלט איבערצומאכען איז זעהר שווער. — די וועלט איבערמאכען איז ניט קיין מעבעל איבערציהען.

ד אָ ר א

לאכט.

ב ר ו ך

וואָס לאכט איהר ?

ד אָ ר א

נו געוויס איז די וועלט איבערמאכען ניט אזוי גרינג ווי מעבעל איבערציהען... זי קלייבט צוזאמען די שטיקער סאמעט און זייד. איהר וועט גאָר געהן מיט מיר אין זאל אריין; איהר וועט מיר העל־

פען דאָס מעבעל איבערציהען. — אין דער דאָזיגער מעגליכקייט גלויבט איהר דאָך יאָ?

ב ר ו ך

אָ, זעהר.

ד אָ ר א

טאָ קומט מיט מיר, וועל איך אייך דערצעהלען, וואָס פאר א באַל עס גרייט זיך ביי אונז אין שטוב.

ב ר ו ך

איך האָף, אז איהר וועט אזוי אויך דערצעהלען.

ד אָ ר א

נו, וועל איך אייך לאָזען, איך וועל צו אייך ארייַנשיקען מיינע לייט, וועט איהר מיט זיי פערברענגען.

ב ר ו ך

ווי איהר פערשטעהט... איך וואָלט וועלען אליין בלייבען.

ד אָ ר א

מיט'ן גרעסטען פערגניגען. קיינער וועט אייך דאָ ניט שטערען.

געהט אַרויס.

ב ר ו ך

בלייבט אַליין זיצען, דער קאָפּ געבויגען.

מ י כ א ל ה ע ל מ אַ ן

בעווייזט זיך אין טיר. בעמערקענדיג שניירעזאָנען, דריקט זיין געזיכט פערוואונדערונג אויס. ער בלייבט אַ ווײַלע אויף זיין אָרט שטעהן, ניט וועלענדיג שטערען.

ב ר ו ך

אַך, מיכאל!

ער ווערט מונטערער. געהט מיכאל'ן אַנטקעגען. זיי דריקען זיך די הענד.

מ י כ א ל

נו, ברוך?

ב ר ו ך

ווי קומסטו אהער ?

מ י כ א ל

איך וואָלט פרעגען, ווי קומסטו אהער ? ווי עס ווייזט זיך ארויס, האָב איך קיין טעות ניט געהאט.

ב ר ו ך

וואָס מיינסטו דערמיט ?

מ י כ א ל

ווייל נעכטען האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז איך האָב דיין שטימע געהערט. ביזטו עס נעכטען אויך דאָ געווען ?

ב ר ו ך

יאָ, כ'בין דאָ נעכטען אויך געווען.

זיי קוקען זיך ביידע גלייך אָן אין די אויגען און שווייגען.

מ י כ א ל

ביזט אויך א סך געעלטערט געוואָרען, ברוך.

ב ר ו ך

יאָ, איך בין דאָ נעכטען אויך געווען. כ'האָב געוואָלט אין דיין טיר אָנקלאפּען.

מ י כ א ל

נאָר פארוואָס האָסטו עס ניט געטהאָן ?

ב ר ו ך

ווייל איך האָב אויך שטענדיג ליעב געהאט צו ארבייטען ביי פּער־מאכטע טירען — כ'האָב דיר ניט געוואָלט שטערען.

מ י כ א ל

דו האָסט ליעב געהאט צו ארבייטען ביי פערמאכטע טירען — און איצטער האָסטו זיך דערפון אָבגעוועהנט ?

ב ר ו ך

און איצטער... איצטער איז שוין באלד קיין אונטערשייד ניט.

מ י כ א ל

מהום...

ב ר ו ך

איך בין די לעצטע צייט א גאנץ אפטער גאסט ביי דיר אין הויז. כ׳האב אהער מיין טאכטער געבראכט, זאל זי מיט דיינע קינדער אינאיינעם וואקסען.

מ י כ א ל

מהום... זי איז דאך שוין געווים אויסגעוואקסען.

ב ר ו ך

ווי דיין עמא.

מ י כ א ל

ווי עמא... און זי איז צופריעדען?

ב ר ו ך

געווים איז איז צופרידען, ביי מיר אין דער היים האט זי אויס־געזעהען ווי אן איינזאמע פייגעלע אין א גרויסען שטייג.

מ י כ א ל

יא, ס׳קען זיין, אז דו האסט גוט געטהאן. דאס הארץ האט מיר טאקי די לעצטע צייט געזאגט. — כ׳וויים נישט וואָרום, ברוך, די לעצטע צייט האב איך פיעל געטראכט וועגען דיר... יא, שוין לאנג אין זי שוין דא?

ב ר ו ך

פרידע?

מ י כ א ל

יא, דיין קינד, מיין איך.

ב ר ו ך

שוין עטליכע טעג.

מ י כ א ל

עטליכע טעג — און איך האב עס גאר נישט געוואוסט.

ב ר ו ך

וועסט זיך נאך זעהן מיט איהר.

מ י כ א ל

געוויס, געוויס. דיינס א קינד. זעהר פיעל האָב איך די לעצטע צייט געטראַכט וועגען דיר.

ב ר ו ך

האָסט זיך אין די קינדערשע יאָהרען דערמאָהנט?

מ י כ א ל

נישט דאָס איגאַנצען. איך טראַכט גאַנץ אָפט: איין פּראָפעסאָר לערנט מיט הונדערטער שילער; לערנט זיי אויף איין אופן, ווי אַזוי דעם שטריך אויפ׳ן לייוועגד אנידערצולעגען; ענדיגען זיי — געהט יעדערער אַוועק אויף א גאַנץ בעזונדערען דרך.

ב ר ו ך

וואָרום גראַדע איצטער איז עס דיר אויפ׳ן זינען ארויפגעקומען?

מ י כ א ל

מהום... וואָרום גראַדע איצטער; וואָרום גראַדע איצטער. דאָס איז טאַקע א פראַגע. אייגענטליך ליעגט עס ביי מיר טיעף אין דער נשמה איינגעוואָרצעלט. דאָס איז דער יסוד פון מיין לעבענס־טראַגעדיע.

ב ר ו ך

וואָס ווילסטו זאָגען דערמיט?

מ י כ א ל

מערקווירדיג, מיר איז עס ארויף אויפ׳ן געדאַנק באַלד ווי איך האָב דיך דערזעהן ביי מיר. האָסט פריהער געזאָגט, אז דו ביזט ביי מיר אָן אָפּטער גאַסט און איך האָב עס גאָר ניט געוואוסט... דו האָסט אפשר געזעהן דאָרען?

ב ר ו ך

יאָ. איך האָב היינט מיט איהר די גאַנצע צייט פערבראַכט.

מ י כ א ל

זי איז געוויס נידערגעשלאָגען. ס׳איז קיין וואונדער ניט. גאָר קיין וואונדער ניט.

ב ר ו ך

האָסט, מיכאל, א טעות. — זי איז מונטער; שטאָלץ און פול מיט גלויבען.

מ י כ א ל

האָסטו מיט איהר גערעדט?

ב ר ו ך

טאקע אין דעם אייגענעם צימער.

מ י כ א ל

און נישט לאנג?

ב ר ו ך

איידער דו ביזט אריינגעקומען.

מ י כ א ל

מערקווירדיג, עפּעס ווי דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט.

ב ר ו ך

זעהסטו, העלמאַן, און איך האָב ניט ערווארטעט דיך צו זעהן אין דעם דאָזיגען צימער.

מ י כ א ל

פארוואָס?

ב ר ו ך

ווייל עס איז אביסעל צו ווייט פון דיין אטעליע.

מ י כ א ל

האָסט רעכט, ברוך. מהום... כ'האָב אָנגעהויבען און פערגעסען צו ענדיגען. עס וואונדערט דיך, כא, כא, כא — עס וואונדערט דיך, וואָס איך האָב פלוצלונג פערבלאָנדזשעט אזוי ווייט פון מיין אטעליע... א מענשענס נשמה — דאָס איז א שפּיגעל. — אבער בלויז די לינקע, די אומגעקעהרטע זייט שפּיגעל. און די זייט, אין וועלכער מען קען אריינבליקען — אָ, זי איז פערשטעלט. פאר יע־נעם, פאר'ן צווייטען, מיין איך, איז זי פערשטעלט. אָך, אָך, אָך, איך אליין, אין מיין נשמה, וואָס עס טהוט זיך, זעה איך זעהר גוט. מהום... און דערצו נאָך די נשמה פון א קינסטלער, עס דער־

צעהלט זיך, אז אמאָל איז גאָט ניט צופרידען געווען מיט זיין אר־
בייט, מיט דעם אלעמען, וואָס ער האָט בעשאפען אויף דער וועלט—
האָט ער א מבול אָנגעשיקט אויף דער ערד און אלץ וואָס אויף
איהר אומגעבראכט.

ב ר ו ך

דערצו בעדארף מען זיין שטארק ווי א גאָט.

מ י כ א ל

יאָ, שטארק ווי א גאָט בעדארף מען זיין, דאָס האָב איך געמיינט צו
זאָגען. מען בעדארף קענען אויפהויבען די האנד און אָבווישען
פון'ם לייוועגד אלץ, וואָס עס איז געשאפען געוואָרען, אויב דו
צווייפעלסט אין דיין ארבייט; אין דיינע אייגענע שעפּפונגס־
קרעפטען.

ב ר ו ך

און אפשר נאָך איידער עס ווערט פערענדיגט.

מ י כ א ל

ס'איז שוין קיין אונטערשייד נישט, וויבאלד נאָר מען הויבט אָן
צו צווייפלען אין דעם אייגענעם כח. — באלד ביי דער ערשטער
רגע.

ב ר ו ך

שטארק ווי א גאָט בעדארף מען זיין.

מ י כ א ל

אין אַ ווײַלע אַרום.

וויפיעל איז שוין אין דעם, צייט די אקאדעמיע האָט אונז ביי־
דען... כ'מיין, צייט די אקאדעמיע האָט אונז ביידען דיפּלאָמען
ארויסגעגעבען, אז מיר זענען שוין זעלבסטשטענדיגע מאלער?...
כאַ־כאַ, ז ע ל ב ש ט ע נ ד י ג ע — הער זיך צו, ברוך, צום
וואָרט, ווי שפּאָטיש ער קלינגט, שפּאָטיש, שפּאָטיש...

זיי בלייבען ביידע זיצען די קעפּ אראָבגעהאנגען, ווי זיי וואָלטען
זיך אין אַלטע זכרונות פערטיעפען.

ב ר ו ך

כ׳האָב שוין כמעט יענע צייט פערגעסען.

מ י כ א ל

פערגעסען!... ס׳איז דאָך אָבער יאָ געשעהן אמאָל. — ס׳איז דאָך אַ פאַקט אַ געשעהענער אין אונזער לעבען.

ב ר ו ך

וואָס מיינסטו דערמיט?

מ י כ א ל

דאָס איז אַליין אַן ענטפער אויף דיין פריהערדיגער פראַגע, פאַרוואָס דו האָסט מיך אין דעם דאָזיגען צימער געטראָפען און נישט אין מיין אַטעליע?... אַך, ברוך, מיר זענען דאָך אמאָל גאָר קליינע קינדערלעך געווען! דו געדענקסט עס נישט, ברוך...

ב ר ו ך

און דו געדענקסט, אַז מיר האָבען ביידע ליעב געהאַט נאָך אַ רעגען צו שטעהן און קוקען אויפ׳ן רעגענבויגען; צעהלען די פאַרבען אין איהם?

מ י כ א ל

מערקווירדיג! וועגען דעם טראַכט איך דאָך איצטער!

ב ר ו ך

צו דעם רעגענבויגען האָט אונז שוין אינסטינקטיוו געצויגען אונזער יונגער קינסטלערישער פייער.

מ י כ א ל

אָבער דו געדענקסט עס גוט?

ב ר ו ך

וואָרום זאָל איך עס ניט געדענקען? איך געדענק נאָך, ווען כ׳האָב נאָך גאָר אַ קליין קינד זייענדיג, מיט שטיקלאַך קויהל אומעטום געשמירט, געוואָלט עפּעס שאַפען — און די מוטער מיינע האָט מיר איבער די הענטלעך געשלאָגען. זי האָט ניט געמערקט, אַז אונטער די גראָבע, שווארצע קויהלען־שטריכען האָט זיך שוין עפּעס

גערעגט. דארט האט זיך שוין געצאפּעלט מיין צוריסען הארץ, מיין צופלאַגטע נשמה.

מ י כ א ל

רעד עס ניט, ברוך; דאָס איז אונערטרעגליך.

ב ר ו ך

ווי א שווערער חלום האט זיך עס נאָך דאן אַנגעהויבען. פריהער נאַאיוו, ליכטיג, קינדיש־שעהן — און וואָס ווייטער שווערער, פינסטערער ווי א מורא׳דיגער קאָשמאר, וועלכער האט מיין גאַנ־צען וועזען, מיין גאַנץ לעבען ארייגעכאַפּט. ווי נאַאיוו!... שטעהען צוויי אלטע לייט און דערמאַהנען זיך אין זייערע קינדערשע חלומות; קינדערשע ליכטיגע טעג. כאַ־כאַ־כאַ... אַ, יענע שוואַר־צע, גראָבע קויהלען־שמיכען און די אונענדליך דינע פארבען פון דעם רעגענבויגען!

מ י כ א ל

איך האָב שוין ליעב געהאט צו קוקען אויפ׳ן רעגענבויגען נאָך איי־דער איך האָב זיין בעדייט געוואוסט.

ב ר ו ך

און געדענקסטו, וואָס די מוטער האָט אויף דעם ערקלערט?

מ י כ א ל

מיר האָט עס מיין פאָטער ערקלערט.

ב ר ו ך

אז דער רעגענבויגען איז א צייכען, אז גאָט וועט שוין מעהר דאָס געשאפענע ניט אומברענגען?

מ י כ א ל

אַ, ניין, מיר האָט מיין פאָטער גאַר עטוואָס אנדערש ערקלערט. אין דעם איז א גרויסער טייל אמת געלעגען. ער האָט מיר ער־קלערט, אז דער רעגענבויגען — דאָס איז דער סימבאָל פון האר־מאָניע און גאַנצקייט. דער גרויסער וועלט־מייסטער ער געפינט אזוי, אז אלץ וואָס מיר זעהען ארום זיך אין דער נאַטור, אלץ וואָס מיר קענען מיט אונזערע חושים בעגרייפען, איז ג א נ ץ און

ה א ר מ אָ נ י ש. הערסט, ברוך, — אין אלץ וואָס ארום אונז! אָט אין וואָס אונזער טראַגעדיע בעשטעהט, ברוך; כ'מיין מיין טראַגעדיע. איך וואג נישט צו טראכטען אנדערש. איך קען עס נישט פערגעסען: מיינע פענסטער קומען צו מזרח ארויס און יעדעס מאָל, נאָך א גרויסען געוויטער, נאָך שטורם און רעגען, ווען דאָס הארץ הייבט אָן צו צווייפלען אין דער פאָלקאָמענהייט און אין דער גאנצקייט פון גאָטס וועלט — דאן בויגט ער זיך, דער רעגענבויגען, אויס מיט גבורה אין וואָלקען אנטקעגען מיינע פענסטער, ער קוקט מיט עקשנות צו מיר און ווינקט: פון מיר זאָלסטו א ביישפּיעל נעהמען אין אלע דיינע שעפּפונגען, אין אלע דיינע חלומות, פון מיר זאָלסטו א ביישפּיעל נעהמען. און ווי קליין ווער איך דעמאָלט. איך קוק צו די טויטע אונבעהאָלפענע פארבען און קוק אויף דער גרויסער ליכטיגער וועלט, וועלכע האלט זיך אין איין בעוועגען...

ב ר ו ך

גאָר ניט צופעליג האָבען מיר זיך היינטביידע געטראָפען.

מ י כ א ל

נישט צופעליג זאָגסטו? מערקווירדיג, ווי דאָס הארץ מיינס האָט זיך די לעצטע צייט געוועקט. ווייסטו, נעכטען בין איך א צייט אין דעם צימער געזעסען און אפשר אין אן אנדערן — איך געדענק ניט אויף קלאָר — און איך האָב ווי אויף עמיצען געוואַרט. ס'האָט מיך פון דער ארבייט געריסען. א פרעמדער געפיהל, גאָר אונפערשטענדליך פאר מיר אליין, האָט מיך געצויגען צום שלאָס פון מיין טיר — זי צו עפענען: איינמאָל פאר אלעמאָל זי צו עפענען. איך שעהם מיך... ברוך, איך שעהם מיך... מהום, ווי שרעקליך דאָס איז! ס'איז אונערטרעגליך, ברוך...

ב ר ו ך

הויבט אויף דעם קאָפּ, וועלכער איז געווען אויפ'ן ברוסט געזונקען, ווערהרענד מיכאל האָט גערעדט. זיין געזיכט איז בלאַס.

און דאָרא?

מ י כ א ל

דאָרא מיינסטו?

ב ר ו ך

קומט זי אַמאָל אריין אין דיין אַטעליע?

מ י כ א ל

זי גלויבט נאָך אַלץ אין מיין ארבייט... זי גלויבט, אַז איך וועל די טירען עפּענען — הער זיך נאָר גוט איין, ברוך, — איך וועל די טירען פון מיין ארבייט־צימער עפּענען און פון דאָרט וועט פאַר איהרע אויגען עטוואָס גרויסעס, עטוואס ליכטיגעס ערשיינען. ליכטיגעס — ווי איך האָב עס איהר אמאָל צוגעזאָגט.

ב ר ו ך

האָסטו איהר, ווירקליך, אַזעלכעס צוגעזאָגט?

מ י כ א ל

געשוואָרען ביי דאָס הייליגסטע.

ב ר ו ך

צו וועלכער צייט?

מ י כ א ל

ס'איז קיין אונטערשייד ניט. דאָס, וואָס כ'האָב ביז איצטער געשאַפען, פון מיין קינדהייט אָן... איך זאָג, פון מיין קינדהייט אָן— ווען איך האָב צום ערשטען מאָל געזעהען, ווי איבער דער ערד, אין פריהלינג, רוקט זיך אַ געוויטער אָן — מיין ערשטע בעוואונדערונג, מיין ערשטע אויפרעגונג איז שוין געווען דער אָנהייב פון מיין איצטיגען גוסס'דיגען אידעאַל.

ב ר ו ך

און איצטער?

מ י כ א ל

איך בין מיעד. פינסטער איז מיר ארום און ארום, ווי דורך מיינע גרויסע פענסטער וואָלט גאָר קיין ליכט ניט אריינגעשיינט; ווי גאָר ניישט אנטקעגען מיינע פענסטער וואָלט טעגליך די זון אויפגעהן. איך עפען שטיל די טיר און גנב'ע זיך ארויס פון מיין אַטעליע און

דרע מיך אום מיט לײדיגע הענד אין די צימערן, וועלכע זעהען פאר מיר ווי פרעמדע אויס... און טרעף איך מיך מיט מיינס א קינד, האב איך פאר דעם קיין ווערטער ניט, דאס הארץ קלעמט און אין מויל איז קיין ווערטער ניטא... ווייסטו וואס דאס בע־דייט, ווען דיר פעהלען ווערטער פאר דיין ליעבסטען? ווען ארום דיינע ליפען פעהלט דער שמייכעל פאר דעם, וואס חלום׳ט אפ׳שר פון דיר טאג און נאכט. טאג און נאכט?...

ב ר ו ך

און דיין ארבייט?

מ י כ א ל

האלט ביים אונטערגעהן.

ב ר ו ך

ביים אונטערגעהן...

מ י כ א ל

עס פעהלט מיר די געטליכע קראפט.

ב ר ו ך

צו פערענדיגען?

מ י כ א ל

ניין! מיר פעהלט די געטליכע קראפט, איך זאל מיט מיינע אייגענע הענד אבווישען פון׳ם לייוועגט אלץ, וואס כ׳האב מיט מיין געדאנק, מיט מיין הארץ געשאפען!... געדענקסט, ברוך, ווי מיר זענען אין דער יוגענד געווען עהנליך איינער צום אנדערן?

ב ר ו ך

יא, זעהר עהנליך, אלע פראפעסארען האבען עס געזאגט.

מ י כ א ל

כאפט ברוכ׳ן פאר׳ן האנד.

ווערסט געהן מיט מיר?

ב ר ו ך

וואוהין מיינסטו?

מ י כ א ל

צו מיר, אין מיין אטעליע.

ב ר ו ך

קענסט עס נאך ביי זיך פועל'ן? מיך פיהרען אהין, צו דיר?

מ י כ א ל

ווארום וואס — ס'איז דען אזוי שרעקליך, מיינסטו?... יא, דו מיינסט אזוי? וואס שווייגסטו?

ב ר ו ך

ענטפערט ניט.

מ י כ א ל

מיינסטו עס ווירקליך, ברוך? מיר זענען דאך אין דער יוגענד אזוי עהנליך געווען איינער צום אנדערן.

ב ר ו ך

איצטער זענען מיר נאך פיעל עהנליכער איינער צום אנדערן.

מ י כ א ל

דו געפינסט עס?

ב ר ו ך

יא, איך געפין עס און דעריבער וויל איך צו דיר, אין דיין אטעליע ניט געהן.

מ י כ א ל

ווילסט עס נישט טהאן דיין חבר פון דער יוגענד?

ב ר ו ך

איך האב מורא.

מ י כ א ל

האסט מורא, מהום... כ'מיין, כ'וויל, דו זאלסט מיט דיין האנד צו מיין ארבייט עטליכע שטריכען צוגעבען — מיט דיין האנד; איך אליין וועל שטעהן פון ווייטען — פיליכט וועט עס מיר צוריק מיין גלויבען, מיין כח...

ב ר ו ך

דו, מיכאל, פערלאנגסט פון מיר הילף?!

מ י כ א ל

עס פעהלט איהם אויס אָטעם, ער ווערגט זיך מיט די ווערטער.

אך, ניין, נישט דאָס, נישט דאָס...

ב ר ו ך

מיין האנד ציטערט אויך; ניט זיכער איז שוין דער פינזעל אין מיין האנד.

מ י כ א ל

גאָר אזוי. ציטערט אויך. ניט זיכער... אבער ניט דאָס האָב איך געמיינט; אך, אז גאָר נישט דאָס... פערשטעהסטו, איך וויל גאָר, אז דו זאָלסט דערביי שטעהן; פערשטעהסטו, מיך וועט עס שטאַרקען, ווען איך וועל דיך שפירען הינטער מיינע פּלייצעס.

ב ר ו ך

און דו וואָס?

מ י כ א ל

איך וועל מיט א פּינזעל שווארצען פארב פערשמירען אלץ — אלע מיינע אידעען; אלץ, וואָס כ'האָב געשאַפען; אלץ, וואָס כ'האָב געוואָלט...

ב ר ו ך

שווייג, דאָס איז שרעקליך! ס'איז שרעקליך, מיכאל...

ביידע שטעהען מיר ביים ברעג פון'ם פינסטערען אבגרונד.

מ י כ א ל

וואָס רעדסטו?...

ב ר ו ך

איך בין שוין לאנג אנטלאָפען געוואָרען פון מיין ארבייטס־צימער. איך בין פערוואָגעלט געוואָרען. כ'האָב אלץ אין מיטען געלאָזען. און וואו איך קעהר מיך און וואו איך ווענד מיך — הער איך אלץ דאָס הארצרייסענדע געוויין פון מיינע ניט־פערענדיגטע שעפּפונגען. זיי וויינען, איך זאָל זיך צוריק צו זיי אומקעהרען. איך זאָל זיי דאָס אמת'ע לעבען געבען. זיי ווילען ניט קיין פערקריפּעלטע

אויף דער וועלט ערשיינען. און מיר פּעהלט די קראַפט, מיינע שעפּ־
פונגען דאָס לעבען צו געבען.

מ י כ א ל

דאָס לעבען זיי געבען — ל ע ב ע ן א ו ן ה א ר מ א נ י ע, —
מיר ביידע שטרעבען דאָך צו איין גרויס, אונשטערבליך ווערק.

ב ר ו ך

איצטער, מיכאל, איז אונזער וועג איינער.

מ י כ א ל

כאַפּט איהם פאר ביידע הענד.

לאָמיר אונזער ביידענס קראַפט פעראייניגען!

ב ר ו ך

אומזיסט: מיר ווילען נאָר בלויז אונזער טרויער פערדאָפּלען.

מ י כ א ל

זאָוויב אונזער פעראייניגטער כח וועט אונז נישט גענוג זיין אויף
צו שאַפען איין ג ר ו י ס, ל י כ ט י ג און ל ע ב ע־
ד י ג ווערק, דאן זאָל... דאן זאָלען אונזערע פעראייניגטע
קרעפטען פערניכטען אלץ, וואָס האָט פאר אונז אזא פינסטערען
אַבגרונד אויפגעעפענט. קום מיט מיר, מיין ברודער! ביזט דאָך
איצטער מיין ברודער...

ב ר ו ך

ס'איז אונערטרעגליך.

מ י כ א ל

כחות פרישע, איצטער איז די צייט, ברוך!

ב ר ו ך

יאָ, לאָמיר ביידע אונזערע כחות פעראייניגען.

מ י כ א ל

כאַ־כאַ... דו ביזט גרייט?

ב ר ו ך

יאָ, לאָמיר אונזערע ביידענס כחות פעראייניגען, מיר זאָלען אין
דעם פינסטערען אַבגרונד ניט אריינפאַלען.

זיי שטעהען ביידע ווי פער'שכור'טע, האַלטען זיך ביידע פאר די הענד, עס זעהט אויס, אַז ווען זיי וואָלטען איינער דעם צווייטענס האַנד אַבּגעלאָזט, וואָלט ביי זיי קיין כח ניט געקלעקט אויף די פיס זיך צו האַלטען. פון צווייטען צימער הויבט זיך ווידער אָן צו הערען עכאָס שטימע זינגענדיג. זיי הערען זיך ביידע צו אָנגעשטרענגט, ווי פון אַנדערע וועלטען וואָלט צו זיי דאָס געזאנג ציהען.

מ י כ א ל

שעפּטשעט.

שרעקליך, ווען די זון געהט אויף נאָך האַלבער נאַכט!...

ד אָ ר א

בעווייזט זיך אין טיר. בעמערקענדיג די אָנוועזענדע, ווערט איהר פרעהליך געזיכט גלייך פערוואָלקענט. זי מאַכט אַ פּאָר טריט, ווי זי וואָלט וועלען עפּעס זאָגען, נאָר באַלד ציהט זי זיך צוריק, קוקענדיג צו זיי מיט שמערצליכע בליקען.

דריטער אקט.

בײ מיכאל העלמאַן.

אַ גרױסער גאַסט־צימער, צוגעקליבען מיט גרױס געשמאַק אין אַ העל גרינעם טאָן. רעכטס דרײ גרױסע פענסטער. לינקס אײן טיר, װעלכע פיהרט צום אַלגעמײנעם קאָרידאָר. אין דעם הינטערגרונד אַ טיר צו מיכאל העלמאַן אין אַטעליע. די טיר איז פערמאכט. אויף די װענד קאנדילאַברען. אין מיטען זאַל הענגט אַ גרױסער קריסטאַלענער זשיראַנדאָל. אַװענד. אין אײן קאַנדעלבאַר ברענען צװײ ליכט.

ברוך

זיצט אויף אַ זאָפע רעכטס צװישען די פענסטער. זײן קאָפּ אויף די הענד אָנגעשפּארט.

דאָרא

זי קומט אַן פון טיר לינקס. טראָגט אַ העל־בלויע אָװענד־קלײד, װי זי װאָלט עמיצען זוכען. זי בעמערקט ברוך'ן.

גאָר דאָ זיצט איהר? כ'האָב געמײנט, איהר זענט שוין אװעקגעגאַנגען.

ברוך

ער הױבט אויף זײן קאָפּ. ס'איז צו מערקען, אז פאַר די לעצטע עטליכע טעג איז ער שטאַרק געעלטערט געװאָרען. זײן שטימע איז פינסטערער געװאָרען.

יאָ, איך האָב שוין געװאָלט אװעקגעהן.

דאָרא

איך מײן, אז איהר װעט עס מיר ניט טהאָן. איהר װעט דאָך בלײבען... װאָרום ענטפערט איהר מיר ניט, הערר שנײערזאָן? איהר

שווייגט; אבער ניט שטענדיג קען מען מיט'ן שווייגען דעם צוויי־טען פיעל־וועניג מיטטיילען.

ב ר ו ך

איך וועל באלד געהן.

ד אָ ר א

איהר וועט בלייבען.

ב ר ו ך

דאָס קען ניט געמאָלט זיין. מיר איז זאָגאר שווער אייך אן ער־קלערונג אויף דעם צו געבען. היינט בין איך אהער געקומען געגען מיין ווילען. איהר פערשטעהט, איך האָב היינט קיין רעכט נישט געהאט דאָ צו זיין. איך האָב געקענט מיכאל'ן ווידער בעגעגנען — און דאָס וואָלט שוין פאר אונז ביידען געווען איבער די קרעפטען.

ד אָ ר א

און וואָס צווישען אייך איז פאָרגעקומען — בלייבט פאר מיר אן אונהיימליכער סוד. איך וועל מיך בעמיהען היינט וועגען דעם ניט צו קלערען... איהר האָט קיין רעכט ניט געהאט צו זיין, — זאָגט איהר — אָבער איהר זענט דאָך געקומען...

ב ר ו ך

מיר האָט זיך געדאכט, אז איך האָב נאָך נויטיג געהאט מיט אייך צו רעדען וועגען מיין קינד, וועלכעס איך האָב אויף אייערע זיכערע הענד געלאָזען... נאָר קומענדיג אהער, האָב איך געשפירט, אז ס'איז גאנץ איבעריג. איך בין זיכער און מיין הארץ איז רוהיג.

ד אָ ר א

פון איין זייט פערשאפט עס מיר פיעל פערגניגען, נאָר אייער רו־היגקייט — דאָס בעאונרוהיגט מיך.

ב ר ו ך

נו געוויס בין איך רוהיג, ווען איך האָב פאר איהר אזא מוטער אויסגעפונען.

ד אָ ר א

זאָל זיין אזוי, איך וועל מיך בעמיהען אייך צו גלויבען. און איב־

גאנצען וועט איהר ערשט פערטרייבען פון מיין קאָפּ דעם געדאנק, וואָס בעאונרוהיגט מיך, ווען איהר וועט דאָ היינט בלייבען אויף אונזער היימישען קינדער־באַל. די קינדער וועט עס זעהר פיעל פערגניגען פערשאפען. זיי האָבען זיך דאָך אזוי פיעל געגרייט.

ב ר ו ך

איך קען אייך ניט זאָגען וויפיעל שמערצען דאָס פערשאַפט מיר, איך זאָל אייך בעדארפען ענטזאגען. איך וואָלט, דאכט מיר, גאָר קיינמאָל קיין דרייסט ניט געהאט אייך צו ענטזאגען — נאָר דאָס־מאָל...

ד אָ ר א

בעדארף מען ניט. ענטשולדיגט מיר, וואָס כ'האָב אזוי פיעל וועגען דעם גערעדט. ס'איז ווירקליך נאריש פון מיר.

ב ר ו ך

אך, וואָס רעדט איהר, דאָרא? צי דען פערשטעה איך ניט אייער הארץ היינטיגען אָוועגד? כ'האָב דאָך אלץ געקענט בעמערקען. איך וויים, מיין פריינד, וואָס פאר א בעדייט היינטיגער טאָג האָט פאר אייך, און דעריבער קען איך דאָ לענגער ניט בלייבען.

ד אָ ר א

איך האָב גאָרניט צו אייך.

ב ר ו ך

וויבאלד אזוי, קען איך איצטער רוהיג פון דאנען אוועקגעהן. דריקט איהר האַנד. איך דאנק אייך פאר אלץ, דאָרא; איך דאנק אייך פאר אלץ. אפשר האָב איך היינט ניט אזוי דייטליך זיך אויסגעדריקט— איז עס דערפאר, ווייל כ'האָב ניט געקענט; ווייל... איינס וויל איך אייך נאָר זאָגען, נאָר דאָס בעדארפט איהר וויסען...

ד אָ ר א

איך האָב אין אונזערע געשפּרעכען קיינמאָל ניט אויסען געוועזען, מיט וועלכען ס'איז געראנק אייך אונאנגענעהם צו מאכען.

ב ר ו ך

ניט דאָס, ניט דאָס... איך קען היינט מיט מיין קינד ניט בלייבען צוזאמען: קינדער טאָרען ניט זעהן זייערע עלטערן אין א טרויער־ריגען צושטאנד. זיי טראָגען ניט וויסען, אז ביי זייערע עלטערן איז דאָס הארץ צוריסען. פערשטעהט עס... איך זאָל זיך אבער איצטער צוריק אין א קינד פערוואנדלען, — דאָס קען שוין איצטער ניט געשעהן... א גוטע נאכט!

ד אָ ר א

א גוטע נאכט!

ב ר ו ך

יאָ, א גוטע נאכט.

געהט געשווינד ארויס.

ד אָ ר א

זי בלייבט אַ ווײַלע אויף איהר אָרט. קוקט נאָך ברוכ׳ן.

ב ר ו ך

ער בעווייזט זיך אין טיר.

און מיין קינד זאָלט איהר זאָגען, אז איך וועל... אך, ניין! גלייכער, אז איהר וועט איהר גאָרנישט זאָגען, גאָרנישט זאָגען...

פערשווינדט.

ד אָ ר א

געהט איהם נאָך.

ניין, איך וועל איהר גאָרנישט זאָגען... פיליכט וועל איך איהר אַט וואָס זאָגען...

איז שוין אויף יענער זייט טיר, שטיל. עס הערט זיך דאָס קלאַפּען פון דער ארויסגאַנגס־טיר.

ד אָ ר א

קומט צוריק דורך דער אייגענער טיר; איז אויפגערעגט און דאָך דריקט איהר געזיכט אויס דערהויבענקייט. אַ ווײַלע בלייבט זי נעבען טיר, ווי זי וואָלט זיך בעדענקען. זי געהט שטיל צו מיכאַלס טיר. זי בעמיהט צו געוועלטיגען אַליין מיט זיך, נאָר דער אינערליכער שטורם

שטאַרקט אַלץ איבער. ענדליך קלאַפּט זי גאַנץ פּאָרזיכטיג אין מיכאלס טיר. עס קלינגט דער שלאָס פון אינווענינ, די טיר עפנט זיך און עס בעווייזט זיך מיכאל.

מ י כ א ל

איז בלאַס, מיעד. קוקט פערוואונדערט צו דאָרען.

ד אָ ר א

האָט אָבגעטרעטען אָן אַ זייט. זעהט אויס ווי אַ קינד, וואָס מען האָט בעמערקט ביי וועלכען ס'איז פערברעכען, רעדט מיט אַ ציטערנדער שטימע.

דאָס בין איך, מיכאל.

מ י כ א ל

דאָרא...

ד אָ ר א

ענטשולדיג מיר, אויב איך האָב דיר געשטערט.

מ י כ א ל

דו ביזט עס, דאָרא... ביזט לאַנג געווים הינטער דער טיר גע־שטאַנען. כ'האָב עס געשפּירט.

ד אָ ר א

האָסט געשפּירט, מיכאל? איך בין דאָך אַזוי שטיל צוגעגאַנגען.... איך האָב דאָך אַזוי שטיל אָנגעקלאַפּט, מיכאל...

מ י כ א ל

און דו, דאָרא, האָסט אין מיין טיר אָנגעקלאַפּט... דו, דאָרא... אַ, ווי לאַנג דאָ סאיז שוין נישט געשעהן!

ד אָ ר א

נאָך מעהר אויפגערעגט.

און ווי איך האָב הינטער דער טיר געציטערט האָסטו געהערט, מיכאל? מיכאל מיין...

מ י כ א ל

כאַפּט זי אָרום.

מיין קינד! ווי לאַנג דאָס איז שוין נישט געשעהן! ווי לאַנג, דאָרא, דאָס איז שוין נישט געשעהן!

ד אָ ר א

טרוימער מיינער, טרוימער מיינער...

מ י כ א ל

יאָ, דאָרא, א טרוימער בין איך. לאַנג, לאַנג ציהט ער זיך, דער טרוים. און ווען דו בעווייזט זיך פאַר מיין טיר, ביזטו געגליכען פאַר מיר צו דער זון, וואָס בעלייכט מיר דעם לאַנגען אונענדליכען חלום מיינעם.

ד אָ ר א

געוועזען צייטען, ווען כ׳האָב געמיינט, אז די טיר וועט זיך שוין קיינמאָל ניט עפענען... אך, ניט דאָס האָב איך געוואָלט זאָגען... ניין, איצטער וועל איך דיר גאָרנישט זאָגען... אלץ האָב איך פערגעסען.... אלץ האָב איך פערגעסען...

ביידע שווייגען אַ צייט.

מ י כ א ל

וואָס ציטערסטו אזוי, מיין קינד?

ד אָ ר א

פאַר גליק. מיר איז שווער מיין גליק צו פערטראָגען...
אַ, מיכאל!...

מ י כ א ל

מהום... דיין גליק...

ד אָ ר א

די צוואנציג פערגאנגענע יאָהרען האָבען זיך אלע צו מיר אומגעקעהרט און זיי האָבען מיך אלע, ווי א ווירבעל־ווינד, אין מיטען ארייננעכאפּט.

מ י כ א ל

וואָס פאַר א צוואנציג יאָהר?

ד אָ ר א

שפּעטער, שפּעטער.

מ י כ א ל

בערוהיג דיך מיין קינד...

ד אָ ר א

איך בין שוין רוהיג... כ'האָב מיך ווי א קליין קינד פערגעסען. אויף איין ווײַלע פערגעסען. איך בין שוין רוהיג, מיכאל... מיר האָבען דאָך אזוי פיעל צו רעדען און איך האָב מיך ווי א קליין קינד פער־געסען, וואָס מיט מיר איז... זעהסטו, איך בין שוין רוהיג.

מ י כ א ל

קוקט זיך אַרום.

דאכט זיך, דאָס מעבעל האָט מען איבערגעצויגען דאָ אין צימער: ראָז איז עס אמאָל געווען.

ד אָ ר א

יאָ, ראָז איז עס געווען, ראָזע זייד און אטלאס.

מ י כ א ל

מיר דוכט, אז ראָזע סאמעט.

ד אָ ר א

שמייכעלט.

שוין צוויי יאָהר, אז כ'האָב דאָס מעבעל ניט איבערגעצויגען.

מ י כ א ל

פערוואונדערט.

צוויי יאָהר...

ד אָ ר א

נו, און איצטער ווי זעהט עס דען אויס?

מ י כ א ל

דאכט מיר, גרין. ס'איז שווער אונטערצושיידען אין דער דאָזיגער בעלויכטונג. ווארום איז דאָ נישט ווי געהעריג ליכטיג?

ד אָ ר א

ס'איז דאָך בלויז אונזער גאסט־צימער.

און מיר אליין זענען די געסט אין איהם... יאָ; און מיר אליין זע־נען די געסט אין איהם.

מ י כ א ל

זיי זעצען זיך אויפ׳ן דיוואן רעכטס.

ד אָ ר א

דו האָסט זיך אזוי דערוויטערט פון אלעמען; קיינער קומט ניט אהער — זענען מיר אליין דאָ געבליבען די איינציגע געסט.

מ י כ א ל

יאָ, איך האָב זיך דערווייטערט.

ד אָ ר א

נאָר איך פערלאַנג פון דיר קיין זאך ניט. ווי ווייט דו זאָלסט ניט זיין פון מיר, ביזטו פאר מיר דאָס גאנצע לעבען מיט אלע זיינע רייכקייטען און פריידען.

מ י כ א ל

זאָג מיר, דאָרא, וואָס איז פארהאנען אזעלכעס אויסער דעם דאָ־זיגען גאסט־צימער, וועלכעס איך מערק נישט? מיר דאכט, אז דו ברענגסט שטענדיג, פון יענער זייט פענסטער אונזערע, ברענגסטו דאָס ליכט אין הויז אריין צו טראָגען.

ד אָ ר א

דאָס גאנצע לעבען האָט צו מיר שטענדיג געשטראָמט פון דאָר־טען.

בעוויזט צו מיכאלס טיר.

מ י כ א ל

וויפיעל גלויבען דו טראָגסט נאָך אין דיין הארצען! וואו זענען אונ־זערע קינדער?

ד אָ ר א

מיין טייערער! וועגען דעם טראכט איך די גאנצע צייט. האָסט מיך קיין איין מאָל וועגען זיי ניט געפרעגט. וויפיעל שמערצען דאָס פערשאפט מיר, מיכאל!

מ י כ א ל

מיינסטו, איך טראכט גאָר קיינמאָל נישט וועגען זיי?

ד אָ ר א

מיר דאכט, אז קיינמאָל ניט; דו טראכסט קיינמאָל ניט וועגען זי׳. זי׳ו מערקסט גאָר ניט, ווי זיי וואקסען.

מ י כ א ל

ניין, דאָרא; נישט דאָס... צוויי הענד האָט דער מענש, פון וועלכע ער ווייסט. נאָר מיט יעדען מענשען ווערט נאָך א דריטע האנד, אומ־בעמערקט פון איהם, ווערט זי געבוירען. דער מענש ווייסט ניט פון איהר. דער מענש מערקט זי נישט. און ווען דער מענש בויט עט־וואָס — בויט די אומבעקאנטע האנד נאָר דאָס פערקעהרטע. און קיינמאָל איז קיין גאנצקייט נישטאָ אין דעם מענשענס ארבייט.

ד אָ ר א

קיינמאָל נישט?

מ י כ א ל

און ווער ווייס, ווי לאנג נאָך דער מענש וועט מלחמה האלטען אליין מיט זיך: ער וועט בויען, גאָר ניט מערקענדיג, אז די פערבארגע־נע האנד שלעפּט איינציגווייז ארויס די ציגעל פון דעם באָדען.

ד אָ ר א

פארוואָס רעדסטו איבער דעם גראָד אין דער צייט, ווען איך האָב וועגען די קינדער דערמאָהנט?

מ י כ א ל

ווער האָט אין דיין נשמה אזוי פיעל גלויבען פערפלאנצט? פון וועלכען קוואל האָסטו עס געשעפּט?

ד אָ ר א

דו האָסט דאָך עס מיר געלערנט.

מ י כ א ל

איך?

ד אָ ר א

דו האָסט דאָך מיך געלערנט, אז ווען די זון פערגעהט, זאָל איך גלויבען, אז מאָרגען וועט זי אויפגעהן, לויטער און ליכטיג.

מ י כ א ל

און די זון פערגעהט טאָג אין טאָג...

ד אָ ר א

און די זון געהט אויף טאָג אין טאָג. און איינמאָל — האָסטו מיר דערצעהלט — וועט קומען א טאָג, ווען די זון וועט אויפגעהן, און אז זי וועט דערגרייכען דעם רעכטען מיטען הימעל, וועט זי שוין דאָרט בלייבען אויף איהר אָרט, אין מיטען הימעל, און קיינמאָל וועט זי שוין מעהר ניט פערגעהן. און אזוי, פון איהר גרעסטער הויך, וועט זי בעלייכטען אונזער לעבען.

מ י כ א ל

פערוואונדערט.

איך האָב עס דיר געזאָגט?

ד אָ ר א

יאָ, דו, און איך האָב נאָך ניט אויפגעהערט צו גלויבען און צו האָפען. און דאָס וועט געשעהן דאן, ווען דער מענש וועט מיט אָפענע אויגען דעם לעבען אין די אויגען אריינקוקען...

מ י כ א ל

דאָס לעבען, דאָס לעבען... ווער האָט פון זיין אמת'ן קוואַל געטרונקען?...

ד אָ ר א

זי קושט איהם אויפ'ן קאָפּ.

איך טרינק פון איהם, מיכאל... צוואנציג יאָהר זענען שוין פערביינגענגאנגען, און ווי איך וואָלט דיך היינט צום ערשטען מאָל געטראָפען... צי ווייסטו עס, מיכאל, אז צוואנציג יאָהר זענען שוין פארבייגעגאנגען?...

מ י כ א ל

צוואנציג יאָהר...

ד אָ ר א

צוואנציג יאָהר זענען אריבער — און יעדעס מאָל פלעג איך מיך

ווי די קליינע טילע פער׳גנב׳ענעז הינטער דיין טיר, מיט הארצקלאפּ דאָרט שטעהן און פערגעסען אַן אַלץ...

ביידע שווייגען א צייט.

מ י כ א ל

מיט צוואנציג יאָהר צוריק, ווען מיר האָבען זיך ביידע געטראָפען צום ערשטען מאָל, האָבען מיר אויך דעמאָלט ביידע ווי איצטער גע־שוויגען. איך האָב דאן געהאָפּט אין דיר צו געפינען יענעם פעסטען באָדען פאר מיין קינפטיגען אידעאל.

ד אָ ר א

און האָסט ניט געפונען?

מ י כ א ל

איך האלט נאָך אין זוכען.

ד אָ ר א

און אין אונזערע קינדער מיינסטו גאָרנישט צו געפינען?

מ י כ א ל

ענדליך האָסטו זיך אליין אין מיין לעבענסבילד פערוואנדעלט.

ד אָ ר א

איך? אין דיין לעבענסבילד?

מ י כ א ל

דו, דאָרא, דו.

ד אָ ר א

און די קינדער אונזערע? און זיי?... צוואנציג יאָהר זענען פאר־בייגעגאנגען. היינט האָט דער צוואנציגסטער יאָהר געמיטען.

מ י כ א ל

היינט?

ד אָ ר א

יאָ, היינט. דערמאָן זיך. ווי א קליין מיידעלע בין איך היינט צו דיר הינטער דער טיר געקומען און כ׳האָב מיט א פערשלאָגענעם אָטעם געשעפּטשעט: מיכאל, צוואנציג יאָהר זענען שוין פארבייגעגאנ־גען... צוואנציג יאָהר זענען שוין פארבייגעגאנגען... מיכאל...

מ י כ א ל

ערינערט זיך.

מיט צוואנציג יאהר צוריק — ווי איצטער איז עס געווען. איך האב דאן מיין ערשטען טריט געמאכט, מיין ערשטען ל ע ב ע־דיגען אידעאל אין א ל ע ב ע נ ס ־ ב י ל ד צו פערקערפערן. איך בין געשטאנען פאר׳ן שוועל פון לעבען מיט אן אויסגעשטרעקטער האנד, געווארט, עמיצער זאל פון ערגעץ קומען, מיך פאר׳ן האנד נעהמען און איבער דער שוועל אריבערפיהרען... און דא; האב איך דיך צום ערשטען מאל דערזעהן. דו האסט דיך פלוצלונג ווי א פריהלינג־טרוים פאר מיר בעוויזען. „קום מיט מיר“... האסטו שטאלץ געזאגט — „לאמיר ביידע אונזער וועג אין לעבען אריין; פאר זיך מאכען“... און אזוי זיכער האט דעמאלט דיין שטימע געקלונגען...

ד א ר א

זיכער בין איך שטענדיג געווען.

מ י כ א ל

און דאך אויף דער זייט שוועל געבליבען.

ד א ר א

ניין, מיכאל, איך בין ווייט פון׳ם שוועל שוין אבגעגאנגען. און דערפאר וואס איך בין מוטער געווען און צוזאמען מיט מיינע קינדער געוואקסען.

מ י כ א ל

און מעהר האסטו שוין נישט פערלאנגט? קיין זאך נישט געזוכט?

ד א ר א

איך האב אין דער געגענוואַרט מיין לעבען געפונען.

מ י כ א ל

נאר דאס דערווייליגע?

ד א ר א

אין דער געגענוואַרט ליעגט אונזער צוקונפט!... צי דען ווייסטו

עס ניט?... די קינדער זענען ד י י נ ע, ווי מ י י נ ע. און אזוי זעלטען הער איך פון דיר דאָס וואָרט: מיינע קינדער.

מ י כ א ל

רעד ווייטער — ווי ביטער ס'זאָל נישט זיין.

ד אָ ר א

געגען מיר האָסטו קיין שולד ניט. עס קען זיין, אז איך בין געגען דיר שולדיג. אפשר האָב איך זיך ווירקליך צופיעל דער געגענוואָרט אָבגעגעבען. אָבער די קינדער — געגען זיי ביזטו שולדיג, מיכאל. צו ענדע בעדאַרף מען אַלע ווערק ברענגען צופיהרען. דו האָסט אין דיינע קינדער קיינמאָל דיין אידעאַל ניט געזוכט. אין דער צייט, וואָס אפשר ניט פיהלענדיג און ניט ווילענדיג, זענען זיי א שטיק פון דיין ליעב, פון דיין נשמה, א טייל פון דיין שעהנסטען לעבען.

מ י כ א ל

ס'איז גרויזאם דאָרא, אפילו דעם אמת מוז מען אויף אמאָל אין דעם אייגענעם הארצען בעגראָבען. פערצייה מיר, מיין קינד...

זיי שווייגען ביידע אַ צייט, איהר קאָפּ אויף זיין ברוסט פערבאָרגען.

ד אָ ר א

זי הויבט אויף איהר קאָפּ, דאָס געזיכט פערוויינט.

ניין, מיכאל, קיינער איז ניט שולדיג.

מ י כ א ל

וואָס טהוסטו, דאָרא? דו וויינסט? דו, דאָרא? איך האָב קיינמאָל קיין טרעהרען אין דיינע אויגען ניט געזעהן — וואָס טהוסטו?

ד אָ ר א

ס'איז פאר שמחה. ס'הארץ איז איבערפולט. כ'בין אזוי נאָהנט צו דיר. איך פלעג שטענדיג אין דעם צימער אומגעהן איינע אליין. איינע אליין; אין דער שטיל זיך צוהערען ביים טיר, — אפשר וועל איך דורך דער פערשלאָסענער טיר דערהערען, ווי ס'הארץ דיינס קלאפט. איך פלעג מיך אין דער שטיל אהער ארייַנשלייכען,

ליגעגן פאר דיין טיר און ניט געוואגט אין איהר אַנצוקלאַפּען. כאָטש איך האָב געשפּירט, ווי מיין לעבען געהט מיר אויס אַזוי אַליין ביי דער שוועל זיצענדיג. אין די איינזאַמע נעכט... איים ליעבע האָב איך עס געטהאָן. כ'האָב קיינמאָל ניט געוואגט צו טראַכטען אַזוינס, וואָס זאָל געגען דיר זיין. אויב אַמאָל האָט זיך אַ וואָרט אַ בייזעס פון מיינע ליפּען ארויסגעריסען, איז עס ניט פון מיין הארצען געוועזן. מיין הארץ האָט שטענדיג געטראָגען די הייליגסטע געפיהלען פאר דיר! מיין נשמה האָט אין איהר פער־באָרגענער טיעפעניש שטענדיג דיין געשטאַלט געטראָגען — חאָטש צייטען זענען פאַריבער און איך האָב דיין געזיכט ניט געזעהן.

מ י כ א ל

פארוואָס האָסטו אין מיין טיר נישט אַנגעקלאַפּט?

ד אָ ר א

איך וואָלט עס נאָך היינט אויך ניט געטהאָן. נאָר ס'איז שוין איבער מיינע קרעפטען געוועזן. מעהר וואַרטען האָב איך שוין ניט גע־קענט.

מ י כ א ל

אַך, מיין קינד, איך בין אַ טרוימער געבאָרען געוואָרען און מיין גאַנץ לעבען איז מיר אין זוכען אריבערגעגאַנגען. מיין גאַנץ לע־בען איז מיר פאַריבער אין זוכען מיין אייגענעם חלום. נאָר איצ־טער, איך שעהם מיך פאר דיר... צי זאָל איך דיר דערצעהלען, אַז אַליין, וואָס איך האָב פאר די צוואַנציג יאָהר געשאַפען, ליעגט שוין האַלב פערניכטעט? ווען דו וואָלסט וויסען, ווי עלענד און נידער־געשלאָגען איך האָב מיך געשפּירט, יעדעס מאָל, איבערהויפּט, ווען מיין נייער בנין איז איינגעפאַלען — ווען מיין אייגען קינד פלעגט פאר דער צייט שטאַרבען...

ד אָ ר א

דיינע קינדער לעבען... דיינע אייגענע קינדער...

מ י כ א ל

דו זאָגסט עס?

דאַראַ

טרערען שטיקען איהרע ווערטער.

ניט עלענד ביזטו געווען. איך בין שטענדיג הינטער דיין טיר געווען. און ווען די קינדער זענען נאָך קליין געווען, פלעג איך זיי מיט זיך מיטנעהמען... וואו איז פּאַפּאַ? האָבען זיי געפּרעפּעלט, און איך האָב זיי אויף דיין טיר אָנגעוויזען.

מיכאל

נעהמט זי פאר'ן האַנד.

קום מיט מיר, דאַרא. קום מיט מיר אהין... איך וויל דיר מיינע צוואנציג יאָהר בעווייזען.

ער עפענט אויף די טיר וואָס אין הינטערגרונד. עס בעווייזט זיך אַ גרויסער אַטעליע. מאַסען לייוועגדען מיט אָנגעפּאנגענע בילדער; טייל פערענדיגטע.

דאַראַ

זי פערדעקט דאָס געזיכט.

ניין, איצטער ניט. איצטער געה איך ניט.

מיכאל

דאַרא, איך וויל, דו זאָלסט צו מיר אריינגעהן.

דאַראַ

מיכאל! היינט האָב איך צו דיר אָנגעקלאפּט... איך האָב דיך ארויסגערופען — ביזט דאָך איינמאָל צו מיר ארויסגעקומען — פערשלים דיין טיר!

מיכאל

ער פערשליסט זיין טיר.

ווי שרעקליך דיינע ווערטער זענען היינט! ווי אונערבארעמדיג זענען דיינע ליידען געווען!... ווען איך הויב איצטער אָן דאָס אַלץ צו איבערלעגען אין מיין געדאנק — איך האָב קיין ווערטער ניט, דאַרא! זאָל איך פאר דיינע פיס פאַלען און בעטען ביי דיר, דו זאָלסט מיר מיין שווערע זינד פערגעבען? — איך זעה אזוי אויף דיין שטאָלצען קאָפּ נישט ארוים.

ד אָ ר א

איך האָב געוואָלט אלץ צו ענדע ברענגען, און צו אונזער צוואַנ־ציג־יאָהריגען יום־טוב דיר א מתנה ברענגען. מיר איז גוט, מי־כאל... איצטער איז מיר גוט. דאָס גליק שטראָמט איבער מיין הארץ. כ׳האָב היינט מיט וועמען דאָס גליק מיינס זיך צוטיילען... וואָס פעהלט מיר? דו ביזט דאָך אזוי נאָהנט צו מיר — ווי דאן... נאָך גאָר אין די ערשטע צייטען. מיר דאכט איך זעה ווידער יענע צייט אין חלום: מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל בעגעגענט אין מיין פאָטערס גאָרטען, אין דעם יונגען פערפלאנצטען פרוכטגאָר־טען... איך האָב דיך געבעטען, דו זאָלסט מיר צום אָנדענקען, אין יענעם טאָג, אויסמאָלען דאָס בילד, ווי מען שטיצט אונטער יונגע פערפלאנצטע בוימלעך, דער ווינד זאָל זיי נישט ברעכען. האָסט עס מיר דאן צוגעזאָגט, מיכאל, און האָסט עס ניט געטהאָן. נאָר דאָס בילד איז אליין פון זיך געוואָרען. דער גאָרטען איז פאר די צוואנציג יאָהר אויסגעוואקסען. גלייך און פרוכטבאר איז יעדער בוים אין איהם. ווי דאן, מיכאל, ביזטו ווידער צו מיר געקומען. פאר דיר האָב איך דעם גאנצען זאָל אין גרינעם אויסגעפוצט. פאר דיר... פאר דיר... פאר דיר...

מ י כ א ל

דאָרא...

ד אָ ר א

דיינע פענסטער קומען דאָך גלייך צום זונענאויפגאנג ארויס. אלע פענסטער. די ערשטע שטראהלען פון פריהמאָרגען קלאפען אין דיינע שויבען... יעדען פריהמאָרגען קלאפען זיי אין דיינע שוי־בען...

מ י כ א ל

ליכטיגער מאך מיר, דאָרא.

ד אָ ר א

ליכטיגער, ליכטיגער...

מ י כ א ל

היינט וועסטו מיר מיינע קינדער ווייזן.

ד אָ ר א

היינט וועל איך דיר אונזערע קינדער ווייזן.

מ י כ א ל

ליכטיגער מאַך מיר, דאָרא.

בלייבען אַ ווײַלע שווייגענדיג.

ד אָ ר א

גלייכט זיך אויס. פיהרט דורך איהר האַנד איבער'ן געזיכט, ווי זי וואָלט וועלען פון איהר בלאָס, צושטרייט געזיכט אַ שווערען חלום אָבווישען. זי בעפרייט זיך אײנגאַנצען פון מיכאל'ן. זי געהט צום לייכטער, און וועלכען ס'ברענען צוויי ליכט. זי נעהמט פון דאָרט איין אָנגעצונדענע ליכט און הויבט אָן מיט איהר פאמעליך, טרוימעריש אָנצינדען די אַלע איבעריגע ליכט. ווען זי טהוט עס, ווערט איהר געזיכט אַלץ ליכטיגער און דערהויבענער. זי רעדט ווי פאַר זיך אַליין.

איין ליכט נאָך דער אנדערער וועל איך צינדען... ליכטיגער זאָל דיר זיין...

מ י כ א ל

קוקט פון דער ווייטען צו יעדער בעוועגונג איהרער, ווי עטוואָס אונגעוועהנליכעס וואָלט פאַר זיינע אויגען פאָרגעקומען.

ד אָ ר א

איין ליכט נאָך דער אנדערער וועל איך אָנצינדען... איין ליכט נאָך דער אנדערער. אַלץ ליכטיגער און ליכטיגער וועט ווערען. און דער־נאָך וועל איך דעם הויכסטען אָנצינדען... איך וועל מיך אויף אַ שטוהל שטעלען, און דו וועסט מיך, דיין קליין קינד, שטיצען.

מ י כ א ל

דערלאַנגט איהר אַ שטוהל און ער העלפט איהר זיך שטעלען אויף איהם. זי צינדט די ליכט אין זשיראַנדאָל, וועהרענד איהרע לינקע האַנד איז אין זיין רעכטער האַנד. מיכאל פערוואונדערט.

ווי ליכטיג ס׳איז שוין ארום! ס׳האָבען דאָך קיינמאָל אין דעם זאַל נישט געברענט אזוי פיעל ליכט.

ד אָ ר א

איצטער וועל איך די מיטעלסטע ליכט אנציגדען. די מיטעלסטע און די הויכסטע.

מ י כ א ל

דאָ האָבען דאָך קיינמאָל אזוי פיעל ליכט נישט געברענט.

ד אָ ר א

איינציגווייז האָב איך דאָ אין יעדען ווינקעל די לייכטער אויפ־געהאנגען.

מ י כ א ל

דאכט מיר, אז אלע ליכט האָסטו שוין אָנגעצונדען.

ד אָ ר א

און איבער דיין טיר מערקסטו גיט?

מ י כ א ל

אך... ווען איז עס געשעהן? דער שעהנסטער לייכטער איבער מיין טיר...

ד אָ ר א

האָסט קיינמאָל ניט געשפירט, ווי איבער דיין טיר האָט דאָס ליכט געברענט. האָב איך ניט געקענט צו דיר אינוועניג אריינקומען, האָב איך אויסענווועניג, איבער דיין טיר, ליכט אָנגעצונדען. זי שטעלט זיך אויף אַ שטוהל און צינדט אָן די ליכט איבער זיין טיר. איצטער וועט ווידער איבער דיין טיר ליכטיג זיין. איצטער וועסטו אויף איהר אָרט שטעלען די ליכט, וואָס האָט אלע איבריגע ארום אָנגע־צונדען.

זי דערלאנגט איהם די ליכט וואָס אין איהר האַנד, ער שטעלט זי אויף איהר אָרט. זי קוקט ארום דעם זאַל, אויף דעם שטוהל שטע־הענדיג.

מיכאל

דאָרא, וואו זענען די צוואנציג יאָהר פערשוואונדען געוואָרען?...

דאָרא

און ווי מיט צוואנציג יאָהר צוריק וועל איך פון שטוהל אראָב־שפּרינגען.

זי שפּרינגט אַראָב און פאלט אין זיינע אָרעמס. שווייגען אַ צייט.

מיכאל

ווי שעהן איז די יוגענד!

דאָרא

ווי שעהן איז אונזער יוגענד!... זי בעפרייט זיך פון איהם, רופט. קינדער מיינע! קינדער מיינע!...

די טיר אין הינטערגרונד, פון מיכאלס אַטעליע, פראלט זיך אויף, און עס קומען פון דאָרט ארויס אין מאַסקען־קליידער עמאַ, פּרידע, יוליאן און טילע.

עמאַ

געקליידעט אין הימעל־בלויען זייד און אויף איהר, ארום, פינקלען שטערען. אויף'ן קאָפּ אַ קרוין מיט אַ האַלבע לבנה. זי פיהרט פאר'ן האַנד פּרידען.

פּרידע

געקליידט אין אונשולד־ווייס. אויף איהרע הענד, אַקסעל און קאָפּ שטעהען טויבען קלאָר־ווייסע.

יוליאן

אין וועכטער־קליידער. אין איין האַנד אַ שטעקען, אין דער צווייטער אַ לאַמטערן. זיין אויסזעהן שטאָלץ און דרייסט. פיהרט פאר'ן האַנד טילען.

טילע

געקליידט הימעל־בלוי. וואָס העכער צו אַקסלען צו, ווערט דער שטאָף פון איהר קלייד אַלץ העלער און העלער. זי טראָגט אויף'ן קאָפּ אַ ליכטיגע אָנגעצונדענע זון, וועלכע ווארפט שטראַהלען אויף אַלע זייטען

פערגאפט.

קינדער מיינע! קינדער מיינע! פון מיין טיר זענט איהר ארויסגע־קומען. ווי שעהן איהר זענט!

ע מ א

ווי שעהן ביזטו, אונזער פאָטער...

מ י כ א ל

און דו אין וועכטער־קליידער פון וואנען געהסטו?

י ו ל י א ן

איך קלייב זיך נאָך איצטער אין וועג אריין.

מ י כ א ל

און דו, פרידע, ביזט אויך דאָ?

פ ר י ד ע

מיט אייערע קינדער וואקס איך איצטער.

מ י כ א ל

צו טילען.

וואָס טראָגסטו אזעלכעס אויף דיין קאָפּ?

ט י ל ע

איך טראָג די זון אויף מיין קאָפּ.

ע מ א

צי דערקענסטו, פאָטער, דיינע קינדער?

מ י כ א ל

אוים טרערען.

איך דערקען אייך, מיינע קינדער. הינטער מיינע פּלייצעס זענט איהר אויסגעוואקסען. אייער פאָטער האָט זיין טרוים געזוכט אין איהר... שעהן ווי דיין מוטער ביזטו...

י ו ל י א ן

וואס וועסטו זאָגען דיין זוהן, איידער ער וועט פון דיין שטוב ארויסגעהן?

מ י כ א ל

וואוהין, מיין קינד, געהסטו דען?

י ו ל י א ן

איך געה אלע פערשלאָפענע טרוימער צום לעבען וועקען.

מ י כ א ל

אלע טרוימער, אלע טרוימער; און דיין פאָטער מיינסטו?

ע מ א

אונזער פאָטער האָט די מוטער וואך געמאכט.

מ י כ א ל

צו עמען.

וואוהין געהסטו, מיין קינד?

ע מ א

די נאכט איז גרויס; איך פיהר ארויס די לבנה מיט די שטערען, זיי זאָלען די נאכט בעלויכטען.

מ י כ א ל

צו פרידען.

און דו וואוהין געהסטו?

פ ר י ד ע

ס'איז נאכט, אלע שלאָפען — איך וועל פאר דעם פערשלאָפענעם לעבען דער טרוים פון בעגינען זיין.

מ י כ א ל

צו טילען.

און דו מיין אינגסטע טאָכטער?

ט י ל ע

איך טראָג די זון אויף מיין קאָפּ.

מ י כ א ל

ווער האָט דיר זון איבער דיין קאָפּ אָנגעצונדען?

ט י ל ע

די מאַמא האָט זי מיר אויפ'ן קאָפּ אָנגעצונדען.

ד אָ ר א

פראלט אויף די טיר לינקס.

איצטער, קינדער אונזערע, געהט דורך דער פרייער און ברייטער טיר!...

ע מ א, דערנאָך פ ר י ד ע, נאָך איהר י ו ל י א ן, צי־לעצט די קליינע ט י ל ע מאַרשערירען ארויס דורך דער ברייט געעפענטער טיר.

מ י כ א ל

ער קוקט מיט ברייט געעפענטע אויגען אין דער זייט, וואו זיינע קינדער ווערען פערשוואונדען. מורמעלט.

ווי גרויס זענען דיינע וואונדער... ווי גרויס זענען דיינע וואונ־דער...

ד אָ ר א

קוקט אין דער אָפענער טיר שרייט זיי נאָך, איהרע קינדער.

מונטערער, מונטערער!... די זון לעשט ניט אויס!...

ע נ ד ע.

6749

Toronto Jewish Public Library
THIS BOOK MAY BE KEPT
21 DAYS
and may be renewed once, if no application has been registered for it. A fine of 4 cents a day is charged, if the book is kept after the last date stamped below. No book will be issued while a fine remains unpaid.
PLEASE ADVISE CHANGE OF ADDRESS

DATE DUE

הירשביין, פרץ טעאטער
געזאמעלטע דראמען (פיעסע)
היר
ב. 4 6749

6749